מיין שטעדטעל

בילדער און געשטאַלטען

פון

דר. ש. מ. מלמד

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

פארוואָרט.

מיין שטעדטעל וואס איז אזוי גרויס ווי דער שפּיץ פון א בוריק, האט געהאט א באפעלקערונג פון עטליכע הונדערט טויזענד אידען. אבער דיזע הונדערטע טויזענדע אידען האָבען ניט אלע געלעבט אין דער גלייכער צייט, און ווען איך האָב זיך אראפּגעלאזען אויף דיעזען פּלאַנעט און בין אריינגעוואָרפען געווארען אין מיין שטעדטעל, האבען דארטען געלעבט דריי טויזענד אידען. די אנדערע זיינען געווען אויף דעם אלטען בית עולם, וועלכער איז געווען אזוי אָנגעפּיקעוועט מיט קברים, ווי א קארנפעלד מיט זאנגען. פון די פּאָאר טויזענד אידישע נפשות אין שטעדטעל זיינען נור געווען א העלפט רעגיסטרירט אלס לעבעדיגע. די אנדערע, די מענליכע העלפט, איז גאָר ניט געווען רעגיסטרירט. סיידען א אינגעל איז געבאָרן געוואָרן א קריפּעל און דער טאַטע האָט ניט געהאט וואָס מורא צו האָבען, אז ווען ער וועט ווערען צוואנציג יאהר, וועט מען איהם צונעהמען פאר א זעלנער. און אזוי האָט דער מעכטיגער קייזער פון רוסלאנד באזעסען אין מיין שטעדטעל נור ווייבליכע אונטערטאנען.

און אין מיין שטעדטעל זיינען אויך געווען מעהר מיידלעך ווי בחורים, דען אזוי שנעל ווי א אינגעל איז געווארען א בחור, איז ער אוועק אין אמעריקא.

אין פריעדענסצייטען איז מיין שטעדטעל אפילו אויף דער לאנדקארטע ניט געווען, אבער אין מלחמה צייט, ווען יעדער מילב ווערט א לייב און יעדער גראבען א קרעפּאסט, איז אויך מיין שטעדטעל געווען א וויכטיגע סטראטעגישע פּאזיציע. ווייל זי געפינט זיך ניט ווייט פון דייטשען גרענעץ. דאס ערקלעהרט אויך, פארוואָס אלע מלמדים האָבען אין מיין שטעדטעל געלערנט מיט די קינדער חומש, רש"י און שיללער. דער רבי האט מיט זיי פארטייטשט שיללער. די איינציגע געלעגענהייט וואס מיין שטעדטעל האט געהאט אויך אין פריעדענסצייט, דערמאהנט צו ווערען, איז ווען א פּאָארעל האט זיך גע'גט, דאן איז ניט נור די שטעדטעל, נאָר אויך דער טייך, דער באריהמטער סטאַוו, דערמאָהנט געוואָרן אין גט, און דער סטאַוו איז ווירקליך א גינסטיגער טייך. ער איז איינער פון יענע זעלטענע טייכען, וועלכער פערלאנגט ניט קיין מענשליכע קרבנות. קיינער האט זיך נאך אין איהם ניט דערטרונקען. אין זומער איז ער אין גאנצען אויסגעטריקענט און אין ווינטער איז ער א דינע אייזדעקע, און דיענט די חדר־אינגלאך אלס ספּארט־פּלאץ זיך צו גליטשען.

מיין שטעדטעל איז אלט אין יאהרען. די שטאדטישע שוהל, איז אן אלטע, הילצערנע געביידע, וואס געפינט זיך ניט ווייט פון דער אלטער באָד, וועלכע איז א צענטער פאַר פלעדערמייז פון דער גאנצער אומגעגענד פאַר די לעצטע פינף הונדערט יאָר, אָבער אין שטעדטעל איז די צייט געשטאנען שטיל. פיעלע דורות זיינען אין איהר אפּגעקומען חיבוט הקבר אויף דער וועלט, אזוי

ווי דער אלטער בית עולם מיט זיינע גרויע מצבות, האט זי איהר צורה ניט געביטען פאר די לעצטע צעהן דורות, און פריהער האט זי גאר קיין צורה ניט געהאט. דיזעלבע אונברוקירטע גאסען און געסלאך, דיזעלבע הילצערנע כאטעס מיט דעכער פון שינדלען. דערזעלבער שטאדט־באָק, וועלכער איז געווען די פרייד פון די חדר אינגלאך שבת פאר נאכט און פון די ציגען א גאנצע וואך, דיזעלבע בלאָטעס אין פריהלינג און אין הערבסט און דערזעלבער מארק מיט די צוויי רייהען קראמען, אין וועלכע די קרעמער זיינען א גאנצע וואך געזעסען און האָבען געוואָרט אויף בריעף און געלד פון זייערע קרובים אין אמעריקא, דערזעלבער בית המדרש מיט די צוויי פאליטישע פארטייען. די טערקישע און די אנטי־טערקישע פארטיי און דערזעלבער אלטער שכור'ער פאליציאנט וועלכער איז געווען א משומד און האט געזוכט א תיקון פאר זיין נשמה דורך טראגען דעם טשאלענט יעדען שבת פון בעקער צו די בעלי בתים אין די הייזער.

אין מיין שטעדטעל האט קיין מאהל קיין זאך ניט פאסירט, און אין דעם זינען איז זי נאר געווען א פארטזעצונג פון בית עולם. די הויפט פאסירונג איז געווען, ווען א שידוך איז אפגעגאנגען, ווייל די כלה'ס עלטערען וועלכע האָבען צוגעזאגט קעסט, א וועקסעל און באר־געלד אלס נדן, האבען געהאט דעם וועקסעל און ניט דאָס בארגעלד. דאן האָבען מענשען געהאט פון וואָס צו רייִדען. עס האָבען זיך דאן באלד געבילדעט צוויי פארטייען, די פארטיי פאר דעם חתן און די פארטיי פאר די כלה. אלע טאטעס וועלכע זיינען געווען געבענטשט מיט א סך טעכטער האבען געהאלטען מיט דער כלה און איהרע עלטערען, און אלע בעזדעטניקעס אדער וועלכע האבען קיין מיידלאך ניט געהאט, אדער וועלכע האָבען שוין געהאט די טעכטער אויסגעגעבען, האָבען געהאלטען מיט דעם חתן. עס איז אויך געווען א וויכטיגע פאסירונג, ווען אין שטעדטעל איז געקומען א גוטער איד און האט זיך אויסגעגעבען אלס ירושלמי און איז באמת געווען פון אניקסט אדער פון איישישאָק. דער גוטער איד איז געווען די הויפטפיגור אויף דער בימה שבת אין שוהל, און אלע עקרות האבען זיך פאר איהם שטארק אינטערעסירט און אויף איהם געלעגט גרויסע האפנונגען. זאנסט איז אין שטעטעל קיין מאהל קיין זאך ניט פארגעקומען. שטארבען פלעגען נור אלטע לייט, ווייל די יונגע פלעגען אויסוואנדערען.

מיין שטעדטעל האט געהאט א סך וויכטיגע אינסטיטוציאנען, די אלטע שוהל מיט איהר בעריהמטען פאָלוש אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען בערג מיט שמות. דער בית המדרש מיט דעם אפגעברענטען דאך, די שניידערשע קלויז אין וועלכע עס האָבען קיין שניידערס קיין מאָל ניט געדאַוועגט, און די שוסטערשע קלויז, וועלכע האט געהאט נור צוויי שוסטערס צווישען איהרע דאוונער, יהושע האָהן און רבי אליהו יוחנן דער גרינער, און בערעלע, דער אלטער שמש פון בית המדרש, פון וועלכען מען האט געזאָגט, אז ווען דער גובערנאטאר איז א מאהל דורכגעפאהרען דורך מיין שטעדטעל, האט ער איהם געגעבען די האנט און האט איהם איינגעלאדען צו זיך אין עקיפאזש. בערעלע איז געווען דער פיהרער פון דער פרא־טערקישער פארטיי, און ער האט שטענדיג שטאלצירט מיט אסמאן פאשא, דעם פארטיידיגער פון פלעוונע. אויף אסמאן פאשא און אויף דעם דין פון שטעדטעל, האט בערעלע ניט געלאזט פאלען קיין האָאר. א וויכטיגע אינסטיטוציע איז אויך געווען רבי ישראל איסר דער אונטערשמש, וועלכער פלעגט זיך שטענדיג קריעגען מיט די ישיבה בחורים. זיי האבען פערלאנגט סטעארין ליכט צום לערנען און ער האט זיי דוקא געוואָלט געבען

חלב'נע ליכט, און ער האָט אַלעמאָל אויסגעפיהרט. צו די באַקאַנטעסטע פיגורען אין שטעדטעל האבען א חוץ נח'קע דער משוגענער, א גרויסער מנגן, געהערט, דער דין וועלכער איז געווען א געוואלטיגער מתמיד און האט ניט געקענט לערנען, ווייל ער האט געהאט א הילצערנע קאפּ און א רויטע באָרד, חיים יוסף דער קצב, וועלכער האט געזאגט דעם בלאט פאר די גרויסע חברה ש"ס אין בית המדרש און וועלכער פלעגט קיין מאָהל ניט צומאכען די גמרא איידער ער האט אוועקגע'הרג'עט א מהרש"א און געגעבען דעם מהרש"ל מיט א האמער איבער'ן קאָפּ, אליהו מוקצה, א לאַנגער בלאָנדער איד, וועלכער פלעגט ארומגעהן אין פאנטאָפעל אויפ'ן גאס, זומער און ווינטער, אַנצודייטען, אז דיזע וועלט איז נור א פאלוש, און עס איז ניטא פאָר וועמען זיך אנצוטאָן. רבי אליהו מוקצה איז געווען א גרויסער למדן און זיינע שונאים האבען פון איהם געזאגט אז מעהר ווי זעקס מאָהל האט ער ש"ס ניט דורכגעלערנט. רבי אליהו האט ניט געהאלטען פון מוקצה או! האָט שטענדיג געהאלטען א מלחמה מיט דעם רמב"ם, וועמעס אויטאָריטעט ער האָט ניט אַנערקענט. די שרעקליכסטע פיגור אין שטעדטעל איז געווען חיים זלאָטע די גנידע, א לאַנגער איד מיט א קליין בערדעל און א פּאָאָר לאנגע אויערען. חיים זלאָטע די גנידע און געווען א קאָלעקטאָר פאָר די חברה ביקור חולים. ער האט גערעדט לאנגזאם און פיעל. ער האט אנגעהויבען א זאַטץ אין דער פריה, און ווען ער האָט איהם געענדיגט איז שוין געווען טיעפע נאכט או! די מתים האבען שוין געדאווענט אין שוהל. יעדער האָט איהם אויסגעוויכען, און ער איז געווען דער בעסטער קאלעקטאר, וואס די חברה ביקור חולים האט ווען עס איז געהאט. קיינער האט זיך מיט איהם ניט געוואלט אריינלאָזען אין א געשפּרעך, ווייל דאס וואלט געמיינט שטארבען אונטער זיינע הענד, און דערפאר האט ער נור געדארפט בעטען געלד און ער האט געקראגען.

אין צענטער פון שטעדטעל איז געווען דער מארק, או! אין צענטער פון מארק איז געשטאנען א לאַנגע און שמאָלע איינשטאָקיגע געביידע, איז וועלכע עס האבען זיך געפונען אלע קראמען. דער מארק איז געווען א ברייטער פיערעקיגער פלאטץ אויף וועלכען עס האבען זיך ארומגעטריבען ציעגען, הינד, גענז, אלטע פערד און שכור'ע גוים. אָבער אזוי ווי דער מארק איז געווען זעהר גרויס, און האָט אויסגעזעהן ווי דער לאנגער געניץ פון א מויל־אייזעל, איז ער געווען פוסט, אפילו ווען מען האט אויף איהם געזעהן לעבעדיגע בעשעפענישען. זונטאָג דאגעגען איז ער געווען אן אמת'ער יאריד. זונטאָג פלעגען אריינקומען די גוים פון די ארומיגע דערפער און ברענגען אין שטאדט זייערע לאנד־פראָדוקטען און קויפען שנאָפּס און אנדערע זאכען. אבער לרוב שנאפּס. אלע אידען וועלכע האָבען געהאנדעלט מיט היהנער, קאטשקעס, אייער, היי און פערד, האָבען זונטאג געהאט זייער טאג. זונטאג איז געווען דער טאָג, ווען זיי האבען פארדיענט א סך געלד, דריי רובעל און א מאהל צוואנציג רובעל אויך, אבער דאס איז ניט געווען יעדען זונטאג. עס איז אפט פארגעקומען, אז א איד האָט אפּגעקויפט ביים פויער זיין היי און האבער, זיינע היהנער און קאטשקעס, און אויך זיין פערד און וואָגען, און דער פויער, אנשטאָט צוריקפאָהרען אין דאָרף פלעגט בלייבען ליעגען א שכור'ער אויפ'ן מארק איבער נאכט, און אויף מאָרגען פלעגט ער זיך אוועקשלעפען אין דארף צו פוס, סיידען דער פאליציאנט, אויב ער איז אליין געווען ניכטער, האָט איהם ארעסטירט און איהם אָפּגעשיקט אין דאָרף מיט דעם עטאַפּ. דאָס האָט געמיינט פאָר דעם פויער א נסיעה פון זעקס וואכען אויפ'ן קייזער'ס חשבון...

פון מארק האבען זיך געצויגען געסלאך אין אלע ריכטונגען, און די געסלאך זיינען געווען שטיל. זיי האבען אויסגעזעהן ווי לאנגע רייהען מיט קברים. אין מיטען וואך האט מען נור ווייניג מענשען געזעהן אויפ'ן גאס. די גאס איז געווען פאר הינד און פאר שכור'ע גוים. וואס האט א גאטספארכטיגער איד צו טאן אויפ'ן גאס? זיין פלאטץ איז אין קראם, אין שטוב, אין בית המדרש. דערפאר זיינען די גאסען געווען לעבלאז און דער איינציגער צייכען פון לעבען איז געווען א לויה, א חתונה, אדער ווען די זעלנער פלעגען מארשירען דורך די גאסען. דאן פלעגען די קרעמער שנעל צושליסען די קראמען, ווייל זיי האבען מורא געהאט אז די זעלנער וועלען זיך ארייכאפען און אנהויבען פלינדערען. אין די זייטיגע געסלאך, וועלכע זיינען געווען בעקאנט אונטער דעם נאמען „די יונישע”, האט מען זעלנער קיין מאהל ניט געזעהן, און קיינער פלעגט אין דיזע געסלאך קיין מאהל ניט קומען. ווען ניט דאס הוסטען פון אלטע לייט אדער די שטימע פון קינדערלאך, האט מען קיין מאהל קיין צייכען פון לעבען אין יענע געסלאך ניט געזעהן. די איינציגע פיגור אין יענע געסלאך איז געווען יאשע דער וואסער־טרעגער. ער איז געווען דער איינציגער וואסער־טרעגער אין יענער געגענד פון שטעדטעל און מען האט איהם שטענדיג געזעהן מיט זיין נאשטשע אויף די פלייצעס.

פון וואס די אידען אין מיין שטעדטעל האבען געלעבט וויים איך ניט. יעדער האט אבער געהאט א קראם אדער קרעמעל. אויב די ווייב פון קרעמער האט געהאט א סך קינדער, איז ער געזעסען אין קראם און האט געזאגט תהלים, און אויב די ווייב האט ניט געהאט פיעל קינדער, איז זי געווען די עקרת הבית און ער איז געזעסען אין בית המדרש און האט געלערנט. אבער אלע האבען געהאט קרובים אין אמעריקא און ענגלאנד. פיעלע אידען האבען געהאנדעלט מיט פערד בייטאג און מיט קאנטראבאנד בייננאכט. פיעלע האבען פארקויפט ביכער, שיפסקארטען, אתרוגים און ארץ ישראל ערד. בכלל האט מען געלעבט איינער פון דעם אנדערען. פון דעסטוועגען זיינען אין שטעדטעל געווען עטליכע געזונטע גבירים. זיי האבען געהאט בארשטען פאבריקען און פלעגען פערקויפען זייערע סחורה אין לייפציג אויף דער מעסע. זיי האבען באשעפטיגט ארבייטער, און האבען זיי געצאהלט פיער רובל א וואך פאר זעכצעהן שעה א טאג ארבייט. מיין שטעדטעל האט זיך טאקע געקענט באריהמען אז זי האט געהאט מעהר דושלעווע ווי אירגענד אנדער שטעדטעל.

דער איינציגער איד, וועלכער האט זיך געקאנט באריהמען, אז ער איז קיינמאהל ניט געווען אהן ארבייט, איז געווען דער אלטער קברן, רבי ירוחם דער מלאך המות... נאר אזוי ווי יעדער איד האט געהאט צעהן, צוועלף, פערצעהן קינדער, האט עס ניט אויסגעמאכט — א קבר מעהר, א קבר ווייניגער. אלע זיינען געווען ארעם און אלע האבען געהאט פיעל קינדער. ווען א אידענע פלעגט אין מיטען וואך געהן קויפען פלוימען, האט דער קרעמער קיין מאהל ניט פארפעהלט צו פרעגען: ווער איז ביי אייך קראנק? וויינטרויבען האט מען אין שטעדטעל געזעהן נור איין מאל א יאהר, ערב ראש השנה, און א פלעשעל ויין האט מען געמוזט קויפען אין אפטייק. פון דעסטוועגען האט די שטעטעל געצאהלט דעם רב צעהן רובעל א וואך מיט הייוען און זאלץ, און דעם דיין זעקס, רובעל, און האט נאך דערצו אויסגעהאלטען א פאר טוטץ ישיבה בחורים און דריי פרושים.

די שטעדטעל האט געהאט א בריק און א קלאטקי. איבער דער בריק

זיינען געגאנגען די נגידים, וועלכע האבען געוואוינט אויף יענער זייט, דאס הייסט אויף יענער זייט טייך, און איבער דער קלאטקי, וואס האט זיך געפור־נען הינטער דעם אלטען בית עולם, זיינען געגאנגען די קבצנים, אויף יענער זייט בריק זיינען געווען די הייזער פון די גבירים פון שטעדטעל, אויף יענער זייט קלאטקי דער אלטער בית עולם, דער הקדש און אלטע כאטעס פאר די אָרימע לייט. אונטער דעם בריק פלעגען זיך שפּיעלען די רייכע, אונטער דער קלאָטקי פלעגען זיך שפּיעלען די אָרימע חדר אינגלאך. ביידע גרופּען אינגלאך האָבען זיך נור געטראפען מיט זייערע טאטעס אין באד, אָבער אין באָד האט מען זיך ניט געקענט זעהן, ווייל די פּאַרע איז געווען צו געדיכט און אין באָד האָט מען אויך ניט געקענט ריידען, ווייל די היטץ איז געווען צו גרויס. דאָס איינציגע וואָרט וואָס מען האָט יאָ געקענט הערען אין באָד, איז געווען: א מחיה! דיזעס וואָרט פלעגט קומען פון דער דריטער באנק, וואו די אידען זיינען געלעגען אויסגעצויגען און האבען זיך געריבען מיט דעם קורצען בעזימעל, פאר וועלכען יעדער האט געדארפט צאהלען דריי קאפּיקעס עקסטרא. אלזא אויך אין באָד האבען זיך די צוויי פארשידענע קלאסען קינדער ניט געקענט מיט איינאנדער באקענען, און שמחת תורה, אונטער דעם טלית פון בעל קורא, ווען מען רופט אוים כל הנערים, אויך ניט, ווייל די אָרימע קינדער פלעגען געהן מיט זייערע טאטעס אין די שניידערשע אדער אין די שוסטערשע שוהל. די דעמא־קראטיע אין שטעדטעל איז נור געווען א דעמאקראטיע פון לערנערס. האט איי־נער געקענט לערנען, איז ער געווען א יחסן און האט געקענט דאווענען אין גרוי־סען בית המדרש. די עם הארצים און קבצנים האָבען געמוזט דאווענען אין די קלייזלאך, ווייל אין גרויסען בית המדרש וואלטען זיי קיין מאהל קיין עליה ניט געקראגען. אפילו מחדש זיין די לבנה פלעגען זיך אויסשטעלען די אידען פון פארשידענע בתי מדרשים אין באזונדערע גרופען. די גבירים און לומדים פון בית המדרש האָבען עקסטרא באגריסט די לבנה און די אָרימע און אונווי־סענדע שניידער און סטאָלערם און קירזשנערס האבען איהר אָפּגעגעבען זייער אייגענעם גרוס.

די מיידלאך האט מען א גאנצע וואך ניט אָנגעזעהן. מען האט געקענט אָפּ־זיין א גאַנצע וואָך אין שטעדטעל און ניט זעהן קיין מיידעל אויפ׳ן גאס. דערפאר האָבען זיי זיך שבת געלאָזט זעהן אין זייער פראכט און גלאנץ. שבת פארנאכט פלעגען זיי זיך ארויסלאָזען אויף א שפּאציר אויפ׳ן שאסעע וואס פיהרט צו דער פּאָטשט. דאָס איז געווען דער פערטעל פון די גבירים. דארטען האט געוואוינט דער אפטייקער, דער דאקטאר, דער מיראוואי סודיא, דער פריץ פון שטעדטעל און די געהויבענע בעלי בתים. די מיידלאך האָבען זיך ארויסגעלאָזט אין גרו־פּען, און נור ווען אַ מיידעל איז שוין געווען פאר׳קנס׳ט, פלעגט זי געהן מיט א בחור. און דאן פלעגען איהר אלע אנדערע מיידלאך מקנא זיין, אבער גאנץ קלו־גע מוטערס האבען ניט געלאזען חתן כלה ארויסגעהן צוזאמען עפענטליך. זיי האָבען מורא געהאט פאר אן עין הרע אדער סתם פאר משחיתים, ספּעציעל נאכ־דעם ווי עס איז אמאָל פאָרגעקומען אז א חתן, וועלכער איז שבת פארנאכט ארוים שפּאצירען אין באגלייטונג פון זיין כלה, איז געביסען געוואָרן פון אַ הונט און איז פון ביס געשטאָרבען. דאָס איז געווען אַ ווארנונג פאָר די מוטערס צו זיין פארזיכטיג. ווען די מיידלאך האבען זיך שבת פאר נאכט ארויסגעלאזען אויפ׳ן שאסעע צו דער פּאָטשט, האָט מען שטענדיג געזעהן עטליכע עלטערע אידען אין זייער באגלייטונג. דאס זיינען געווען די פּאַאַר דאמסקי שניידער אין

שטאדט. זיי האבען זיך געוואלט איבערציינגען אויב די קליידער וואס זיי האבען
פאר זייערע קונדען גענעהט, זיינען געווען ריכטיג אין סטאז, און אויב די אר־
בייט איז בכלל געווען גוט, ווען די מיידלאך האבען פון ווייטען דערזעהן דעם
ליכטארניע־צינדער מיט דעם לייכטער אויף די פלייצעס, האבען זיי געוואוסט,
אז עס איז צייט צו געהן אהיים. ווען די מיידלאך זיינען אוועקגעגאנגען אויף א
שפאציער, זיינען די מאמעס געזעסען אויף דעם שוועל פון די הייזער און הא־
בען זיך געגענזייטיג דערצעהלט פון די שעהנקייט פון זייערע טעכטער און
פון די גליקען פון די זיהן אין אמעריקא. זיי וועלען שיקען אויף נדן און נאט
וועט צושיקען דעם באשערטען, ווען די מענער זיינען צוריקגעקומען פון שוהל
אדער בית המדרש זיינען שוין די טעכטער געווען אין דערהיים. די מאמעס הא־
בען שוין געהאלטען אין אראפנעהמען דעם ווייסען טישטאך פון טיש. מען האט
זיך געזאגט גוט וואך און די שטעדטעל האט זיך ווידער פערלארען אין פינסטער־
ניש און אומעט.

מיין שטעדטעל האט געהאט פינף חדרים, א ת"ת און דערצו נאך פינף
פאקולטעטען, די מעדיצינישע, די יוריסטישע, די מאטהעמאטיש־נאטורוויסענ־
שאפטליכע און די קולטורפאקולטעט. פון די פינף מלמדים אין שטאדט איז איי־
נער געווען א לעהרער, דאס הייסט ער האט ניט געקענט קיין העברעאיש און
האט געלערנט מיט די קינדער דייטש און זיין דייטשע בילדונג האט ער געהאט
פון דער רוסישער קאזארמע, וואו ער האט פערבראכט פינף יאהר פון זיין לע־
בען. פון די אנדערע פיער איז איינער געווען א מקרא דרדקי, איינער א רבי
און צוויי קאליקעס, דאס הייסט, זיי זיינען געווען מלמדים, ווייל זיי האבען
ניט געוואלט אדער ניט געקענט זיין קיין בעלי עגלות. דער איינציגער וועלכער
איז געווען א ריכטיגער רבי, איז געווען א איד א מופלג, נאר ער האט געשטאמעלט
אין ריידען און איז דערצו געווען בלינד אויף איין אויג. אזוי ווי ער האט זיך
ווייניג וואס געקענט באנוטצען מיט דעם צונג, האט ער זיך באנוצט מיט די
הענט. ער האט געהאט צוויי לאנגע, דארע און שמוטציגע הענט, און ווען איי־
נע פון זיינע הענט פלעגט זיך פארבלאנדזשען אויפ'ן באק פון א אינגעל, איז
שוין אויף דעם ארט קיין גראז ניט געוואקסען.. און זיינע הענט פלעגען אפט
געפינען זייער וועג צו די באקען פון די קליינע אינגלאך. איין מאהל איז ער
מיר אזוי ריכטיג פארפאהרען, אז איך האב א האלבע שטונדע געבלוטעט, אבער
ער האט שוין ניט געהאט קיין געלעגענהייט דאס צו טאן א צווייטען מאהל..
ער האט אויך מיט די קינדער פארטייטשט שיללער.

וויכטיגער ווי די חדרים זיינען געווען די אויבענדערמאהנטע פיער
פאקולטעטען. די אינטערעסאנסטע איז געווען די מעדיצינישע פאקולטעט,
וועלכע איז בעשטאנען פון דעם דאקטאר, דעם דענטיסט, דעם פעלדשער, דעם
רופא, דער הייבאם און דער פרוי וואס פלעגט אפשפרעכען עין הרע'ס, דיזע
פאקולטעט פון זעקס האט געהאט פינף פריווילעגירטע פערזאנען. דער דאק־
טאר האט געמעגט פיהרען א טריפה קיך און האט אויך געמעגט עפענטליך רוי־
כערען שבת, אפילו ווען ער איז פערבייגעגאנגען א מקום קדוש. ער איז געווען
דער איינציגער איד אין שטעדטעל וועמעס דיענסטמיידעל האט געמעגט קוי־
פען ביים קצב טריפה פלייש... דער דאקטאר האט געמעגט קומען יום כיפור צו
כל נדרי אין שוהל אין באגלייטונג פון פריץ פון שטעדטעל, שטעהען א ווייל
און דאן מיט דעם פריץ אוועקגעהן. דער אפטייקער דאגעגען האט נאר געמעגט

פיהרען א טריפה קיך, אבער רויכערן עפענטליך שבת האט ער ניט געטארט. און ווען ער וואלט עס געטאן וואלט מען איהם באווארפען מיט שטיינער. דאגעגען האט ער געקענט שבת קויפען פון דעם רוסישען סאכאר מאראזש פעדלער פאר דריי קאפיקעס סחורה און עס געבן זיין קליין מיידעלע. דער פעלדשער האט ניט געטארט פיהרען קיין טריפה קיך, אבער ער האט געמעגט טראגען שבת א שטעקען, דער דענטיסט האט געמעגט שבת רויכערען אין דערהיים אבער ניט אויפ'ן גאס. דער רופא האט שבת א שטעקען אויך ניט געטארט טראגען, דאגעגען האט ער געמעגט שערען זיין בערדעל. דער פעלדשער דאגעגען האט זיך געמעגט גאלען די בארד. די הייבאם האט געמעגט געהן מיט די אייגענע האאר, אבער זאנסט איז זי געווען א אידענע ווי אלע אנדערע אידענעס... דער דאקטאר, דער אפטייקער און דער דענטיסט האבען געקענט ריידען רוסיש, ווען זיי זיינען געקומען אין א מקום קדוש, אבער דער פעלדשער האט עס ניט געטארט. אמת, ער האט מוזט ריידען אידיש, און דער רופא האט געמעגט קומען צום לעצטען מנין פאר שמונה עשרה און קיינער האט אויף איהם קיין פאריבעל ניט געהאט. ווען עס איז שפעטער אנגעקומען אין שטעדטעל א דאקטאר, וועלכער האט זיך אויסגעגעבען פאר פרום און האט געזאגט אז ער איז א שומר שבת, האט מען זיך פון איהם אויסגעלעכט. ער האט ניט געהאט דעם פארטרויען פון שטעדטעל. היתכן א דאקטאר וועלכער איז פרום? מסתמא איז ער ניט קיין גוטער דאקטאר. ספעציעל די מיידלאך האבען פון איהם גארניט געהאלטען, און ער האט טאקי שפעטער געמוזט פארלאזען די שטעדטעל, ווייל ער האט ניט געקענט קאנקורירען מיט דעם מאדערנעם, טריפות עסענדיג, יום כיפור ארומפאהרענדען דאקטאר. דיזער מאדערנער דאקטאר פלעגט אפילו יום כיפור עפענטליך רויכערען, און כדי ניט אויפצורייצען די אידען, פלעגט ער דוקא יום כיפור זיך אנטאן אין זיין יוניפארם פון א שטאבס-קאפיטאן און אזוי ארומשפאצירען אין די געסלאך מיט א סיגארעט אין מויל און מיט א פארריסענעם נאז. ווער וועט עס זאגען א ווארט צו א מאן, וועלכער טראגט דעם קייזער'ס מונדיר מיט גאלדענע פאלעטען? דער אפטייקער און דער דענטיסט דאגעגען, האבען יום כפור בייטאג געמוזט קומען אין שוהל — דאס איז געווען א מין אונגעשריבענער געזעטץ.

די יוריסטישע פאקולטעט איז בעשטאנען פון דעם טשאסטני פאווערעניע, פון דעם פראשעניע שרייבער, וועלכער פלעגט זיך אליין רופען גלאווניע פיסאר, און יאנקעלע זאקאניק. דער טשאסטניע פאווערעניע, א מין ווינקעל אדוואקאט, האט געהאט אונגעפעהר דיזעלבע פראוועס ווי דער אפטייקער. ער האט געמעגט פיהרען א טריפה קיך, און האט אויך געמעגט שבת געהן אין מיראווי סוד און שרייבען—ווען נויטיג. אבער מעהר האט ער נישט געטארט. יאנקעלע זאקאניק דאגעגען איז געווען א איד פון א גאנץ יאהר, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א גרויסען יוריסט און פלעגט יעדען אידען געבען יוריסטישע עצות, ווי צו קריגען א גובערנאטארסקי פאס, וואס צו טאן, ווען מען פארלירט א פראצעס, און אזוי ווייטער. די איינציגע פריווילעגיע וואס ער האט געהאט, איז ניט טראגען קיין פאות, גאלען האט ער זיך ניט געטארט. דאס איז נור געווען די פריווילעגיע פון דעם טשאסטניע פאווערעניע. יאנקעלע זאקאניק פלעגט מאכען חוזק פון דעם טשאסטניע פאווערעניע און פון דעם פראשעניע שרייבער. ער איז געווען איבערציינגט, אז ווען עס קומט צום זאקאן—לאזט איהם. און עס איז געקומען דער טאג, ווען מען האט איהם געגעבען א געלעגענהייט צו ווייזען וואס ער קען. אין א שעהנעם פריהמארגען האט די אויעזדניע

קאנצעלאריע ארויסגעגעבן א גזרה פון טשיסטאטא. די גזרה איז בעשטאנען אין דעם, אז יעדער איז פארפליכטעט אפקעהרען דעם טראטואר פאר זיין הויז. האלטען די גאסען ריין, און שאפען א ספעציעלען פלאטץ אויף דעם הויף אוואו ארויסצואווארפען מיסט און אבפאל· קורץ, א מיסטהויפען· ווען די גזרה איז ארויס, זיינען די נכבדי העיר געווען באמיהט זי בטל צו מאכען· זיי האבען אנגעבאטען דעם נאטשאלניק אויעזדא א שעהנע טארבעלע מיט ממתקים, אבער ער האט ניט גענומען, ווייל ער האט געוואלט מעהר. דאן איז יאנקעלע זאקאניק אוועק איהם געבען אן ארגומענט און איהם באוויזען אז זיינע גזרות זיינען געגען דעם זאקאן. דער נאטשאלניק האט יאנקעלען גאנץ גוט אנגעפאטשט און ארויסגעווארפען· ווען ער איז געקומען אין בית המדרש פאר מנחה מיט אונטערגעשלאגענע בלויע און שווארצע אויגען, האט מען איהם דאך געפרעגט היתכן? דאס איז דאך עפעס געגען דעם זאקאן, האט יאנקעלע געענטפערט און באוויזען אז דאס וואס דער נאטשאלניק אויעזדא האט געטאן איז ניט געגען דעם זאקאן, ווייל אין אמת'ן איז דאס געווען א געשלעג צווישען איהם און נאטשאלניק. יאנקעלע האט געוואלט צוריקגעבן די פעטש נאר ער האט ניט אוספיעט דאס צו טאן, אזוי ווי באלד עס האנדעלט זיך איינפאך אום א געשלעג צווישען צוויי מענשען, איז עס שוין ניט געגען זאקאן. יאנקעל זאקאניק איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון דעריוריסטישער פאקולטעט, ווייל ער האט געהאט א לאנגע און א געשליפענע צונג און זיין אונגליק איז געווען וואס ער האט קיין רוסיש ניט געקענט.

די אלגעמיינע קולטורפאקולטעט איז בעשטאנען פון דעם אוטשיטעל פון דער יעווריסקע אוטשילישטשע, א שעהנער שלאנקער זכר, מיט א פאאר שווארצע אויגען, שווארצע וואנצעס און ווייסע ציינער, דעם קאזיאנעם ראבין, א געענדיגטער יוריסט, וועלכער האט ניט געקענט ווערען קיין אדוואקאט און איז דערפאר געווארן א קאזיאנע ראבין און האט געריסען געלד פון טויטע און פון לעבעדיגע, און דעם אלטען רב'ס אינגסטען זוהן, וועלכער פלעגט אפילו שבת ריידען רוסיש. דיעזע דריי האבען פארגעשטעלט די קולטור־פאקולטעט. זיי זיינען געווען אבאנענטען אויף די בירזשאוויע וויעדעמאסטי און אויף דעם זשורנאל רוסקאיע באגאטסטווא· דעם רב'ס זוהן איז אויך געווען אן אבאנענט אויף די הצפירה. דיזע טראיקע פלעגט מען שטענדיג זעהן צוזאמען, און ווען זיי זיינען געגאנגען שפאציערען, האט מען פון זיי געהערט נור צוויי ווערטער: פיסארעוו און בעלינסקי· שפעטער האב איך ערפאהרען, אז פיסארעוו און בעלינסקי זיינען געווען צוויי באריהמטע רוסישע קריטיקער, און ערפאהרען האב איך דאס דוקא פון שמואל יאשקי דעם באהעלפער, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א גאנצען רוסישען קנאקער אין האט ארויסגעלאזען א קלאנג אין שטעדטעל אז ער "פריגאטאוועט" זיך פאר פיער קלאסען גימנאזיע· די קולטור פאקולטעט האט ניט געלעבט אין פריעדען מיט דער מעדיצינישער אדער מיט דער יוריסטישער פאקולטעט, ווייל זי האט זיך געהאלטען פאר געבילדעטער, אבער פון דעסטוועגען פלעגען די פיהרער פון אלע דריי פאקולטעטען זיך פארזאמלען פרייטאג צו נאכט ביים אפטייקער אין הויז און שפיעלען אין קארטען. די שטעטעל האט דערפון געוואוסט און האט געקריטצט מיט די ציין.

די אינטערעסאנטעסטע פון די פיער פאקולטעטען איז געווען די מאטהעמאטיש־נאטורוויסענשאפטליכע וואס איז בעשטאנען פון נור צוויי מיטגלידער, רבי איבוש מאנעס, א קליין אידעל מיט א לאנגער שפיטציגער

באָרד און אַ פּאָר ברענענדיגע אויגען, און חיים יאַנקעל דער לוח, רבי איבוש מאַנעס איז געווען אַ גרויסער למדן און זיין הויפּטאינטערעס איז געווען כעמיע. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאָר גרויסען כעמיקער. אין זיין שטוב, ניט ווייט פון דער פראַנצויזישער קלויז איז געווען אַ גרויסע קיך און אין דער קיך האָבען זיך געפונען צעהנדליגע טעפּלאַך, און אַלע טעפּלאַך זיינען געווען פול מיט פליסיגקייטען. פון דעם רב האָב איך נאָך אַלס קינד געהערט אַז רבי אייבוש איז אַ גדול אין הרכבה והפרדה, און אין אַ שעהנעם טאָג האָט רבי אייבוש אנגעזאָגט דער שטעדטעל אַז ער האָט ענטדעקט אַ נייעם סאָרט מעד, מיט וועלכען אַפילו קינפּעטאָרינס וועלען זיך מחיה זיין. רבי חיים יאַנקעל דער לוח איז אויך געווען אַ איד אַ גדול בתורה און נאָך זעהר פרום דערצו. ער פלעגט אויסגעהן שמונה עשרה מיט דעם רב צוגלייך און אַ מאהל נאָך שפּעטער. ער איז געווען אַ גרויסער חריף און אַ מאַטעמאַטיקער דערצו. אין שטעדטעל האָט מען זיך דערצעהלט אַז אַפילו דער אוטשיטעל פון דער יעווריישקי אוטשילישטשע, וועלכער איז דאָך לכל הדעות געווען אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, פלעגט אָפט קומען צו רבי חיים יאַנקלען זיך מיישב זיין וועגען אַ געוויסער זאַדאַטשקע. דאָס איז אָבער נור געווען אַ לעגענדע. ווען רבי חיים יאַנקעל איז געשטאָרבען אין עלטער פון פיער און זיבציג יאָהר, האָט מען צווישען זיינע פיעלע כתבים געפונען אַ לוח פאַר די נעקסטע טויזענד יאָהר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז די מאַטהעמאַטיש־נאַטורוויסענשאַפטליכע פאַקולטעט האָט גאָר ניט געהאַט קיין עסקים מיט די אַנדערע פאַקולטעטען.

די שטעדטעל האָט אויך געהאַט אַ קאָנסערוואַטאָריע פון מוזיק באַשטעהענדיג פון דעם בלינדען שטאָדט חזן, שמואל, וועלכער האָט אויך געמענגט זיין שטום. ווייל אַ שטימע האָט ער ניט געהאַט און אַ דראַנג איז ער געווען, און האָט נור געקראַגען די חזנות שטעלע, ווייל זיין פאָטער איז געווען דער גרעסטער למדן אין שטאָדט, און ווען ער איז יונג געשטאָרבען, איז שמואל געווען אַ משורר... און די צוויי כלי זמרים, גימפּעל ביינוש'עם איינקלאַך. אויף חתונות און אויף אַנדערע שמחות פלעגט דיזע קאָנסערוואַטאָריע ליפערן מוזיק, און דער באַריהמטער בדחן, רבי שמואל דוד פלעגט ליפערן די פּאָעזיע ביים באַזעטצען די כלה. רבי שמואל דוד דער בדחן האָט גערעדט אין גראַמען אַזוי ווי אַ ווילדע מאַרק־אידענע רעדט אין קללות.. עס האָט זיך געשאָטען פּערל פון זיין מויל און די ווייבער האָבען געוויינט.

אין שטעדטעל זיינען געווען די אָבענדען לאַנג און די טעג לאַנגווייליג. די עלטערע ווייבער פלעגען שטריקען זאָקען, און די אינגערע זיינען געווען באַשעפטיגט אין זייער פרייער צייט מיט אויסשטריקען אַ שעהנעם "מזרח" פאַר די וואַנד, אָבער די מענער וועלכע האָבען ניט געקענט שפּיעלען אין קאָרטען און האָבען אויך ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט לערנען, זיינען אויסגעגאַנגען פאַר לאַנגווייליגקייט און ווען ניט די מחלוקה וועגען רב, וואָלטען זיי אויסגעגאַנגען פאַר לאַנגווייליגקייט און אומעט. אָבער די מחלוקה וועגען רב איז געווען אַ זעהר הייסע, און ביידע צדדים זיינען געווען גוטע סטראַטעגען און באַוואָפענט ביז די ציינער. איין צד האָט אויפגעפּאַסט אַז דער אַנדערער זאָל ניט געווינען קיין גינסטיגע פּאָזיציע אָדער זאָל ניט האָבען קיין פאַרטייל אין קאַמף. האָט דער רב געזאָגט אַ פּילפּול שבת נאָכמיטאָג אין גרויסען בית המדרש, האָט דער פּיהרער פון אַ צד שכנגד, אויך אַ גדול בתורה, געזאָגט אַ פּלפּול אין דער גרויסער קלויז און דאָן האָבען זיך ביידע צדדים געקריגט וועגען דער פראַגע, וועלכער פּלפּול איז געווען בעסער. האָט דער רב געזאָגט אַ דרשה, האָט דער אַנדערער

צד אראפגעבראכט א גרויסען דרשן צו זאגען א דרשה אין קלויז אדער אין שוהל, און דאן האט מען זיך געקריעגט וועגען דער דרשה פון רב און פון בעל דרשן. און אזוי איז דער קאמף אנגעגאנגען פאר פיעלע יאהרען טאג און נאכט. עס האבען ניט געפעהלט קיין אינטריגעס און קיין רכילות־טרייבער וועלכע פלעגען נאך גיסען אויל אויפ'ן פייער און צוהיטצען די געמיטער, און געענדיגט האט זיך דער גאנצער קאמף דערמיט, וואס מען האט אין א שעהנעם טאג דעם רב גע'מסר'ט אז ער האט קיין פאס ניט. ער איז דאן ארעסטירט געווארען און איז ארויסגעפיהרט געווארען פון שטאדט מיט דעם עטאפ. ווען מען האט דעם רב געפיהרט דורך די גאסען פון שטעדטעל צוזאמען מיט אנדערע ארעסטאנטען צום וואגזאל, וואס האט זיך געפונען פיער ווערסט פון שטעדטעל, זיינען ווייבער געפאלען אין חלשות אויפ'ן גאס און אידען, אלטע און יונגע האבען געוויינט, און אפילו פיעלע ביטערע מתנגדים פון רב האבען געוויינט, און דאן האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז דער רב האט פארשאלטען די שטעדטעל.. באלד נאכדעם איז טאקי געשטארבען זיין הויפטגעגנער, רבי איטצילע.

די אינטערעסאנטסטע און פאפולערסטע פיגור אין שטעדטעל איז געווען יודקי דער משוגענער, א איד פון א יאהר פערציג מיט א שעהנער שווארצער באָרד און צוויי שווארצע פייערשפייענדע אויגען. יודקי פלעגט ארום געהן בארוועס ווינטער און זומער און פלעגט שלאפען אין דער אלטער באד איינער אליין. ער איז געוועזן אן אונשעדליכער משוגענער און האט קיינעם ניט געטשעפעט, אבער די חדר אינגלאך פלעגען זיך מיט איהם טשעפען, איהם צופען פאר די באָרד, איהם שטעכען מיט שפילקעס זיינע נאקעטע פיס און דעסטגלייכען. יודקי איז א מאהל געווען א גרויסער למדן און ניט איין מאהל האט ער דעם זאגער פון חברה ש"ס געשטעלט אין א פארלעגענהייט דורך א משוגענע קשיה.. אין א שעהנעם שבת פריה, איז יודקי געקומען אין בית המדרש, איז ארויף אויף דער בימה, און איידער דער שמש האט נאך געהאט א געלעגענהייט איהם אראפצואווארפען, האט ער א קלאפ געטהאן מיט דער האנט אויפ'ן טיש און האט אויסגעשריען מיט זיין שעהנער טענאר־שטימע: רבותי, יודקי דער משוגענער געהט אוועק אין וויסטענעטש, און איהר זוכט זיך אנאנדער משוגענעם.

דיעזע שטעדטעל מיט איהרע פארשידענע אינסטיטוציעס, פאקולטעטען, פאליטיקער, קינסטלער, לומדים, נודניקעס, משכילים, ווייסערס, חכמים, משוגעים, און אזוי ווייטער, וויל איך אין די פאלגענדע קאפיטלאך בעשרייבען, אויף אזוי ווייט ווי איך געדענק זיי, און די אטמאספערע אין וועלכער זיי האבען געלעבט. לאנג בין איך אין שטעדטעל ניט געוועזן, נור ביז מיין נײַנטען לעבענסיאהר, אבער איך געדענק די שטעדטעל בעסער, ווי יעדע אנדערע שטאדט, אין וועלכער איך האב פארבראכט די בעסטע יאהרען פון מיין לעבען, און איך ליעב נאך היינט מיין שטעדטעל מעהר ווי אירגענד אן אנדער הימעל־געגענד. אין מיין שטעדטעל האבען געלעבט גרויסע מענשען אין א קליינער וועלט, און איך בין נאך היינט צו מיין שטעדטעל צוגעבונדען מיט טויזענד פעדים פון מיין נשמה. ווער עס ליעבט ניט זיין שטעדטעל, האט ניט גאט אין הארצען.

ווען די טויטע דאווענען

יעדער מענש אין שטעדטעל האט געוואוסט אז די טויטע דאווענען און ער האט אויך געוואוסט ווען זיי דאווענען. זיי קלייבען זיך צוזאמען צוועלף אזויינער ביי נאכט, וויקלען זיך איין אין די לאנגע טליתים און הויבען אן דאווענען מיט גרוים כונה. ווייל זיי זיינען מתים טארען זיי ניט דאווענען בקול רם. זיי זאגען די תפילות שטילערהייט און זיי זאגען גאנצע זעקס שעה. זומער דאווענען זיי פיעל ווייניגער ווי ווינטער און פאר וואס דאס איז אזוי איז ניט שווער צו פארשטעהן· מתים האבען ניט קיין רעכט צו זעהן די ליכט פון דער זון. דאס איז די שטראף וואס זיי מוזען בעצאהלען פאר זייער טויט און אזוי ווי זומער זיינען די נעכט קורצע, קענען די טויטע ניט בלייבען לאנג אין שוהל, אבער ווינטער דאווענען זיי גאנצע זעקס שעה, און אפטמאהל נאך לענגער. אזוי ווי מען קען קיין מאהל ניט וויסען ווי לאנג זיי בלייבען אין שוהל, מוז דער אלטער שמש. וועלכער קומט דער ערשטער אין שוהל, אנקלאפען דריי מאהל מיט דעם גרויסען האמער, דאן מוזען די מתים פארשווינדען. דאס וויים אויך יעדער אין שטעטעל. אזוי ווי קיינער האט ניט געוואלט שטערען די מתים אין דאווענען, איז קיינער קיין מאהל ניט געגאנגען אין שוהל ביי נאכט. ערשטענס טאר מען די מתים ניט שטערען, צווייטענס איז עס א שטיקעל ריזיקע. ווער ווייסט וואס עס קען מיט איינעם פאסירען ווען מען פאלט אריין צו די מתים אין די הענד? עס האט זיך שוין געטראפען, אזוי האבען די באבעס דערצעהלט, אז מענשען זיינען פלוצלינג פארשוואונדען געווארען. ווען מען האט אנגעהויבען פארשען, האט מען אויסגעפונען, אז קורץ פאר זייער פארשווינדען, האט מען זיי געזעהן שפעט ביינאכט ארום שוהל, און דאס איז א בעוויז, אז עס איז ניט קיין אנגענעהמע זאך ארייצופאלען צו די מתים אין די הענד. דערפאר פלעגט יעדער אין שטעדטעל אויסמיידען דעם שוהל־הויף און ספעציעל די שוהל. נאך דעם ווי דער זייגער האט געשלאגען עלף אין אווענט, און וואס מעהר דער זייגער האט זיך גערוקט צו צוועלף, אלץ מעהר פחד איז געפאלען אויף דער שטעדטעל. ספעציעל אין די לאנגע און פינסטערע ווינטער אווענדען, ווען די געסלאך זיינען געווען טויט און די פענסטער פארמאכט מיט לאדענס, און די טיהרען פון די הייזער פעסט פארריגעלט.· ווען עס איז געקומען צוועלף אזייגער האבען אפילו די עלטערע מענשען געציטערט, דען צוועלף דרינגען די מתים אריין אין די גרויסע אלטע שוהל און וויקלען זיך איין אין גרויסע טליתים און האלטען אפ איין לאנגען דוכענען. פארוואס די מתים דאווענען דוקא אין שוהל און ניט אין בית המדרש אדער אין קלויז, האט אויך יעדער געוואוסט. אין בית המדרש און אין קלויז, האבען בחורים געלערנט און געשלאפען, און די מתים האבען פיינט זיך צו מישען מיט די לעבעדיגע. אבער אין שוהל זיינען ניט געווען קיין גמרות און קיין לאנגע טישען און קיין קאכליע־אייוועננס. די שול איז נור געווען א פלאץ

צו דאווגען. נאך'ן דאווגען איז קיינער אין שוהל ניט געקומען, און דערפאר איז זי געווען דער ריכטיגער פלאץ פאר די מתים. די עלטערע אידען אין שטעדטעל האבען אויך געוואוסט, אז אין שוהל פערזאמלען זיך די נשמות פון די קדושים, וועלכע זיינען אמאל, ווען עס איז פארגעקומען א שחיטה אויף אידען דארטען אויסגעקוילעט געווארען, און די מתים האבען געוואלט קומען אין שוהל צו די נשמות פון יענע קדושים און זיי אנטאן כבוד. אלע האבען אויך געוואוסט אז דער שמש פלעגט אפט קומען גאנץ פריה אין שוהל און געפינען די ספרי תורות אפען אויף דער בימה. די מתים האבען ניט געהאט קיין צייט צוזאמענ־צוראללען די ספרי תורות און זיי ארייננטראגען אין ארון קודש, ווייל דער שמש האט אנגעהויבען קלאפען מיט דעם האמער אין טיהר פיעל פריהער ווי זיי האבען איהם ערווארטעט.

די שוהל איז געווען א זעהר אלטע און זי האט איבערגעלעבט אלע שרפות אין שטעדטעל פאר די לעצטע דריי הונדערט יאהר. אפילו ווען דער גרויסער בית המדרש איז פארברענט געווארען, איז די שוהל אלץ געבליבען שטעהן. דער פייער האט אויף איהר קיין שליטה ניט געהאט. דאס האט מען אויך אין שטעדטעל ערקלעהרט דערמיט, וואס די טויטע האבען בעשווארען דעם פייער ניט צו טשעפען די שוהל, און דער פייער האט אנגענומען דיזע באשווע־רונג און האט טאקי ניט געטשעפעט דעם פלאץ וואו די טויטע האבען געדא־ווענט.

די שוהל האט געהאט קליינע פענסטערלאך און די פענסטערלאך זיי־נען געווען אין דער הויך, כמעט אונטער דעם דאך, א דאך פון שווארצע שינד־לען, און מען האט קיין מאהל ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען צי איז שוהל איז ליכטיג אדער פינסטער. אפילו ווען די שוהל איז אינווענינ געווען בא־לויכטען פון לאמפען און יאהרצייטליכט האט מען דאס פון דרויסען ניט גע־קענט זעהן· אבער די פענסטער פון דעם פאלוש פון שוהל זיינען געווען גרויס און ווען עס איז געווען ליכטיג אין פאלוש, האט דאס ליכט אפגעשטראהלט אויף'ן גאס, אבער נור איין מאל איז דער פאלוש פון שוהל געווען באלויכטען— צו כל נדרי. די וועלכע פלעגען געהן שפעט אין אוועגד אויף'ן שוהל־הויף, אוואו עס האט זיך געפונען די שוהל, דער בית המדרש און די קלויז, האבען קיין מאהל ניט באמערקט ליכט אין שוהל אדער אין פאלוש פון שוהל. עס איז דער־פאר געווען א גרויסע איבערראשונג פאר דער גאנצער שטעדטעל, ווען יאנ־קעלע חיים זלאטעס, א זייגערמאכער, וועמען מען האט געהאלטען פאר א שטיק אפיקורס, ווייל ער איז שוין געווען א איך א בעל מדקדק און האט גע־לייענט ספרים חיצונים, איז אמאל געקומען שבת אין בית המדרש, און ווי שטענדיג, קורץ פאר'ן לייענען, און האט געזאגט אז מיט א פאר טעג צוריק. ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו געהן שפעט אין אבענד אויף דעם שוהל־הויף, האט ער באמערקט א ליכט אין פאלוש פון שוהל. יאנקעלע חיים זלאטעס איז געווען א שטיק אפיקורס, אבער א ליגנער איז ער ניט געווען. מען האט איהם געהאלטען אין שטעדטעל פאר א זעהר גוטען בעל מלאכה און פאר א עהרליכען מענשען. ווען ער האט דערצעהלט אין בית המדרש, אז ער האט מיט זיינע איי־גענע אויגען געזעהן ליכט אין פאלוש פון שוהל שפעט אין אווענד, איז געווארען א שטיקעל סומאטאכע. אלט און יונג האבען אנגעהויבען דערפון ריידען. וואס קען דא זיין? היתכן, אז די מתים זאלען זיין געקומען אין שוהל אזוי פריה. און היתכן, אז זיי זאלען אנצינדען ליכט און ניט אין שוהל גופא נאר אין פאלוש פון שוהל?

די אידען אין בית המדרש האבען דערפון פיעל גערעדט, און האבען געפרעגט אלערליי פראגען, אבער אן ענטפער אויף די פראגען האבען זיי ניט געהאט. די מעשה איז זיי פארגעקומען זעהר און זעהר משונה'דיג. אבער אייניגע אידען, עלטערע מענשען, וועלכע זיינען געוועזן בעקאנט פאר זייער מוטה. האבען געזאגט, אז בעת זיי צווייפלען ניט אין דער ריכטיגקייט פון יאנקעלע חיים זלאטעס' ווערטער, ווילען זיי זיך דאך אליין איבערצייגען, און זיי מוזען קומען שפעט איין אווענד אויף דעם שוהל-הויף צו זעהן, אויב אין פאלוש פון שוהל ברענט ליכט אדער ניט. געזאגט און געטאן. אין א מיטוואך אווענד. אזייגער צוועלף, זיינען זיי אוועק אויפ'ן שוהלהויף און האבען אנגעהויבען ארומשפאצירען ארום דעם פאלוש פון שוהל. זיי האבען געקוקט אויף די פענסטער פון פאלוש, זיי האבען גוט געקוקט און זיי האבען קיין ליכט ניט געזעהן. ווען זיי זיינען אויף מארגען פריה געקומען אין בית המדרש האבען זיי אויסגעלאזען אלע חלומות צו יאנקעלע חיים זלאטעס. זיי האבען איהם ניט גערופען ליגנער, אבער זיי האבען געזאגט אז ער איז א חולם חלומות, און אזוי האט זיך דאס שטעדטעל בארוהיגט.

מיט עטליכע וואכען שפעטער, איז אבער יאנקעלע חייב זלאטעס ווידער אריינגעפאלען אין בית המדרש שפעט אין אווענד, ווען די ישיבה בחורים און די פרושים זיינען נאך געזעסען הינטער דעם אייווען און האבען געלערנט. און האט ווידער דערצעהלט, אז אקארשט האט ער אליין מיט די אייגענע אויגען געזעהן ליכט אין פאלוש פון שוהל. די בחורים און די פרושים זיינען געווארען שטארק אויפגעטראגען און האבען זיך גענומען פרעגען אלערליי פראגען, פלוצלינג איז איינעם פון די בחורים איינגעפאלען צו מאכען דעם פארשלאג, אז אלע זאלען גלייך ארויסגעהן אויפ'ן שוהל הויף און זיך אליין איבערצייגען. אויב אין פאלוש פון שוהל ברענט ליכט אדער ניט. אלע האבען זיך אויפגעהויבען און זיינען ארויס אויפ'ן שוהל-הויף. זיי האבען געקוקט און געקוקט און ליכט אין פאלוש פון שוהל האבען זיי ניט געזעהן. ווען זיי זיינען צוריק אריין אין שוהל, האבען זיי זיך צולאכט, האבען יאנקעלען גוט אנגעזידעלט, פארוואס ער האט זיי געשטערט פון לערנען און זיי האבען זיך ווידער אוועקגעזעצט פאר זייערע גרויסע גמרות און קליינע חלב'נע ליכטלאך. אבער יאנקעלע איז שוין ניט געגאנגען אהיים שלאפען. ער האט מורא געהאט צו געהן. ער האט אפגעווארט ביז איינער פון די פרושים, וועלכער האט געוואוינט ניט ווייט פון איהם, וועט ענדיגען לערנען און געהן אהיים. דאן וועט ער מיט איהם מיטגעהן.

אויף מארגען, ווען די מעשה איז בעקאנט געווארען, האבען אלע אין שטעדטעל געלאכט. אלע האבען חוזק געמאכט פון דעם נארישען יאנקעלע. אנדערע ווידער האבען געזאגט אז יאנקעלע, וועלכער איז א פארביסענער אפיקורס, האט זיך געוואלט לוסטיג מאכען איבער די תמ'עוואטע ישיבה בחורים און אלטע לומדים. פאר פיעלע טעג האט מען גערעדט אין שטעדטעל פון דיזער פאסירונג, ביז עוזור'קע דער באהעלפער, א יונגער אפיקורס, וועלכער איז געוועזן א בעהעלפער ביי א מלמד בייטאג און האט זיך געלערנט רוסיש ביינאכט, האט זיך אנגעהויבען באריהמען, אז ער וועט געהן ביינאכט אין שוהל איינער אליין. ער האט דאס געוואלט טאן צו באווייזען זיין פריינד יאנקעלע'ן אז אין שוהל זיינען קיין מתים ניטא און אז אין פאלוש ברענט ניט קיין ליכט.

די ערקלערונג פון עוזר'קע דעם באהעלפער, אז ער וועט געהן ביינאכט אין שוהל איינער אליין, האט צורודערט די גאנצע שטעדטעל. עזר'קע איז געוועזן בעקאנט פאר א חצוף און אן אפיקורס. די פרומע אידען אין בית המדרש הא-

בען זיך זעהר געערגערט, און זיינע אייגענע פריינד האבען אויף איהם רחמנות געהאט. זיי האבען געוואוסט, אז א לעבעדיגער וועט ער פון שוהל ניט צוריקקומען. ווער עס פאלט אריין צו די מתים אין די הענד, מוז זיך שוין געזעגנען מיט דעם לעבען. עוזר'קע האט אבער באשלאסען, אז ער מוז זיין פלאן אויספיהרען. זיינע פריינד האבען זיך ביי איהם געבעטען, אז ער זאל דאס ניט טאן. זיין אלטע מאמע, וועמעס ערנעהרער ער איז געווען, האט זיך ביי איהם געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, אז ער זאל דאס ניט טאן, אבער ער איז געבליבען ביי דאס זייניגע. ער מוז אבשטאטען א באזוך צו די מתים אין שוהל צוועלף אזייגער ביינאכט און אויך זעהן, אויב זיי צינדען אן ליכט, און אויב זיי צינדען אן ליכט אין פאלוש.

ווען דער אלטער שמש האט דערהערט, אז עוזר'קע דער בעהעלפער וויל געהן צוועלף אזייגער ביינאכט איינער אליין אין שוהל, איז ער געווארען אש להבה, אזא חוצפה, אזא חוצפה! האט ער געטענה'ט. ער איז אוועק צו עוזר'קעס מאמע און האט מיט איהר גערעדט. דאן האט ער מיט עוזר'קען אליין גערעדט און האט איהם געוואלט ארויסהאקען פון קאפ דעם משוגענעם געדאנק. אבער עס האט ניט געהאלפען. עוזר'קע איז געווען ענטשלאסען צו געהן צוועלף אזייגער ביינאכט אין שוהל. ווען דער אלטער שוהל־שמש האט געזעהן, אז ער קען מיט עוזר'קען גאר ניט מאכען, האט ער איהם פארגעשלאגען, אז ער זאל וויינינגסטענס מיטנעהמען דעם גרויסען האמער... און איידער ער געהט ביינאכט אריין אין שוהל, זאל ער מינדעסטענס אנקלאפען מיט דעם גרוסען האמער. אפשר וועלען זיך די מתים צוגעהן, ווען זיי וועלען הערען קלאפען אין טיהר. אבער עוזר'קע האט אויך דערפון ניט געוואלט וויסען. ער איז געווען ענטשלאסען די מתים צו איבערראשען... אדער צו באווייזען דער שטעדטעל, אז די מתים זיינען אפילו ביינאכט אויפ'ן בית עולם און קומען גאר ניט אין שוהל. דאס האט ער נאטירליך ניט געזאגט צו די עלטערע אידען. זיי וואלטען איהם דער'הרג'עט ווען זיי וואלטען איהם געהערט דאס זאגען, דען ווען זיי קומען ניט אין שוהל, אוואו דאוונען זיי?

אין א שעהנעם פריהמארגען, איז עוזר'קע געקומען אין בית המדרש און האט געזאגט, אז היינט ביינאכט, וועט ער געהן אין שוהל איינער אליין, און אז ער וועט אפילו קיין ליכטארניע ניט מיטנעהמען. אלצדינג וואס ער וועט מיטנעהמען, איז א שטעקען. ווען דער בית המדרש האט דאס געהערט, איז אין איהם ענטשטאנען א טומעל. אידען זיינען געווען ווי צעטומעלט און פיעלע זיינען אויך געווען צושראקען. ווער וויל דאס באליידיגען מתים? און ווער וויל זיך דאס אנהויבען מיט מתים און געהן צו די מתים ביינאכט אין שוהל? ווען זיי שטעהען און דאוונען, הייסט דאך זיי באליידיגען, אבער עס איז געווען פערפאלען. די שטעדטעל האט גאר ניט געקענט טאן אין דעם ענין. זי האט נאר געוואוסט, אז זי וועט מוזען ליידען פאר עוזר'קעס זינד.

עס איז געווען א דונקעלע און רעגענדיגע נאכט, ווען עוזר'קע האט זיך אוועקגעלאזען פון די זעלנערשע געסלאך צום שוהל־הויף. די שטעדטעל איז געווען ווי אויסגעשטארבען. נור דאס פלוטצליכע בילען פון א הונד אדער דאס פייפען פון ווינד, האט דערמאהנט אן לעבען. די בלאס שימערירענדע ליכטארנעם אויף די גאסענעקען האט דעם איינזאמען וואנדערער געוויזען דעם וועג דורך די בלאטעס פון די אונבערוקירטע גאסען. אלע לאדענס זיינען געווען פארמאכט, אלע טיהרען פארריגעלט און די מענשען אין די הייזער זיינען שוין ענטוועדער געשלאפען אדער זיי זיינען געזעסען הינטער זייערע אייוועגס און

געציטערט פאר שרעק, וויסענדיג, אז עוזר'קע געהט זיך טשעפען מיט די מתים
אין שוהל. דער געדאנקען אז עוזר'קע געהט זיך רייצען מיט די מתים האט
אריינגעיאגט א שרעק אין זייער נשמה...

ארום האלב נאך צוועלף איז עוזר'קע אנגעקומען אויף דעם שוהל־
הויף, און האט גלייך דערזעהן ליכט אין פאלוש פון שוהל. צוערשט האט ער
נעגלויבט אז דאס איז א חלום, א קאמישע אילוזיע, אבער ער האט זיך גוט צוגע־
סיקט און עס איז פארט געווען ליכט, א מאטער ליכטשימער, אבער פארט ליכט.
ער האט אליין אנגעהויבען צו ציטערען. עס האט איהם אנגעהויבען קלאפען
א צאהן אן א צאהן. וואס קען דאס זיין? אין מיטען נאכט ליכט אין פאלוש?
ער האט זיך אווילע ארומגעטראגען מיט דעם געדאנק אוועקצוגעה' פון שוהל־
הויף און קומען מארגען פריה אין בית המדרש און אלסדינג דערצעהלען, אבער
באלד האט ער זיך איבערלעגט, אז דאס לוינט ניט. אויב עס זיינען פאראן
מתים אין שוהל, וויל ער זיי זעהן. וואס קענען איהם די מתים טהאן? אויב עס
זייען פאראן מתים אין שוהל, דאן זאלען עס אלע וויסען.... ער האט גע־
קלעהרט און געקלעהרט, געקוקט צום פענסטער פון פאלוש, געקוקט צום פינס־
טערען הימעל, געגאנגען א טריט ריקווערטס, מיט דעם באשלוס צו געהן צוריק
אהיים, און דאן ווידער א טריט פארווערטס. האט מיט זיך אליין געקעמפפט.
גערעכענט, זיך איבערלעגט, ביז זיין אפיקורסישער יצר הרע האט שליסליך גע־
זיעגט. ער האט באשלאסען צוצוגעהן צו דער גרויסער טיהר פון שוהל, וואס איז
קיין מאל ניט געווען פארשלאסען, זי עפענען מיט א פעסטער האנט און אריינ־
געהן אין פאלוש.

מיט א קלאפעדיגער הארץ איז ער צוגעגאנגען צו דער גרויסער טיהר
פון שוהל, און מיט איין קרעפטיגען גריף פון דער קליאמקי האט ער די טיהר
געעפענט און דעם בליק געריכטעט אויף די שמות, וועלכע זיינען געלעגען פאר
דער טיהר, אין פאלוש. ער האט אנגעהויבען זוכען דאס ליכטעל, ער האט
אבער נור געזעהן א שוואכען שימער פון א ליכטעל, וואס האט באשיינט א בארג
פון שמות... איצט איז פאר איהם קיין צווייפעל ניט געווען אז אין פאלוש פון
שוהל האט געברענט ליכט. זיין הארץ איז איהם איינגעפאלען פאר שרעק. ער
וואלט געווים צוזאמענגעבראכען און געפאלען אין חלשות, אזוי איבערוועלטיגט
איז ער געווען פון פחד, ווען ער וואלט ניט דערהערט א פליסטער־טאן פון הינ־
טער דעם בארג שמות. ער האט עפעס דערהערט א שושקען און שטילע, פארזיכ־
טיגע און לאנגזאמע באוועגונגען. דאס האט איהם נאך ערפילט מיט מעהר
שרעק, אבער עס האט זיינע נייגירדע פארשטארקט. וואס קען דאס זיין א
שוואכע שימער פון א קליין ליכטעל און לאנגזאמע און מיסטעריעזע באווע־
גונגען הינטער דעם בארג שמות... און וואס איז אין שוהל גופא? די מתים
דאוונען דאך ניט אין פאלוש, און זיי דאוונען דאך שטימלאז און באוועגען זיך
ניט ווען זיי דאוונען? אדער זיינען דאס געווען סודות פון דער נאכט אדער
פון דעם בית עולם, וואס זיינען פארבארגען אין פאלוש פון שוהל הינטער דעם
בארג מיט שמות? אבער נאך איידער ער האט געהאט צייט צו זאמלען זיינע
געדאנקען, זיך ריכטיג ארומצוקוקען, זיך צורעכט צו געפינען אין דיזער גע־
היימניספולער סביבה, האט ער דערהערט א לייזען גערויש פון הינטער דעם
בארג מיט די שמות, און אין א פאאר סעקונדען האט ער געהערט אדער דער־
פיהלט א באוועגונג פון הינטער דעם בארג מיט די שמות, און איז טאקע געפא־
לען אין חלשות...

ווען ער איז אויפגעוואכט פון זיין אהנמאכט האט ער פאר זיך געזעהן צוויי מענשליכע געשטאלטען. וועלכע זיינען געשטאנען ארום איהם און האבען איהם געמינטערט, ביידע זיינען געשטאנען מיט צוקארטשעטע, צוריסענע קליי־דער און צוקרויזטע האאר, און מיט בלייכענע פנים'ער איינגעוויקעלט אין פאר־לענגענהייט. די צוויי מענשען זיינען געוועזן זרח'קע איטשי מיכעס. א העלפער ביי נאטע דעם קצב, און באשקי שיינע רחל'ס, א מיידעל פון א יאהר צוויי און צוואנציג, מיט וועמען זרח'קע האט געשפיעלט א ליעבע· מען האט זיי שויז אמאל ביידע געכאפט אין עזרת נשים פון דער פראנצויזישער קלויז..

די מגפה אלס נרן

אין שטעדטעל איז געוועזן איין איינציגע חברה פאר וועלכע אלע האבען געציטערט, די חברה קדישא. אריינצופאלען צו דער חברה קדישא אין די הענד איז ניט געוועזן קיין נחת, ניט פאר די טויטע און ניט פאר די לעבעדיגע. פון די לעבעדיגע האט די חברה קדישא געריסען ווי פיעל זי האט געקענט, און די מתים האט זי בעהאנדעלט ווי זי האט געוואלט. די חברה קדישה האט געהאט אן אויג אויף אלע גבירים אין שטעדטעל, און די רייכע האבען פאר די חברה קדישא געציטערט מעהר ווי ארימע. אויב רייכע ווילען אין ערגיץ ניט שטארבען, האבען זיי אין מיין שטעדטעל נאך ווייניגער געוואלט שטארבען ווייל זיי האבען געוואוסט, אז אזוי באלד ווי זיי וועלען שליסען די אויגען, וועלען קומען די שכורים — דאס איז געוועזן דער נאמען פון די מיטגליעדער פון דער חברה — און וועלען אנהויבען רייסען פון טויט און פון לעבעדיגי און גבירים האבען א נאטור אז זיי ווילען זיך אפילו ניט לאזען בערייסען טויטערהייט. צום גליק אבער איז די חברה קדישא ניט געוועזן שטארק באשעפטיגט א גאנץ יאהר. יונגע זיינען, גאט צו דאנקען, אין שטעדטעל קיין מאהל ניט נעשטארבען, און די אלטע אידען זיינען געווארען זעהר אלט. פון זיטצען יאהרען לאנג א גאנצען טאג אין קראם און ווארטען אויף געלד פון אמעריקא, שטארבט מען ניט יונגערהייט און פון זיצען אין בית המדרש און לערנען, און פון זאגען תהילים, שטארבט מען אויך ניט יונג, און דערפאר האבען זיך די עלטערע אידען ניט צוגעאיילט צו שטארבען, און די חברה פלעגט אפט מוזען ווארטען א היבשע צייט ביז זי האט געקראגען א קונדען. סיידען עס איז געוועזן א בארשטענארבייטער. די בארשטענארבייטער אין מיין שטעדטעל זיינען געוועזן בארימט פאר זייער ביינקעניש נאך יענער וועלט, און זיי פלעגען זעהר אפט שטארבען. אבער בכלל איז מען אין מיין שטעדטעל ווייניג געשטארבען. דיזען פארגעניגען האט יעדער געוואונשען די שונאי ישראל, דאס הייסט דעם נאטשאלניק אויעזד און דער בירגערמייסטער, וועלכע פלעגען אלע טאג שאפען נייע גזרות פאר אידען. איין טאג האבען זיי ארויסגעגעבען א גזרה פון טשיסטאטא, אן אנדער טאג א גזרה אז דער שטאדט־באק טאר ניט פריי ארומלויפען און מוז האבען א שטאל, און א דריטען טאג, אז מען מוז ארונטערשטעלען נייע סלופעס אונטער דער קלאטקי, כאטש די אלטע סלופעס, וועלכע זיינען אונטערגעשטעלט געווארען באלד נאך דעם גרויסען פייער, האבען זיך נאך גאנץ פיין געהאלטען און די קלאטקי פלעגט זיך נור נעהמען שאקלען, ווען א גרויסע לויה האט זיך איבער איהר געצויגען.

אבער אין א שעהנעם טאג האבען מענשען אנגעהויבען שטארבען אין מיין שטעדטעל, און גאנץ פון הוילער הויט. זיי זיינען ניט געוועזן קראנק. זיי האבען ניט געהאט קיין מיחוש, זיי האבען אפילו דעם רופא ניט גערופען, נאר זיי האבען זיך אוועקגעלעגט און געשטארבען, און ווען א מנין אידען איז אפ־

געשטארבען אין פערלויף פון איין וואך, האט מען אין שטעדטעל גענומען שמועסען, אז דא האנדעלט זיך ענטוועדער אום א ברונענפערגיפטונג אדער א מגפה, און עס האט זיך אויך באלד ארויסגעשטעלט, אז דא האט זיך געהאנדעלט אום א מגפה. די ערשטע זאך, וואס די אידען אין מיין שטעדטעל האבען געוואוסט איז, אז זיי מוזען האלטען טשיסטאטא, מוזען האלטען ריין די הייזער, מוזען קעהרען די גאסען און מוזען ווארפען אבפאל און מיסט אויף דעם מיסטהויפען, וואס האט זיך געפונען הינטער יעדער הויז. זיי האבען געמוזט נאכקומען דער גזרה, אבער געהאלפען האט עס זעהר ווייניג. די מענשען זיינען געשטארבען, אפילו ניט וויסענדיג אז זיי זיינען קראנק, און וואס מעהר מענשען זיינען געשטארבען, אלץ מעהר איז די חברה קדישא געווען באשעפטיגט און אלץ מעהר ארבייט האט געהאט דער אלטער קברן, רבי ירוחם, א קליין אידעל מיט א גאנץ לאנגער ווייסער בארד, און פאר וועמען אלע קינדער האבען געציטערט, ווייל ער האט געהייסען רבי ירוחם דער מלאך המות.

אין פארלויף פון פיער וואכען זיינען אויסגעשטארבען איבער הונדערט אידען, און דוקא ניט קיין אלטע אידען. זיי האבען זיך אויך אין דער צייט פון מגפה ניט געאיילט צו שטארבען. „שטארבען פערזאמט מען ניט“—האט אז אלטיטשקער געזאגט צו דעם בעדער אין דער צייט פון דער מגפה, „און א בעדער זיין אויך ניט“, האט איהם דער בעדער געענטפערט. אבער שטארבען איז געווארען א טעגליכע ערשיינונג אין מיין שטעדטעל, און מענשען האבען אנגעהויבען מורא צו האבען ארויסצוגעהן אויפ'ן גאס, ווייל עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג אין דער שניידערשער קלויז און דאן אין דער פראנצויזישער קלויז, אז מענשען שטארבען אזוי שנעל און אזוי אונגעריכטערהייט, ווייל די לופט איז פול מיט קליינע משחיתים.. און דערפון איז געווען געדרונגען, אז ווען מען געהט ניט ארויס אין גאס, איז עס א סגולה געגען א פלעטצליכען טויט. וואס לענגער די מגפה האט אנגעהאלטען, אלץ מעהר האט די שטעדטעל אנגעהויבען אויסזעהן, ווי א בית עולם. אפילו די קראמען זיינען געווען פארמאכט. אויפ'ן גאס האט מען דאן נור געזעהן דעם אפטייקערס הונד, דעם שכור'ען פאליציאנט און נאך עטליכע גוים. אידען זיינען געזעסען אין דערהיים און האבען געזאגט תהילים, און האבען געזאגט מיט גרויס כונה, און אפט מיט טרעהרען אין די אויגען. דער אלטער רב האט יעדען טאג מתפלל געווען פאר אלעמען. און דאסזעלבע האט אויך געטאן דער דין, און רבי אליהו דער שוחט, וועלכער האט געקענט מעהר לערנען, ווי דער רב און דער דין צוזאמענגענומען. ער איז נור געווען א שוחט, ווייל ער האט ניט געוואלט זיין קיין רב. ער איז געווען א גרויסער ירא שמים און אלע, אפילו דער פעלדשער און דער רופא האבען פאר איהם געהאט גרויס אפשיי. אבער עס שיינט, אז עס איז געווען בעשערט, אז פיעלע אידען זאלען אפשטארבען פאר זייער צייט, דער די תפילות פון רב, פון דין און פון רבי אליהו דעם שוחט האבען וועגען אז אונבעקאנטע אורזאכע ניט דערגרייכט דעם כסא הכבוד.

די מגפה האט פון טאג צו טאג גענומען פאדערען מעהר קרבנות. די חברה קדישא האט דאן איינגעזעהן, אז רבי ירוחם וועט די ארבייט ניט קענען טאן אליין, און זי האט איהם ערלויבט צודינגען א מענשען, וועלכער זאל איהם ארויסהעלפען מיט דעם גראבען פון קברים, און רבי ירוחם האט פאר דיזען צוועק געדונגען ירחמיאלקע דעם לאנגען, גימפעל בינוש דעם שדכן'ס אייניקעל. ירחמיאל'קע איז שוין געווען א מאן אין יאהרען, אפשר א פערציגער.

אבער אזוי ווי ער איז נאך געווען א בחור און האט אויף דעם מגושמ'דיגען פנים נאר געהאט עטליכע האאר. האט מען איהם ניט גערופען רבי ירחמיאל אדער סתם ירחמיאל, נאר ירחמיאל'קע. ער איז געווען א גרויסער שטארקער איד, און א פרומער איד און אויך ניט קיין עם הארץ. ער איז ניט געזעסען ביי דער חברה ש"ס, אבער ווען אידען האבען געלערענט משניות פלעגט ער זיך אויך אוועק־זעטצען ביים טיש און זיך צוהערען, אין לערנען האט ער זיך אבער קיין מאהל ניט אריינגעמישט. ער איז בכלל געווען א איד, וועלכער האט ניט פיעל גערעדט. און דערפאר האט מען איהם געהאלטען פאר א נארר, א לעבען האט ער געמאכט פון אויסהעלפען רבי בערעלע דעם שמש אין בית המדרש, פון טראגען שלוח מנות פורים, פון וועלגערן מצה ערב פסח, פון פארקויפען הושענות ערב הושענא רבה, פון מאכען טינט פאר די חדר אינגלאך און פון מיטפאהרען מיט דעם רב אין די ארומיגע שטעדטלאך, ווען מען פלעגט איהם ארויספאדערען אויף אויס־צוהערען א דין תורה. אין זיינע אינגערע יאהרען, איז ער געווען בעקאנט אונ־טער דעם נאמען ירחמיאלקע יתום, ווייל די שטעדטעל האט איהם פון קינדווייז אן געקענט אלס יתום, און דערפאר איז ער אמאל געווען א שטיקעל יחסן.. ווען די מגפה האט אנגעהויבען בושעווען, האט איהם רבי ירוחם געדונגען אלס זיין ארויסהעלפער, און מיט זיין הילף האט ער טאקע רבי ירוחם געקענט גראבען יעדען טאג עטליכע קברים.

„די מגפה האט געמאכט דאס לעבען אין שטעדטעל פאר יעדען מענשען אונזיכער. אלע אויגענבליק האט מען ערפאהרען אין שטעדטעל פון אן אנדער טויטענפאל. איבער דעם שטעדטעל איז געלעגען א פורכטבארער פחד. יעדער האט זיך געפרעגט: ווען וועט קומען דער מלאך המות צו מיר ? קיינער האט זיך ניט געריכט אין דער פריה, אז ער וועט נאך דעם טאג דערלעבען צו געהן אין בית המדרש דאוונען מעריב. צו אלע צרות האט נאך דער נאטשאלניק או־יעזד גענומען ארויפלייגען גרויסע שטראפען אויף אידען, ווייל זיי האלטען ניט קיין טשיסטאטא, און ווער עס האט ניט געקענט באצאהלען די שטראף, האט מען אריינגעזעצט אין טורמע, וועלכע איז שטענדיג געשטאנען לעדיג. דאס האט נאך די אידען אין שטעדטעל מעהר פארדראסען, ווי די מגפה. מילא א מגפה איז א גאט זאך, אבער טשיסטאטא, דאס איז דאך גאר א מכה אשר לא כתובה בתורה, און אלץ ווייל דער נאטשאלניק האט געוואלט פינף הונ־דערט רובעל און די גבירים פון שטעדטעל האבען איהם נור אנגעבאטען דריי. דאן ווען זיי האבען איהם שוין אנגעבאטען פינף הונדערט, האט ער גאר ניט געוואלט נעהמען קיין געלד, אפילו טויזענד אויך ניט, און ביי די אידען איז שטעדטעל איז עס געווען אן אפגעמאכטע זאך, אז ער איז א רשע מרושע און וויל פייניגען אידען.

דאן האט דער נאטשאלניק ארויסגעגעבען א נייע גזרה: מען זאל ארויס־נעמען די בענק מיט די טישען פון דער פראנצויזישער קלויז, און מען זאל דארטען אריינשטעלען בעטען פאר קראנקע און יעדער מענש, וועלכער וועט זיך פיהלען ניט געזונד, זאל באלד רופען דעם פעלדשער און דעם דאקטאר און זאל באלד אריבערגעטראגען ווערען אין דער פראנצויזישער קלויז, וואס איז פערוואנדעלט געווארען אין א פראנצויזישען שפיטאל. עס האט ניט לאנג גע־דויערט, און די גאנצע פראנצויזישע קלויז איז געווען פול מיט חולאים, און ווער עס איז איין מאהל אריינגעבראכט געווארען אין דער פראנצויזישער קלויז, איז שוין א לעבעדיגער פון דארטען ניט ארויס. אין שטעדטעל האט מען

נערעדט, אז דער שונא ישראל, דער נאטשאלניק, שיקט אויף צו להכעיס אוועק
נעזונדע מענשען אין דער פראנצוויזישער קלויז, כדי זיי זאלען דארטען קראנק
ווערען און שטארבען· באלד איז אבער די פראנצוויזישע קלויז אויך געווען גע־
פאקט, און דער נאטשאלניק האט אנגעזאגט, אז מען זאל נאך א קלויז פער־
וואנדלען אין א שפיטאל. אין שטעדטעל זיינען אויך אנגעקומען דאקטוירים
און פעלדשערס פון קאוונא ארויסצוהעלפען דעם דאקטאר און פעלדשער פון
שטעדטעל, און פיעלע פון די קאוונער דאקטוירים זיינען געווען מיליטערישע
און אנגעטהאן אין פולע אוניפארמען. די פראוויזארישע שפיטאלען זיינען באלד
געווען פול מיט קראנקע, אין יעדער הויז איז געווען א קראנקער, די דאקטוירים
און דער אפטייקער זיינען דאן געווען זעהר באשעפטיגט, אבער די חברה
קדישה איז נאך געווען מעהר באשעפטיגט און ירחמיאל'קע האט געארביים
אויף דעם בית עולם, ווי אן אייזעל. ווען עס איז אנגעקומען א לויה אויף דעם
בית עולם זיינען שוין דריי פיער קברים געווען אויסגעגראבען. און ירחמיאל'קע
איז ניט געווען קיין פושער. ער האט געגראבען טיעפע קברים און האט ניט
געזשאלעוועט נאך א פאר רידלען ערד, דאדורך האט ער שטארק נושא חן
געווען ביי דעם אלטען קברן.

ווען די מגפה איז געווארען אלץ גרעסער און גרעסער, און האט פאר־
לאנגט יעדען טאג נייע קרבנות, און ווען די אידען פון שטעדטעל האבען איינגע־
זעהן, אז ניט די דאקטוירים און ניט די פעלדשארעס און ניט דער רופא קענען
דא עפעס אויפטאן, האבען די קלוגערע און עלטערע פון זיי בעשלאסען אוועק־
צוגעהן צום רב און מיט איהם ריידען ערנסטע ווערטער, און איהם פרעגען.
אפשר ווייסט ער דאך א מיטעל אדער א סגולה געגען די פורכטבארע מגפה.
די אידען אין שטעדטעל זיינען געווען זיכער, אז דער אלטער רב, וועלכער איז
ניט נאר געווען קלאהר אין נגלה נאר אין נסתר אויך, כאטש ער איז געווען
א שטרענגער מתנגד, מוז עפעס וויסען א מין סגולה געגען די מגפה. זיי האבען
געוואוסט, אז דער רב איז א צדיק, אן אמת'ער צדיק, און דערפאר דארף ער זיין
בכח מבטל צו זיין די גזרה. זיי האבען געווארט א טאג, צוויי טעג, דריי טעג
צו זעהן, וואס די דאקטוירים און די פעלדשארעס וועלען אויפטאן. און ווען זיי
האבען זיך איבערצייגט, אז דער מלאך המות האט פאר די דאקטוירים ניט
קיין דרך ארץ, זיינען זיי אוועק צום רב און האבען איהם מיט טרעהרען אין די
אויגען געבעטען אז ער זאל עפעס טאן צו פארטרייבען די משחיתים פון
שטאדט. זיי האבען צו איהם גערעדט ערנסטע רייד און זיי האבען איהם אויך
ניט פארפעהלט צו זאגען, אז ווען אלע אין שטעדטעל וועלען אויסשטארבען,
וועט קיינער ניט בלייבען צו קויפען זאלץ און הייוועו, און טויטע קענען אויך
דעם רב קיין שכירות ניט צאהלען... פאר די לעצטע רייד האט זיי דער אלטער
רב גוט אנגעזידעלט, דאס הייסט אויס־גע'מוסר'ט, דען זידלען איז ניט גע־
ווען דעם רב'ס נאטור, אבער וואס איז נוגע א סגולה געגען די מגפה, האט זיי
דער רב געזאגט, אז ער אליין ווייסט פון קיין סגולות ניט, נאר ער ווייסט פון
זיינע אבות וואס זיי האבען געטאן, און ווי זיי האבען געהאנדעלט אין עהנלי־
כע פעלע..

ווען אין מיין שטעדטעל איז אויסגעבראכען א מגפה קורץ נאך דער
צווייטער שרפה, האט זיי דער אלטער רב געזאגט, האלטענדיג די גרויסע ווייז־
סע בארד אין זיין קליינער האנד, האט מען אויסגעזוכט אן ארימען בחור און
אן ארימע מיידעל, א געוויסע יתומה, און מען האט דאס פאארעל פער'סנס'ט

אין הקדש און חתונה געמאכט אין מיטען נאכט אויף דעם בית עולם. איך זאג ניט, האט דער אלטער רב געזאגט, אז דאס וועט בעשטימט פארטרייבען די מגפה, נאר דאס זאג איך, האט מען אמאל געטאן, און פיעלע אידען, דארונטער גרייסע יראים און שלמים האבען געגלויבט אין דיזער סגולה, און ווען די מגפה איז טאקע פון שטעדטעל פארשוואונדען באלד נאך דער חתונה פון פאארל אויף דעם בית עולם, האבען עהרליכע אידען געזאגט, אז דאס איז געווען א דאנק יענער סגולה, און אויב איהר ווילט דאסזעלבע טאן אין דעם איצטיגען אויגענ־בליק, מעגט איהר דאס טאן. שאדען קען עס געוויס ניט. די אידען וועלכע האבען מיט דעם רב גערעדט וועגען דער מגפה, האבען זיך מחיה געווען, ווען זיי האבען געהערט יענע ווערטער. אין זייערע הערצער איז אויסגעוואקסען א נייע האפנונג. דער אלטער רב איז ניט געווען א מאן, וואס האט פיעל גערעדט. אין שטאדט האט מען איהם גערופען דער שווייגער, ווייל ער האט ווייניג וואס גע־רעדט אין דברי חול. א סך האט ער נאר דאן גערעדט, ווען עס האט זיך גע־האנדעלט אום א דבר תורה. ער האט אויך עטליכע מאל ערקלעהרט, אז גאט האט געגעבען מענשען א צונג מיט ליפען און זיי זאלען ריידען פון תורה אדער זאלען דאווענען. ווען מען נוצט דעם צונג מיט די ליפען פאר דברי חול, פאלט מען אפט אריין. פון דברי חול קומט מען צו שיחת חולין, פון שיחת חולין צו ליצנות, און פון ליצנות צו לשון הרע און ניבול פה, און דערפאר זאל מען נור ריידען פון לערנען און דאווענען. און ווען אזא צוריקגעהאלטענער איד ווי דער אלטער רב האט גערעדט וועגען א סגולה געגען דער מגפה, מסתמא ווייסט ער וואס ער רעדט. אזא גאון און א צדיק א איד, רעדט ניט סתם אין דער וועלט אריין.

עס האט ניט לאנג געדויערט און באלד האבען אלע אין שטעדטעל געוואוסט, אז עס איז שוין דא א מיטעל געגען דער מגפה, און אין וואס דער מי־טעל באשטעהט. איצט האט מען נור געדארפט געפינען דאס פאסענדע פאארל. אבער דאס איז ניט געווען אזוי לייכט. אין מיין שטעדטעל איז אפילו געווען שווער צו קריגען א אידען אויפצורופען צו דער תוכחה? ווער וועט עס וועלען געהן חתונה האבען אויף'ן בית עלמין אין מיטען נאכט? ווער וועט עס וועלען בעהאנדעלט ווערן ווי א שטיעפ־טאכטער? איהר נאמען איז געווען חאשקי. און זי האט אמאל געהאט רויטע האאר און רויטע באקען. אבער פאר די לעצטע פינף זעקס יאהר, זיינען איהרע באקען בלייך, און איהרע האאר האלב גרוי. נאך פיעלע זוכען, האט מען אויך געפונען א חתן, בינקי יון, אן עלטערער בחור. וועלכער איז אמאל געווען א בארשטענארבייטער און איז שפעטער אביסעל פארקנסט ווערען אין הקדש אין מיטען נאכט ? אבער אז מען זוכט געפינט מען. א פאסיגע כלה האט מען לייכט געפונען, יהושיע האהן'ס אן אייניקעל, אן על־טערע מיידעל, וועלכע איז יאהרען לאנג געווען א דיענסטמיידעל, און איז שפע־טער, ווען זי איז קראנק געווארען אויף שווינדזוכט, אריינגענומען געווארען פון אן עלטער פעטער אין הויז, אוואו זי איז געשלאפען הינטער דעם אויווען און בלינד געווארען און האט מעהר ניט געקענט ארבייטען. ער האט געהאט א מוה־מע אין ענגלאנד וועלכע פלעגט איהם אויף יעדען יום טוב אריינשיקען עטליכע רובעל. אזוי ווי ער האט זיך אויסגעלערנט ווייניג עסען, פלעגט ער קענען אב־קומען מיט כמעט גארניט, און דערפאר איז פאר איהם געווען גענוג וויפיעל ער האט געהאט. זייענדיג האלב בלינד און שוין א מאן אין די יאהרען, האט ער איינגעוויליגט חתונה צו האבען מיט חאשקי. יהושוע האהן'ס אייניקעל און נעגען די פארגיטיגונג פון עטליכע רובעל האט ער אויך צוגעשטימט, אז די

חתונה זאל געפראוועט ווערען אויף דעם בית עולם אין מיטען נאכט. חאשקי'ן האט מען גארניט געפרעגט, צי זי וויל דאס טאן צי ניט. מען האט איהר געהייסען טאן און זי האט געטאן וואס מען האט איהר באפוילען. רײדען האט זי כמעט ניט געקענט, דען אזוי שנעל ווי זי האט אנגעהויבען ריידען, האט זי זיך שטארק פארהוסט און זי האט ניט געהאט קיין כח צו זאגען ניין, אפילו ווען זי וואלט געוואלט זאגען ניין. אבער ניט נאר האט זי ניט געזאגט ניין, נאר זי האט מיט א לייכטען שמייכעל אויף איהרע בלאסע ליפען צוגעשטימט צו דעם פלאן. נאכדעם ווי מען האט איהר ערקלעהרט, אז דאס איז ניט נאר א גליק פאר איהר, ווייל די מתים וועלען פאר איהר מתפלל זיין, נאר אויך א גליק פאר דער שטעדטעל.

אין איינע פון די סליחות טעג, שפעט אין אווענד, האט זיך פערזאמעלט א מאסע אידען אין פאליש פון בית המדרש. פון דארטען האבען זיי געדארפט געהן אויף דעם בית עולם פיהרען חתן כלה צו דער חופה. צווישען די מאסע אידען האט מען נור געזעהן זקנים און זקנות. דער רב איז אויך געווען אין דיזער עדה. אין פאליש פון בית המדרש האט שוין קיין ליכט ניט געברענט און דער פאליש וואלט אין גאנצען געווען איינגעהילט אין טונקעל, ווען די טיהר פון בית המדרש וואלט ניט געווען אפען. אין בית המדרש האבען געברענט צוויי גרויסע יאהרצייט ליכט און דער שיין פון דיזע יארצייט ליכט האט ארייגעדרונגען אין פאליש. אין דיזען מאטען ליכט איז געשטאנען אן עדה אידען און גערעדט אויף'ן וואונק און שטום לשון. יעדער האט פערשטאנען דעם ערנסט און די פייערליכקייט פון אויגענבליק און יעדער האט מורא געהאט צו שטערען דיזע פייערליכקייט דורך א הויכען ווארט. און דערפאר האט מען גערעדט האלבע דיבורים און אויף האלב שטום-לשון. די רייד איז געווען דערפון צי זאל מען געהן דירעקט צום בית עולם איבער דער אלטער קלאטקי אדער אינדירעקט און ארום און ארום איבער דער בריק. עס האט ניט לאנג געדויערט. און די מאסע אידען האט זיך אנגעהויבען לאנגזאם באוועגען. עס שיינט, אז עס איז באשלאסען געווארען צו געהן דירעקט איבער דער קלאטקי צום בית עולם. מען האט ניט געוואלט געהן איבער דער בריק אויס מורא טאמער וועט מען דארטען באגעגענען דעם נאטשאלניק אדער א דאקטאר, אדער סתם א מונדיר, און איינע פון די גזרות פון נאטשאלניק איז געווען, אז אין משך פון דער מגפה זאל מען זיך ניט צוזאמענקומען. איינער פון די ווייסערס האט דעם אלטען רב אויפמערקזאם געמאכט אויף דיזער גזרה און עס איז דערפאר שנעל באשלאסען געווארען צו געהן איבער דער קלאטקי. לאנגזאם און מיט א געוויסען ריטהמישען שריט איז דער עולם ארויס פון פאליש פון שוהל אויף דעם שוהל-הויף און פון דארטען צו דער קלאטקי. די נאכט איז געווען א העלע. די לבנה האט געשיינט אין איהר גאנצער נאכטליכער פראכט און הערליכקייט. און געשיקט איהרע זילבערנע שטראהלען אין די פינסטערע געסלאך פון שטעדטעל און אין די כאטקעס, וועלכע האבען פון דער ווייטען אויסגעזעהן ווי גרויסע קברים. די שטילקייט אין דרויסען איז געווען אזוי גרויס, אז יעדער האט געהערט זיין אייגענעם אטהעם. מען איז געגאנגען לאנגזאם און ציעל באוואוסט. יעדער האט געוואוסט, וואס דער גאנג מיינט. אן דער שפיטצע פון דער עדה אידען איז געגאנגען דער אלטער רב און רבי אליהו דער שוחט. ביידע האבען געהאט לאנגע ווייסע בערד, וועלכע האבען נאך אין יענער נאכט אויסגעזעהן נאך ווייסער, ווייל די שטראהלען פון דער בלישטשענדער לבנה האבען זיך אויף

זיי געשפּיעלט. הינטער דעם רב און רבּי אליהו זיינען געגאנגען די עלטערע לומדים און יראים פון שטאדט און אין מיטען פון דער גרופּע זיינען געגאנגען חתן כלה, ביידע אנגעטאן ווי אימער, כמעט אין קאדערס. עס איז אמת, אז מען האט חתן כלה געגעבען א גארדעראבּע דרשה געשאנק, אבער עס האט זיך ניט געפּאסט, אז זיי זאָלען ביי דיזער געלעגענהייט אָנטהאָן זייערע נייע בגדים. פאַרקעהרט זיי האָבען געדארפט קומען צו דער חתונה גאנץ פּראסט אנגעטאן.
אויך פיעלע עלטערע פרויען זיינען מיטגעגאנגען צום בית עולם, אָבער זיי זיינען געגאנגען הינטער די מענער און אויך הינטער חתן־כלה.

דער וועג פון בית המדרש צום אלטען בית עולם איז ניט קיין לאנגער און נעהמט ניט מעהר ווי צעהן מינוטען, אבער אזוי ווי די עדה אידען האט זיך ניט געאיילט, און איז געגאנגען פּאמעליך, האט דער גאנג געדויערט כמעט א האַלבּע שטונדע. מען איז געגאנגען ניט ווי צו קיין חתונה, נאר ווי צו א לויה. און לאנגזאם איז מען אנגעקומען צום הקדש, אויף דעם אלטען בית עולם, אויף וועלכען די ליכטיגע שטראהלען פון דער לבנה האבען ניט געהאט קיין שליטה. און אפילו אין יענער ליכטיגער נאכט, איז א פינסטערניש געווען אויסגעגאסען אויף איהם.

די אידען זיינען ניט געבליבען לאנג אין הקדש שטיבעל. מען האט נאָר געווארט ביז די כלה וועט באזעצט ווערן, שטילערהייט אויף שטום־לשון. אהן צערעמאניעס און ביז א קבּלת קנין וועט דורכגעפיהרט ווערען. רבּי ירוחם האט זיך פאר די גאנצע צייט פון דיזע צוויי צערעמאניעס געהאַלטען פון וויי־טען, און איז געזעסען אין א ווינקעל אויף דער טהרה ברעט, ווי ניט איהם מיינט מען דאָס. איינינגע אלטע אידען האבען אנגעהויבען צו זאגען איינע צו די אנדערע מזל טוב און דאָס איז געווען א סיגנאל צו געהן. די ברייטע טיהר פון הקדש צום בית עולם האט זיך געעפענט און דער רב, רבּי אליהו דער שוחט, דער דיין און חתן כלה זיינען געווען די ערשטע צו באטרעטען דעם בית עולם. און דער גאנצער עולם האָט זיי נאָכגעפאָלגט. פּאַמעליך און מיט לאנגזאמע טריט האָט זיך די עדה געשלענגעלט אויף די קרומע וועג דורך דעם אַלטען בית עולם, וועלכער האָט פון ווייטען אויסגעזעהן ווי אַ געדיכטער וואלד. זיי זיי־נען געגאנגען ווי שאָטענס, לעבלאָז, שטיל, מיט אראָבּגעלאָזענע קעפּ און מיט תפילות אין הארצען איז נור דאס ברויזען פון די צווייגען פון די אלטע בוימער און די גרויע מצבות, וואָס האָבען אזוי מיסטעריעז אַרויסגעשטארטשט אין דער נאַכט, האבען יעדען דערמאהנט אוואו ער געפינט זיך, דער ציעל פון דעם וואנדערען איז געווען דער קבר פון אלטען צדיק צוליב וועמעס זכות די ערשטע מגפה אין שטעדטעל איז איינגעשטילט געווארען. דער מארש פון דער עדה אי־דען האט זיך געצויגען א לענגערע צייט דורך קרומע און פערוואַרפענע וועגען. וועלכע זיינען געווען פארדעקט פון הויכע גראזען און פארשטעלט פון צווייגען פון די אלטע בוימער. פּלוצלינג איז די מיטעננאכט־וואנדערונג אויף דעם בית עולם געקומען צו א שטילשטאנד. דער ציעל איז געווען דערגרייכט. אויף א וואונק פון אַלטען רב האָבען זיך חתן כלה אוועקגעשטעלט פאר דער גרויסער מצבה פון א קבר, וועלכער איז געווען אין גאנצען איינגעהילט אין לאנגע און געדיכטע צווייגען פון אן אלטען בוים און דער גאנצער עולם האט ארומגערינ־געלט חתן כלה, א חופּה איז אויפגעשטעלט געווארען אונטער דער נאטירליכער חופּה פון די אלטע צווייגען, צוויי אידען האבען אנגעצונדען צוויי קליינע ליכ־טארניעס, איינע צו דער זייט פון חתן און די אנדערע פון דער זייט פון דער כלה. אן עלטערער איד האָט דעם פּאַרעל געגעבען קדושין און שטילערהייט

געזאגט די ברכות, און דאן האט זיך דער אלטער רב אוועקגעשטעלט פאר חתן־כלה און מיט א ציטערנדער שטימע געזאגט: „זאל אייער בונד פאר א נייעם לעבען זיין א סימן פון לעבען און דורך דעם זכות פון דעם נייעם לעבענסבונד וואס איז דא אויף דעם הייליגען ארט געשלאסען געווארען, זאלען מיר אלע אין שטאדט דערלעבען שנות זקנה און די משחיתים זאלען פון שטאדט פאר־טריבען ווערען, און דער שומר ישראל, וועלכער האט אונז אזוי לאנג געפיהרט און איבער אונז אזוי לאנג געוואכט, זאל אונז ווייטער פיהרען און איבער אונז ווייטער וואכען, און ער זאל אונז באהיטען פון משחיתים און מחבלים, כדי מיר זאלען לעבען אום אפצוהיטען זיין הייליגע תורה און די מצוות, און גאט, וועלכער איז א מנחם אבלים, זאל לאזען דערהערען קול חתן וקול כלה אין די גאסען פון ירושלים, אמן. אלע אניוועזענדע האבען געענטפערט מיט א אמן פון טיעפען הארצען און דער עולם האט זיך אנגעהויבען ווידער באוועגען אין דער ריכטונג צום הקדש. איצט איז מען שוין געגאנגען שנעלער און איז א גאנץ קורצער צייט האט זיך דער מארש געענדיגט אין הקדש. מיט פנים'ער פול מיט האפנונג האבען זיך אלע געזאגט מזל טוב און זיי זיינען זיך צוגאנגען. נור רבי אליהו האט זיך אוועקגעזעצט אויף א נידעריגען שטוהל זיך א ביסעל אפצורוהען, ווייל ער האט איינפאך קיין כח ניט געהאט ווייטער צו געהן. ער האט געוואוינט ניט ווייט פון קלאטסקי, הינטער דער אלטער באד, און ער האט געוואלט א ביסעל כאפען דעם אטהעם, איידער ער געהט ווייטער. ער איז געבלי־בען צוזאמען מיט דעם אלטען רבי ירוחם, און האט זיך מכין געווען באלד זיך אויפצוהויבען און אויך אוועקצוגעהן. אבער עס איז איהם ניט געווען באשערט. זיך אוועקזעצענדיג, האט ער באמערקט אז דעם אלטען רבי ירוחם גיסען זיך טרעהרען פון די אלטע אויגען.

„רבי ירוחם, עס איז אייך עפעס ניט גוט,", האט רבי אליהו געפרעגט מיט א שטימע פול מיט מיטלייד. „עס איז מיר גוט—האט געענטפערט רבי ירוחם-- אבער עס פעהלט א ביסעלע מזל.. ניט באשערט"...

„נו, אז עס איז ניט באשערט דארף מען וויינען—האט רבי אליהו גע־ענטפערט. אט איז דעם אידישען פאלק ניט באשערט, און מיר זיינען שוין אכטצעהן הונדערט און זעקס און פופציג יאהר אין גלות און פון דעסטוועגען"..

„אבער אז עס איז ניט באשערט חתונה צו מאכען די איינציגע טאכ־טער, איז ביטער אויפ'ן הארצען" האט דער אלטער קברן געענטפערט.

„דאס האט איהר זיך איצט דערמאהנט, און גראדע איצט " — האט רבי אליהו געפרעגט מיט א נאכדרינגליכען טאן.

דער אלטער קברן האט געשוויגען און געזיפצט. אין מיטען האט זיך רבי אליהו ארומגעקוקט און האט קיין בר מנן ניט געזעהן. גאט צו דאנקען א ביסעלע שטילער געווארען. האט ער צו זיך אליין געזאגט.

"יא א ביסעלע שטילער געווארען, — האט רבי ירוחם געענטפערט מיט א שטילער ביטערקייט. און וואס וועט פון מיין שיינע רחקע'ן ווערן? זי איז שוין אריבער שלשים און ווי לאנג איז דער שיעור? זי איז דאך א בת ישראל די טאכטער פון אן עהרליכען אידען, און אליין אן עהרליכע אידישע טאכטער און דארף חתונה האבען. אנדערע אידישע טעכטער האבען מזל. האט זיך דאס וועמען געדוכט, אז יהושיע דעם האהן'ס איניקעל, און אויסגעדארטע, א דוש־לעווע,ע א צובראכענע, וועט נאך אמאל קריגען א באשערטען, אבער אז מען

האט מזל איז גוט און מיין שיינע רח'קע האט קיין מזל ניט און זי איז ניט קיין דושלעווע, און ניט קיין צובראכענע און נאך גאר ניט אזוי אלט, אסך אינגער פאר דער כלה, וואס מען האט איצט געפיהרט אונטער חופה.. און רבי ירוחם'ן זיינען ווידער ארויס טרעהרען פון די אויגען. ביידע זקנים זיינען געזעסען מיט אראפגע־לאזענע קעפ. איינער האט אין דער שטיל געוויינט און דער אנדערער האט גע־זיפצט.

נאך א היבשע צייט פון שטילשווייגען, איז ר' ירוחם צוגעגאנגען צו רבי אליהו'ן און האט צו איהם געזאגט מיט א פעסטער שטים: „איהר מוזט מיר אודאי האלטען פאר אן אלטען נאר, אבער איך בין נאר אן אל־טער טאטע, וועלכער זוכט דאס גליק פון זיין קינד. איך האב געמיינט, אז איך וועל שוין באלד געפינען דאס גליק פון מיין קינד, אבער פון אלסדינג האט זיך אויס־געלאזען א בוידים און איך קען פאר מיין שיינע רחקע'ן די אויגען ניט ווייזען. איבערהויפט צייט זי האט געהערט, אז יהושיע דעם האהן'ס אייניקעל געהט חתונה האבען. שיינע רח'קע האט אויך געדארפט די טעג חתונה האבען, אבער.. ווען עס איז ניטא קיין מזל.. זי איז פאר די לעצטע פאאר וואכען געווען פאר־קנסט צו ירחמיאל'קען, און די חתונה האט בקרוב געדארפט פארקומען. מישט זיך אבער אריין דער שטן און פון אלע האפנונגען לאזט זיך גאר ניט אויס".

„וואס איז דאס פאר א מעשה נורא? האט רבי אליהו, ווי ריידענדיג צו זיך אליין געפרעגט:

"'אט גאר נישט, עס איז קיין מזל נישטא — האט דער אלטער קברן געענטפערט זיפצענדיג. ירחמיאל'קע איז דער ריכטיגער חתן פאר מיין טאכ־טער, וואס! חתונה האבען מיט א שוסטער אדער א שניידער איז בעסער? אלע אידען האבען שוין שיך און אלע אידען האבען שוין הויזען און פון וואגען קען א בעל מלאכה נעהמען אויף פרנסה היינטיגע צייטען? אבער גאט האט געוואלט, אז מענשען זאלען שטארבען, און אלע מוזען שטארבען, און אלע מוזען קומען צו קבורה, און א קברן איז גאר ניט אזא שלעכטע מלאכה. אמת, ניט קיין גליק. אבער איך בין נאך פון הונגער ניט געשטארבען, און קיין קברן איז נאך פון הונ־גער ניט געשטארבען. איך ווייס אז איך וועל אייביג ניט לעבען. האב איך גע־מיינט, אז ווען ירחמיאל'קע וועט חתונה האבען מיט מיין שיינע רח'קען און די חברה קדישא איז מיט איהם צופרידען, וועט מיין טאכטער זיין פארזארגט און מיין פלאטץ וועט פארנעהמען א מאן וועלכער איז ראוי דערצו, און אלסדינג איז שוין געווען אפגעמאכט, ביז דער שטן האט זיך אריינגעמישט און די תנאים זיי־נען שוין כמעט קיין תנאים ניט...

רבי אליהו האט אנגעקוקט דעם אלטען קברן מיט צוויי גרויסע אויגען אזוי ווי ער וואלט דעם גאנצען ענין ניט פארשטאנען. רבי ירוחם האט גערעדט האלבע דיבורים.

„פאר וואס זיינען די תנאים קיין תנאים ניט און פאר וואס קען שיינע רח'קע נישט חתונה האבען. איך פארשטעה אייך ניט רבי ירוחם", האט דער אל־טער שוחט געזאגט.

רבי ירוחם האט א ווייל מיט זיך אליין געהאלטען א ויכוח. צי ער זאל אלסדינג זאגען צי ניט, אבער ענדליך האט ער באשלאסען ארויסצור־געהן מיט קלאהרע דיבורים, איז צוגעגאנגען צום טהרה ברעט אין א ווינקעל פון הקדש, און האט צוגעשלעפט א ביינקעל, האט זיך אוועקגעזעצט לעבען רבי אליהו און האט איהם מיט דעם מויל מיט די פינגער, מיט די אויגען און די גרויסע ווייסע אויגענברעמען פאלגענדעס דערצעהלט:

„ווען ירחמיאל׳קע איז דא געקומען ארבייטען, האב איך זיך מיט איהם געניטער באקענט און מיין שיינע רח׳קע האט זיך מיט איהם אויך בעקאנט, און איך בין דאס אליין געווען דער שדכן. ירחמיאל׳קע האט געזאגט, אז ער וויל צוויי הונדערט רובעל נדן. איך האב זיך מיט איהם גערונגען און געדונגען, איך האב זיך אראפגעדונגען פאר הונדערט און פופציג רובעל. איך האב איהם אבער געזאגט, אז איך בין ניט קיין בארשטענפאבריקאנט און אויך ניט קיין קאנטרעבאנשטשיק, און קען איהם ניט געבען הונדערט און פופציג רובעל באארגעלד. איך האב זיך מיט איהם אויסגעדונגען אויף פופציג רובעל א וועקסעל, פופציג רובעל פאר א יאהר קעסט און פופציג רובעל בארגעלד. ער איז געווען צופרידען, בתנאי אז איך זאל איהם די פופציג רובעל באר־געלט געבען פאר דער חתונה אדער אז איך זאל דאס געלד איינלעגען ביים רב. דעם וועקסעל אויף פופציג רובעל האב איך זיך באלד פארשאפט. אזוי ווי איך בין נאך קיין מאהל פון הונגער ניט געשטארבען, בין איך געווען בטוח אז איך וועל איהם אויך קענען געבען א יאהר קעסט. מען עסט ניט ביי מיר אלע טאג פלוימען אדער פארפעלצימעס, אבער א שטיקעל ברויט, א הערינג, א פאאר עפעל, א גלעזעל ציקאריע איז שטענדיג דא אין שטוב, און דערפון שטארבט מען אויך ניט. איך האב עס מיין גאנצען לעבען געגעסען אין וואכען טעג, און בין קיין מאהל ניט געווען קראנק, און ער וועט אויך געניסען די קעסט. אויף שבת איז אלע מאל דא א שטיקעל פיש אדער א לונג און לעבער. ווענען וועקסל האב איך אויך קיין זארג ניט געהאט. מיין גרעסטע דאגה איז געווען די פופציג רובל בארגעלד. אבער איך האב מיר געטראכט: גאט וועט העלפען, גאט פערלאזט ניט א פיש אין וואסער און א ווארעם אונטער דער ערד און ער וועט מיך אויך ניט פארלאזען. און דער אמת איז, אז צייט די מגפה האט זיך אנגעהויבען האב איך אוועקגעלעגט אן א זייט זיבעצעהן רובעל, און איך האב געמיינט, אז גאט וועט העלפען.. דער אימפעט וועט אנהאלטען נאך א פאאר וואכען, און איך וועל האבען די גאנצע פופציג רובעל אין באר און וועל קאנען פיהרען מיין טאכטער צו דער חתונה. שיינע רח׳קע איז א טייער קינד. עס איז איהר קיין זאך ניט צו שווער און זי פאלגט מיר און טהוט אלסדינג וואס איך הייס איהר.. אבער ווי איהר זעהט, איז מיר ניט בעשערט.. שוין צייט צוויי טעג איז דא קיין בר מנן ניט געווען, און איך האב שטארק מורא, אז דער אימפעט איז פאראיבער, און אויב דער אימפעט איז פאראיבער, וועל איך אויפעסען די פאאר רובעל און איך וועל די פופציג רובעל בארגעלד ביים רב איינצולעגען ניט האבען, און ירחמיאלקע וועט ניט געהן צו דער חופה. אט אזא פינסטערען מזל האב איך שוין. ווען שיינע רח׳קע דארף חתונה האבען, הערט אויף דער אימפעט, איהרע איינציגע האפנונג צו קריגען נדן... אט קוקט אליין... ניטא מעהר קיין בר מנן אויף א רפואה.· שהנע רח׳קעס מזל...·

רבי אליהו איז אין מיטען דערווייל́ע איינגעשלאפען אויף זיין ביינקעל. אבער דער אלטער קברן האט עס ניט באמערקט. ער האט נאך לאנג גערעדט, אויסגעגאסען זיין הארץ און געטענהט: ניטא קיין בר מנן אויף א רפואה, שיינע רח׳קעס מזל.. ניט באשערט.. מיין ארימע רח׳קע, ווען דער אימפעט האלט נאך או כאטש איין וואך, אבער ניט באשערט, ניטא קיין מזל..·.

דער יונגער אָקס און די אלטע מויד.

אין א קאלטען און ווינטיגען מארגען ווען די אידען זיינען געזעסען נאך דעם דאווענען ארום זייערע גמרות ביים לאנגען טיש אין בית מדרש און גערעדט ווענען גרויסע פאסירונגען, ווענען מלחמות גוג ומגוג, ווענען אלעקסאנדער מוקדון און נאפאלעאן דער ערשטער, איז געקומען חיים זלאטעס די גנידע צו נאטע דעם קצב אין יאטקע און געזאגט: ״רבי נאטע, אייער טאכטער, חנה ביילקע ווערט עלטער און ניט אינגער, און זי ווערט מיאוסער און ניט שעהנער, און איהר ווערט ארימער און ניט רייכער, און די שטעדטעל ווערט אויסגעליידיגט פון בחורים, ווייל זיי לויפען אלע אין אמעריקא, און איהר מעגט זיך שעהמען אין אייער ווייטען האלז. שוין פינף און פופציג יאהר און איהר האט נאך אלץ ניט קיין אייניקעל, איך וויל חנה ביילקע'ן מזכה זיין מיט א חתן“.

ווען רבי נאטע האט דערלעבט צו הערען דיזע ווערטער זיך ארויסציהען ווי פעך פון חיים זלאטע די גנידע'ס מויל, האט ער אוועקגעלעגט די האק, וואס ער האט געהאלטען אין האנד, האט זיך אבגעווישט די צוויי גרויסע הענד אין דעם פארטוך, און האט חיים זלאטע'ס געפרעגט: "נו ? ווען ? אוואו ? ווער ?" אויף דער שפראך פון געוועהנליכע מענשען מיינט עס: אדרבא, אוואו און ווער איז דער בחור, און פאר וואס ווייזט ער זיך ניט

חיים זלאטע די גנידעס האט אבער אויף דיזע פראגען קיין ענטפער ניט געקענט געבען, ווייל דער חתן איז געוועז, אבער ניט אין מיין שטעדטעל. נאר אין וואלאזשין און דאן איז ער נאך גאר קיין חתן ניט געוועזן, נאר סתם א ישיבה בחור, וועלכער, ווי אלע ישיבה בחורים, האט געוואלט קריגען א שעהנע מיידעל פאר א ווייב, אסך נדן און אסך קעסט. חיים זלאטע די גנידע'ס האט נור געוואלט ווייזען רבי נאטע'ן אוואו א גוטער איד וואוינט, אין וואלאזשין. ניט נאר נאטע, נאר יעדער אין שטעדטעל האט געוואוסט, אז זאויב חנה ביילקע וועט ניט קריגען א חתן פון אן אנדער שטאדט, וועט זי בלייבען זיטצען, און בלייבען זיטצען, איז די גרעסטע קללה פון דער תוכחה. אמת אין דער תוכחה שטעהט די קללה ניט, אבער זי איז אזוי שרעקליך, אז זי קען אפילו אין דער תוכחה ניט שטעהן. אוואו און ווען האט מען דאס געהערט, אז א מיידעל זאל אין גאנצען בלייבען זיטצען ? זי וועט דאך ניט קענען ווייזען איהר פנים אין גאס. א שייטעל וועט זי דאך ניט קענען טראגען, און אהן א שייטעל וועט זי דאך אויך ניט קענען געהן, דען אלע וועלען דאך פרגען קשיות אדער אלע וועלען עפנען די מיילער. און פאהרען אין אמעריקא איז שוין אויך קיין תכלית ניט. אמעריקא איז נור גוט פאר יונגע מיידלאך, אבער ניט פאר אן אלטער מויד פון אכט און צוואנציג יאהר. רבי נאטע, וועלכער איז געוועזן א גאנץ קלוגער איד, האט עס פערשטאנען, אבער העלפען האט ער זיך ניט געקענט. חנה ביילקע איז ניט געוועזן איבריגענס שעהן, און צו קלוג איז זי אויך ניט געוועזן, און נדן פאר איהר אדער א גרויסען נדן האט רבי נאטע אויך ניט געהאט, און עס איז געוועזן פינסטער און ביטער. נאר נאטע איז געוועזן א גרויסער ירא שמים און א גרויסער בעל בטחון.

זיין בטחון איז באמת געווען גרויס ווי דער פון א צדיק. ווען נאטע האט געקויפט א קוה, האט ער געוואוסט, אז זי וועט ניט ווערען טרפה. ער האט געהאט בטחון אין בורא, אז ער וועט איהם ניט פארלאזען און א דאנק זיין בטחון איז ער געווען ווייניגער טרויעריג ווי ער וואלט געדארפט זיין לגבי די אומשטענדען. ער האט געוואוסט, אז גאט וועט איהם העלפען. ער איז געווען כמעט איבערצייגט, אז זיין טאכטער וועט ניט בלייבען זיטצען, דען ערשטענס איז דאך חנה ביילקע געווען זיין טאכטער, צווייטענס איז זי געווען א בת יחידה, און דריטענס איז זי געווען א יתומה, און עס האט זיך איהם ניט געלעגט אויף דעם שכל, אז זיין טאכטער, האבענדיג דיזע דריי מעלות, זאל בלייבען זיטצען. ער האט אבער אויף דער אנדער זייט דאך געזעהן, אז חנה ביילקע ווערט עלטער פון טאג צו טאג, און אז די יונגע בחורים פאהרען אלע אוועק אין אמעריקא. ווען חיים זלאטע די גנידעס איז אמאל געקומען איינמאהנען די וואכער־געלד פאר די חברה ביקור חולים, האט זיך נאטע מיט איהם צורעדט און האט איהם געגעבען צו פארשטעהן, אז אויב ער, חיים זלאטע'ס, וועט עפעס הערען פון א רייכען, געזונדען און שעהנעם בחור, וועלכער איז א למדן, א מושלם און א פרייער פון פריזיוו, זאל ער איהם, רבי נאטע'ן, לאזען וויסען, אפילו ווען דער בחור איז ניט קיין יחסן. „א יחסן בין איך אליין!", האט רבי נאטע געזאגט, און ער איז טאקע געווען א יחסן, זיין פאטער איז געווען א שוחט און א למדן, און אלע זיינע ברידער זיינען געווען גרויסע לומדים. ער אליין איז אויך געווען א שטיקעל למדן. ער האט געקענט גענוג לערנען צו זאגען א בלאט משניות פאר דער חברה, און אין גמרא איז ער אויך ניט געווען פרעמד. עס האט איהם אלזא ניט געארט אויב דער חתן פון זיין טאכטער זאל זיין ניט קיין יחסן, אבי ער זאל זיין פריי פון פריזיוו, געזונד, א למדן, שעהן און קלוג. אם מייסטען איז ער געווען אין דעם אינטערעסירט, אז דער חתן זאל זיין פריי פון פריזיוו, ווייל ער האט ניט געוואלט, אז זיין בת יחידה זאל מוזען פאהרען אין אמעריקא. ווען זי מוז פאהרען אין אמעריקא, מוז ער, רבי נאטע מיטפאהרען, ווייל ער וועט זיך דאך ניט קענען שיידען מיט זיין בת יחידה. רבי נאטע אליין האט אבער ניט געהאט קיין חשק צו פאהרען אין אמעריקא. „ווער פאהרט אין אמעריקא? פלעגט ער פרעגען. ''אינגלאך, ליידאקעס, נעלמים און סתם יונגווארג וואס וויל ניט דיענען דעם קיסר". ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די וועלכע זיינען פון שטעדטעל אוועק אין אמעריקא, זיינען ניט געווען קיין געהויבענע מענשען, און ער האט זיך געהאלטען פאר א יחסן. אמעריקא איז איהם גארניט געווען צום הארצען און ער האט אויך ניט געוואלט, אז זיין בת יחידה זאל פאהרען אין אמעריקא. דערפאר האט ער געוואלט, אז דער חתן זאל ניט זיין קיין חתן פאר אמעריקא, נאר אז ער זאל זיין פריי פון פריזיוו.

חיים זלאטע די גנידעס האט גערעדט לאנגזאם אבער געטראכט האט ער נאך לאנגזאמער. עס האט א ביסעל געדויערט, איידער עס איז איהם אריין אין קאפ, וואס רבי נאטע האט איהם געזאגט. חיים זלאטע'ס האט געטראכט און געטראכט וועגען דעם ענין, ווייל ער האט פארשטאנען, אז דאס שמעקט מיט שדכנות, אבער ער האט ניט געקאנט געפינען א בחור מיט יענע מעלות, וועלכע רבי נאטע האט אויסגערעכענט. חיים זלאטעס האט אבער אזוי לאנג געטראכט ביז ער איז געקומען אויף דעם געדאנקען: זאל רבי נאטע אליין אריינפאהרען אין וואלאזשין און זיך אויסקלייבען א בחור אלס חתן פאר זיין טאכטער. ווען חיים זלאטע'ס איז געקומען אויף דיזען גרויסען געדאנקען, איז ער גלייך אוועקגעלאפען אין דערפריה צו רבי נאטע'ן אין יאטקע און האט איהם אנגעזאגט די

טייערע בשורה· שפעטער איז טאקע רבי נאטע אוועקגעפאהרען אין וואלאזשין און אויסגעקליבען א ריכטיגען העכט, א בחור, וועלכער איז סיי א למדן סיי א מושלם, און סיי שעהן, און פריי פון פריזיוו. ווען רבי נאטע איז צוריקגעקומען פון וואלאזשין און האט זיין בת יחידה דערצעהלט פון דעם גליק, וואס האט איהם געטראפען, האט זי ניט פארגעסען צוצוגעבען, אז ערשטענס דארף מען האבען פינף הונדערט רובעל באר־געלד אויף נדן און צווייטענס, איז דער בחור א מאן מיט א גראדען שכל, אבער מיט א קרומע פוס, און דערפאר איז ער פריי פון פריזיוו. חנה ביילקע האט אבער ניט געזארגט, איז געווען ניט טרויעריג און ניט פרעהליך און האט בעשלאסען אפצואווארטען ביז דער בעשערטער וועט קומען. עס האט ניט לאנג געדויערט, און דער בעשערטער איז געקומען. ער האט טאקע געהאט אלע מעלות און חסרונות, ווי רבי נאטע האט איהם באשריבען, אבער אזוי ווי א חוץ זיין קרומען פוס איז ער געווען א גאנץ סימפאטישער מענש. איז ער באלד געווארען חנה ביילקע'ס חתן און די תנאים זיינען געשריבען געוואָרען. אין די תנאים איז געווען געשריבען שווארץ אויף וויס: צוויי יאהר קעסט, פינף הונדערט רובעל באר־געלד און אויף פינף הונדערט רובעל א וועקסעל.

איצט האבען זיך אנגעהויבען צרות און זארגען פאר רבי נאטע'ן. ער איז געווען א גרויסער בעל בטחון, אבער נאך א גרעסערער קבצן. פון פינף הונ־דערט רובעל האט ער שוין אמאל געהערט, אבער געזעהן אזא סומע געלד האט ער ניט, און דאך האט ער ביז ל״ג בעומר געמוזט האבען פינף הונדערט רובעל באר־געלד, אדער חנה ביילקע וואלט געמוזט ווערען אויס כלה. רבי נאטע האט גע־טראכט פון די פינף הונדערט רובעל ווי א דורשטיגער טראכט פון וואסער. פון אן אנדער זאך האט ער גאר ניט געקענט טראכטען, אבער פון טראכטען ווערט ניט קיין געלד· פון טראכטען קריגט מען נור גרויע האאר.

אין זיין פארצווייפלונג אזי רבי נאטע אוועק צום רב פרעגען אן עצה. דער רב איז געווען ניט נאר א גרויסער למדן נאר אויך א קלוגער איד. אמת'ע רבנים זיינען אלע מאהל קלוגע אידען. אין א שעהנעם אווענד איז רבי נאטע אוועק צום רב און האט איהם דערצעהלט פון זיינע צרות און געזיפצט, און דער רב האט אויך געזיפצט, און זיפצענדיג האט ער געגעבען רבי נאטע'ן צוויי עצות. די ערשטע עצה איז בעשטאנען אין דעם, אז ער זאל איינמאהנען פון אלעמען די חובות, און די צווייטע איז געווען, אז ווען ער וועט איינמאהנען אלע חובות, זאל ער אוועקפאהרען אין דארף און קויפען א גרויסען אקס אויף פסח, און השם יתברך וועט העלפען. פריהער גאט און דערנאך דער אקס און חנה ביילקע וועט נעהן צו דער חופה דעם נעקסטען ל״ג בעומר. רבי נאטע האט באלד בעוואונ־דערט דעם רב'ס חכמה, איז אוועק אין דערהיים און האט זיך אנגעהויבען דערמאהנען אן אלע, וועלכע זיינען איהם שולדיג געלד און חנה ביילקע האט איהם געהאלפען זיך דערמאהנען, אז זיינע בעלי חובות. נאך לאנגען חשבונ'ען האט ער געפונען, אז די פאלגענדע מענשען זיינען איהם שולדיג געלד:

שמעון זרח דער פעלהענדלער פאר צוויי גרויסע פעלען און פאר דריי קעלבערנע פעלכעלאך.

דער דאקטאר פון שטעדטעל פאר זעכצעהן פונט טרפה פלייש.

דער אפטייקער פאר צוועלף פונט כשר'ע פלייש, און דריי ווידלאך פון אן אקס.

רבי פייוועל דער מלמד. פאר זעקס פונט פלייש און פאר א לונג און לעבער.

חיים זלאטע די גנידעס ווייב פאר צוויי לונג און לעבער און קישקע.

דעם דין'ס אידענע פאר צוויי ווידלאך פון א קוה.

רבי בערעלע דער שמש פאר פיער פונט פלייש און קישקע,
רבי מנחם מענדעלע דעם סטאלער'ס ווייב פאר דריי פונט פלייש און א לע־בער,

און דער נאטשאלניק אויעזדני פאר פיער און זעכציג פונט פלייש.

דאס און אנדערעס איז מען רבי נאטע'ן געווען שולדיג הונדערט און דרייסיג רובעל. אזוי ווי ער האט געהאט באר־געלד זיעבעציג רובעל און חנהביילקע האט געהאט אין איהר קניפעל פערציג רובעל, האט ער באשלאסען איינצומאהנען די געלד און ארויסצופאהרען צום פריץ אויפ'ן דארף וועגען קוי־פען א מאסטאקס אויף פסח. פריהער גאט און דערנאך דער מאסטאקס, און חנה ביילקע וועט שוין חתונה האבען! ווען גאט וויל קען מען פון אזא מאס־טאקס פארדינען צוויי הונדערט רובעל, א חוץ די פעל. דאס מיט א פאאר רו־בעל וואס ער וועט צובארגען, וועט איהם בעפרייען פון זיינע זארגען......

ווען רבי נאטע איז ארויסגעפאהרען אויפ'ן דארף צום פריץ, האט ער געוואוסט, אז די נסיעה מיינט זיין שיקזאל און דעם שיקזאל פון חנה בייל־קע'ן. איידער ער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן פוהר, האט ער זיך מיט חנה ביילקע'ן צוקושט און איז ארויס פון זיין שטוב מיט דער רעכטער פוס. עס זאל זיין מיט מזל, און ווען ער איז צוריקגעקומען פון דארף, האט ער זיך מיט חנה ביילקע'ן ווידער צוקושט און איז אריין אין שטוב מיט'ן רעכטען פוס. און ווען ער האט חנה ביילקע'ן אנגעזאגט די בשורה, אז ער האט דעם פריץ געגע־בען האנד־געלד אויף א מאסטאקס, איז זי איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און האט זיך צואויינט פאר שמחה: פריהער גאט און דערנאך דער אקס.. רבי נאטע וועלכער האט קיין מאהל ניט פיעל גערעדט, און איז אלע מאהל געווען שטיל און פארשוויגען, האט זיך איצט צורעדט און אנגעהויבען דערצעהלען חנה ביילקע'ן, וואס פאר א וואונדערבארען אקס ער האט איינגעהאנדעלט. „אן אקס גרויס ווי אן עלפאנט און אזוי פעט, אז די שמאלץ גיסט זיך פון איהם. דאס איז גאר ניט קיין אקס, דאס זיינען דריי אקסען צוזאמען.. און א פעל האט דער אקס מיט וועלכען מען קען ווארעמען א קאזארמע סאלדאטען”. האט זיך רבי נאטע צוזונגען. פריהער גאט און דערנאך דער אקס. שוין אויף מארגען האבען זיך אלע אין שטעדטעל דערוואוסט, אז רבי נאטע דער קצב האט גע־קויפט א מאסטאקס אויף פסח. די אנדערע קצבים האבען איהם געוואונשען. אז דער אקס זאל זיך צוברעכען א פוס איידער ער קומט אין באיניע און די שוחטי עופות האבען נאטע'ן געשאלטען מיט טויטע קללות.

צוויי טעג פאר פסח איז געווען חושך אין שטעדטעל, און איז שנייי־דערשער קלויז האבען זיך די אידען דערצעהלט, אז נאטע דער קצב איז משוגע געווארען, און חנה ביילקע האט נעכטען גע'חלש'ט, און איז אזוי קראנק, אז דער רופא האט געהייסען ברענגען דעם פעלדשער. נאטע איז טאקע באלד ארונטער פון זינען, ווייל דער גרויסער מאסטאקס, וואס האט איהם געדארפט בעפרייען פון אלע זיינע זארגען, און העלפען פיהרען חנה ביילקע'ן צו דער חופה איז טריף געווארען. ווען דער שוחט האט בודק געווען דעם אקס, האט ער באלד אין איהם געפונען א סירחה. פארשטעהט זיך, אז רבי נאטע האט זיך ניט פארלאזט אויף דעם שוחט און מען האט געבראכט דעם רב אין באיניע. דער רב האט געטאפט און געקוקט אין די ריאה פון אקס און האט געציטערט. רבי נאטע איז געשטאנען דערביי און האט אויך געציטערט. און ווען דער אלטער רב האט אויך געזאגט: טריף, איז רבי נאטע געפאלען אין חלשות. ווען מען האט איהם אפגעמינטערט, האט ער זיך צעוויינט ווי א קינד. ריידען האט ער

נים געקענט. ער האט געכליפעט און זיך געריסען ביי די האאר. און דער אלטער רבי נאטע האט אזוי שטארק געוויינט, אז נים נאר דער רב און דער שוחט, נאר אפילו דער שינדער האט מיטגעוויינט. רבי נאטע'ס פארצווייפלונג איז געווען אונבאשרייבליך. אויב דער אקס איז טריף, איז רבי נאטע באנקראט. און זיין טאכטער מוז בלייבען אן אלטע מויד. און רבי נאטע האט געשווארען ביי הימעל און ערד, אז זיין טאכטער, זיין בת יחידה, וועט נים בלייבען זיצען.

דער רב האט פארשטאנען דעם טיפען צער פון רבי נאטע, און האט איהם גענומען טרייסטען, אבער עס האט נים געהאלפען. רבי נאטע האט אלע געכליפעט און זיך געריסען ביי די האאר. פלוצלינג האט ער זיך אוועקגע־שטעלט מיט דעם פנים צום רב און האט אזוי ווי אין א צושטאנד פון משוגעת אויסגערופען: „איהר זייט דאך נים דער לעצטער פוסק!“ דער אלטער רב האט באלד פארשטאנען וואס רבי נאטע טראכט און האט איהם אליין געגעבען די עצה אריינצופאהרען אין א פאאר ארומיגע שטעדטלאך און ברענגען נאך דריי רבנים, און זאלען די דריי פרעמדע רבנים זאגען צי כשר צי טריף. שוין אויף מארגען פריה זיינען געזעסען אין בית המדרש ביים לאנגען טיש דריי רבנים פון דריי ארומיגע שטעדטלאך, דער רב פון שטעדטעל, דער שוחט, רבי נאטע און חנה ביילקע. אויף דעם טיש איז געלעגען די ריאה פון דעם גרויסען מאסט־אקס. די דריי רבנים, אלע עלטערע אידען מיט לאנגע בערד, זיינען געזעסען ארום דעם לאנגען טיש און בודק געווען די ריאה. זיי האבען געקוקט מיט און אהן שפאקולען, זיי האבען געטאפט, געבלאזען, נאך א מאהל געקוקט און נאך א מאהל געטאפט און געקוועטשט מיט די פלייצעס. זיי האבען געקוקט איינער אויף דעם אנדערן און אלע צוזאמען אויף רבי נאטע'ן און חנה ביילקע'ן, וועלכע איז געזעסען א ביסעלע ווייטער, אויפ'ן עק פון באנק. זיי האבען געקארטשעט די שטערענס, זיך געקאמט די לאנגע בערד מיט זייערע לאנגע און דינע פינגער און האבען געצוקט מיט די אקסלען, און רבי נאטע האט נאכגעפאלגט יעדע פון זייערע באוועגונגען און מינען מיט דער גרעסטער שפאנונג. ווען רבי נאטע האט געזעהן, ווי זיי זיינען נאך א מאל בודק די ריאה און מאכען פארצווייפעלטע פנים'ער, האט ער מורא געהאט, אז זיי וועלען ארויסזאגען דאס שרעקליכע ווארט „טריף“. ער איז אויפגעשטאנען און געזאגט צו די רבנים אין א וויי־נענדינער שטימע:

„רבותי, ווען דער אקס איז טריף קען איך שוין אנזאגען רבי ירוחם דעם קברן, אז ער מעג גראבען א פריש נייעם קבר, ווייל איך וועל דאס נים אי־בערלעבען. חנה ביילקע טאר נים בלייבען זיצען, ווייל די פרענקיכע איז א נאכט פויגעל און חנה ביילקע טאר נים האבען דעמזעלבען שיקזאל“... די פריינ־קיכע איז געווען א פארזעסענע מויד, די איינציגע פארזעסענע מויד אין שטעד־טעל, און זי איז פערציג יאהר נים ארויסגעגאנגען ביי טאג פון הויז און האט פערציג יאהר די ליכטיגע זון נים געזעהן. זי פלעגט נור ארויסגעהן אויפ'ן גאס אין א פינסטערע נאכט. ווען די גאסען זיינען געווען ווי אויסגעשטארבען און קיינער האט זי נים געזעהן. זי האט זיך געשעהמט ארויסגעהן אויפ'ן גאס ביי־טאג, ווייל פיעלע האבען געוואוסט, אז זי איז אן אלטע פארזעסענע מויד, און די וועלכע האבען נים געוואוסט, ווייל פיעלע האבען פון איהר קיינמאל נים געהערט, האבען עס געקענט לייכט אויסגעפינען. א שייטעל האט זי נים גע־קענט טראגען, ווייל זי איז געווען א מיידעל און אהן א שייטעל קען אן עלטע־רע פרוי נים ארויסגעהן אויפ'ן גאס, און דערפאר איז זי פערציג יאהר געזעסען אין שטוב. נור די עלטערע מענשען אין שטעדטעל האבען געוואוסט פון דער

עקזיסטענץ פון דער פרענקיכע, און דארונטער אויך דער קצב, ווען ער האט געגלויבט, אז די רבנים וועלען ארויסזאגען דאס שרעקליכע ווארט „טריף". האט ער מיט א זויינענדיגער שטימע אויסגערופען: „חנה ביילקע קען ניט ווע־רען קיין פרענקיכע. מיין טאכטער קען ניט באגראבען ווערן לעבעדיגערהייד. און אויב דער אקס איז טריף, ווערט חנה ביילקע לעבעדיגערהייד בעגראבען און איך וועל דאס ניט איבערלעבען".

די רבנים האבען זיך אומגעקוקט און בעטראכט חנה ביילקע'ן, און בעטראכט רבי נאטע'ן און האבען נאך א מאל געקוקט אויף די ריאה פון דעם אקס, וואס איז געלעגען אויף דעם טיש, און נאך א מאל געקוקט אין פנים פון חנה ביילקע'ן וועלכע איז געזעסען ווי אין געהאקטע וואונדען, און דער אלטער רב פון שטעדטעל, זיך צוזאמענריידענדיג אויפ'ן ווינק־לשון מיט די אנדערע דריי רבנים, איז אויפגעשטאנען און האט מיט א ציטערנדער שטימע און מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט:

רבי נאטע, דער אקס איז כשר. אבער די פלייש זאלט איהר ניט פארקויפען. די שטאדט וועט אייך אומקעהרען דעם שאדען, און געבענדיג רבי נאטע'ן די האנד, האט ער מיט א שמייכעל אויף די ליפען געזאגט: „מזל טוב, זאל זיין מיט גליק, א יונגער מאן א למדן, זאל זיין מיט מזל".

שאלתיאל דעם בעזדיעטניק'ס וידוי

שאלתיאל דער בעזדיעטניק איז פאר אלעמען אין שטעדטעל געווען א רעטעניש. אזוי לאנג ווי מענשען געדענקען, איז ער געווען אן איינזאמער. שטילער און צוריקגעצויגענער איד און האט יאהרען לאנג געוואהנט ביי חנה יענטע די אלמנה, ניט ווייט פון קלאטקע. קיינער האט ניט געוואוסט פון וואנען ער שטאמט, ווי ער באצאהלט דירה געלד, פון וואנען ער האט פרנסה. וואס ער טהוט צווישען שחרית און מנחה, אויב ער איז א למדן אדער אן עם הארץ, אויב ער איז קלוג אדער נאריש, און אזוי ווייטער. אזוי לאנג ווי מענשען געדענקען, האט מען איהם אלע טאג געזעהן צום ערשטען מנין אין בית המדרש און צו מנחה און מעריב אין קלויז. ער פלעגט אפט זיטצען פאר א גמרא און קוקען, אבער צי ער האט געקענט לערנען צי ניט, האט קיינער ניט געוואוסט. ער האט קיין מאל ניט פיעל גערעדט און האט זיך קיין מאל ניט ארייגעלאזען אין ויכוחים. ווען די גאנצע שטעדטעל איז געגאנגען אויף רעדלאך צוליעב דער מחלוקה וועגען רב, איז שאלתיאל געווען פארשוויגען און מען האט ניט געוואוסט צי ער איז געווען פאר אדער געגען דעם רב. רבי בערל דער שמש האט ניט געוואוסט צי ער איז געווען פאר אדער געגען דעם טערק. ווען די רוסיש־טערקישע מלחמה איז אויסגעבראכען. ווייל ער האט קיין מאל קיין רכילות ניט גערעדט און האט קיין מאל ניט געשמייכעלט, האט מען איהם געהאלטען פאר א נאר און א צוריקגעשטאנענעם מענשען, און ער איז אויך געווען בעקאנט אונטער דעם נאמען „שאלתיאל די קאלב“, ווייל די ווייבער אין שטעדטעל האבען געזאגט, אז א קאלב רעדט אויך ניט קיין רכילות און שמייכעלט קיין מאל ניט. אלע האבען געוואלט וויסען, וואס שאלתיאל טהוט. און קיינער האט ניט געוואוסט, און בכלל האט מען אויף איהם ניט געקענט זאגען קיין גוטס אדער קיין שלעכטס.

ווי אלט איז שאלתיאל געווען ? לויט דער רעכענונג פון רבי בערל דער שמש האט ער געמוזט זיין א בן שמונים, אויסגעזעהן האט ער אבער ווי א זעכציגער. ער איז געווען א גרויסער, לאנגער איד מיט ברייטע פלייצעס און א שטיקעל בעל אסאבא. זיין לאנגע גרויע באָרד און זיינע לאנגע גרויע האאר. און זיין אדלער־נאז האבען איהם געגעבען א פאטריארכאלישען אויסזעהן, און ווען מען וואלט ניט געוואוסט אז ער איז שאלתיאל דער בעזדיעטניק אדער שאלתיאל די קאלב, וואלט מען געמיינט, אז ער איז רב פון א קליין שטעדטעל. געוואוינט האט ער אין א קליין קעמערעל, וואס איז געווען א טייל פון א שטוב, וועלכע איז בעשטאנען פון א גרויסען צימער, וואס האט געדיינט אלס עס און שלאפצימער, א קיך, און א קליין קעמערעל. די בעל הבית'טע פון דער שטוב איז געווען חנה יענטע די אלמנה. זי איז ניט געווען קיין אלמנה, איהר מאן איז געווען א בעל עגלה, אבער איהר דריטער מאן איז געווען א בעל הבתישער

מענש, איהר צווייטער מאן איז גאר געווען א פיינער מענש און איהר ערשטער מאן איז געווען א איד א מוסמך. אבער אזוי ווי אלע דריי מענער זיינען איהר אפגעשטארבען, און זי איז געווען אן אלמנה, האט מען איהר א נאמען געגע־בען חנה יענטע די אלמנה, אפילו ווען זי האט געהאט א מאן. אין שטעדטעל האט מען געוואוסט, אז שאלתיאל דער בעזדיעטניק צאהלט צעהן רובעל א יאהר דירה געלד, און פון וואנען ער נעהמט געלד צו צאהלען פאר זיין דירה, האט קיינער ניט געוואוסט. ער האט געפיהרט א זעהר רעגעלמעסיגען לעבען, אויפ־שטעהן פארטאג, אוועקגעהן אין בית המדרש, דארטען בלייבען ביז נאך אלע מנינים, דאן אוועקגעהן אין זיין קעמערל און דארטען בלייבען ביז מנחה. זיך פערזאמען אין קלויז ביז אזייגער אכט אין אווענד און דאן געהן אהיים שלאפען.. אזוי האט שאלתיאל אפגעלעבט צעהנדליגע יאהרען. די אלטע מענ־שען האבען זיך איבער איהם געוואונדערט און די איננגערע האבען איהם נאר געקענט פון ווייטען, און איהם געהאלטען פאר א מערקווירדיגען מענש. דעם רב'ס זוהן האט פאר איהם געהאט א נאמען: „טשודאק".

מען האט פון שאלתיאל דעם בעזדיעטניק אזוי ווייניג געוואוסט. ווייל ער איז געקומען אין שטעדטעל, ווען ער איז שוין געווען א מאן אין די יאה־רען. ער האט אין שטעדטעל קיין קרוב און גואל ניט געהאט, און אזוי ווי מען האט ניט געוואוסט, צי ער האט אמאל געהאט א ווייב צי ניט, איז ער געווען בעקאנט אונטער דעם נאמען „דער בעזדיעטניק". פיעלע וואלטען אויף דעם געשווארען, אז שאלתיאל איז ענטווערער געווען א גרוש, אן אלמן אדער אפשר גאר אן אלטען בחור.. מען האט איהם קיין מאל ניט געזעהן צוזאמען מיט א פרוי און מען האט איהם קיין מאל ניט געהערט ריידען פון א פרוי, און פון קינדער אויך ניט. מסתמא איז ער געווען א בעזדיעטניק.

אין א שעהנעם פריהמארגען האט זיך אין בית המדרש פארבעריי־טעט א קלאנג אז שאלתיאל איז קראנק. צום ערשטען מאל איז פיעלע יאהרען האט מען איהם אין בית המדרש צום ערשטען מנין ניט געזעהן. אבער אזוי ווי ער האט זיך מיט קיינעם אין בית המדרש ניט גע'חבר'ט איז עס קיינעם אויף דעם געדאנקען ניט איינגעפאלען, אז עס וואלט געווען א יושר איהם מבקר חולה צו זיין. פאר דעם שטעדטעל איז ער געווען א פרעמדער, אויף וועלכען מען האט א חשד... כאטש קיינער האט קיין זאך ניט געקענט זאגען נעגען איהם, מען האט זיך גע'חקר'ט איבער איהם. דער איינער האט געזאגט. אז ער איז א קאלוואריער און שטאמט פון דער קאלווארייער מצרים געסעל, אז אנדערער האט געזאגט, אז ער קומט פון דיגוטש, א פארשטאדט פון מאריאמ־פאל און דריטע ווידער האבען באהויפטעט, אז ער איז געווען א בעקער אין דער אויבערשטער אלעקסאט און איז דאן אויסגעוואנדערט אין מארוטש און איז אזוי פארוואגלט געווארען אין שטעדטעל. אבער דאס זיינען אלץ געווען בויך־סברות. זיכער איז נור געווען, אז ער איז א שטיינאלטער מאן, און א בעזדיעטניק. צי ער איז אן אלמן אדער א גרוש האט אויך קיינער ניט גע־וואוסט.

ער האט זיך מיט קיינעם ניט גע'חבר'ט, נאר מיט דעם רב פלעגט ער א מאל ריידען עטליכע ווערטער, און דאס אויך זעהר זעלטען. אלע האבען פון איהם געערדט, אבער יעדער האט זיך צו איהם געפיהלט פרעמד. ווער

ווייסט, וואס האט אמאל מיט איהם געקענט פאסירען ?.. אבער מיט א פאאר טעג שפעטער איז חנה יענטע די אלמנה אליין געקומען צום רב און האט איהם געזאגט אין א טאן פון גרויס הכנעה אז רבי שאלתיאל איז זעהר קראנק. אפשר א גוסס, און עס וואלט מעהר ניט געווען ווי רעכט, אז איינער זאל צו איהם קומען און איהם זאגען א פאר ווערטער פון טרייסט אדער אפשר גאר זאגען מיט איהם וידוי. זי האט אויך דערצעהלט דעם רב, אז רבי שאלתיאל וויל לאזען א צוואה.. דער רב האט זיך ניט געלאזט צוויי מאל בעטען און איז באלד אוועק צו שאלתיאל'ן. דער רב האט שוין אין זיין לעבען געזעהן גענוג ארימקייט און דחקות, אבער אזא ארימקייט, ווי ער האט געזעהן אין קעמעריל, וואו שאלתיאל דער בעזדיעטניק איז געלעגען, האט ער נאך קיין מאל ניט נעזעהן. אין קליין קעמערעל איז ניט געווען קיין פענסטער נאר א שייבעל און די גלאז איז געווען אויסגעבראכען און איבערגעצויגען מיט טאקטור. אין קעמערעל איז ניט געווען קיין ליכט און קיין לופט. אויף א שטוהל לעבען א צובראכענע בעטעל אויף וועלכען שאלתיאל איז געלעגען צוזאמענגעקארטשעט. איז געשטאנען א קליין לייכטערל מיט א חלב'נע ליכטעל און דאס ליכטעל האט פארבריימעט א פורכטבאר אונאנגענעהמען גערוך און האט כמעט פארנומען דעם אטעם. דער אלטער רב האט זיך איינגעבויגען, אוועקגעשטעלט דאס לייכטערל אויף דער פאדלאגע און זיך אליין אוועקגעזעצט אויף דעם שטוהל, ער האט ארונטערגערוקט די שפאקולען פון שטערן אויפ'ן נאז און האט זיך גענומען איינקוקען אין שאלתיאל'ס פנים. דער אלטער מאן האט דערזעהן דעם רב און האט געשמייכעלט, און מיט דעם אנשטרענגען פון אלע כחות האט ער זיך א ביסעלע אויפגעהויבען, און האט געגעבען דעם רב א הארציגען שלום עליכם. דער רב האט זיך ערקונדיגט איבער זיין געזונד און שאלתיאל האט מיט א גאנץ שוואכער אבער דאך קלאהרער שטימע געענטפערט, אז דאס איז דאס ערשטע מאהל אין לעבען, וואס ער איז קראנק און האט מורא אז דאס איז אויך דאס לעצטע מאהל און דערפאר איז עס וויכטיג אז ער זאל איצט טאן געוויסע זאכען, ווייל שפעטער וועט אפשר זיין צו שפעט...

דער רב האט פארזוכט שאלתיאל'ן טרייסטען און איהם געבען האפנונג אויף לעבען, אבער דער אלטער מאן האט מיט א מערקווירדיגען שמייכעל אויף זיינע ליפען געענטפערט: "רבי, איידער איך זעגען זיך מיט חער וועלט, וויל איך עפעס זאגען.. נעהמט ניט קיין זאך פאר אומגוט..

..רבי. אחרי מותי זאל מען ניט מאכען קיין גרויסע לויה. קיינער זאל ניט וויינען און קיינער דארף ניט וויינען. איך בין דא אליין געווען און איך וויל אליין אוועק... נאר מען סען דאך ניט אליין.. אבער כאטש ניט קיין גרויסע לויה". און כאפענדיג דעם אטעם און זיך אביסל מעהר אויפהויבענדיג פון זיין געלעגער האט ער נאך געזאגט: "שטארבען איז בכלל ניט אזא גרויסארטיגע זאך, אזא זעלטענע זאך, אז מענשען זאלען זיך צוזאמענלויפען, און איך פארשטעה ניט פארוואס מען קלאגט אזוי איבער דעם טויט· מען ווערט ניט געבארען אליין אבער שטארבען דארף מען אליין און קומען צו קבורה דארף מען אהן פאראד און אהן קולי קולות. דער גרעסטער מענש, משה רבינו איז געשטארבען אליין,, און דער קלענסטער מענש. יאשקע, איז געשטארבען בציבור.. איך בין ניט קיין גרויסער מענש, א פראסטער איד פון א גאנץ יאהר.

אבער איך וויל נים שטארבען און באגראבען ווערען בציבור. און איך וויל אייך בעטען רבי, אז אחרי מותי... און דאס וועט זיין אן אמת׳ער גמילות חסד.

„אבער נאך וויכטיגער ווי מיין קליינע בקשה צו אייך, רבי, איז די צואה וואס איך וויל מאכען און איך וויל איהר זאלט מיין צואה מקיים זיין.

''אונטער הער בעט שטעהט א קערבעלע מיט פירות, עפעל, בארנעס, פלוימעז און אונטער די פירות וועט מען געפינען א סומע געלד, פינף און זיבעציג רובעל אין בומאזשקעס און דריי רובעל אין זילבער און קופער. דארטען וועט מען אויך געפינען די זילבערנע טאבאקפושקע, און א זילבערנעם זייגערל. איך וויל אז די טאבאק־פושקע זאל געהן צו רבי בערעלע דעם שמש, און דער זילבערנער זייגער צו א חתן, וועלכער וועט נעהמען אן ארימע יתומה פאר א ווייב. פון די געלד זאל פופציג רובעל געגעבען ווערען נדן צו אן ארימער יתומה און די מותרות זאלען פארטיילט ווערען אין גלייכע חלקים צו דער חברה ביקור חולים, צו דער חברה משניות, צו דער אלמנה פון קלויז־שמש, צו דער חברה מלביש ערומים און צו דער חברה פדיון שבוים. די חברה קדישא זאל מעהר נים קריגען ווי פופציג קאפיקעס פון די קליינגעלד, ווייל זיי דארפען נים טרינקען אויף מיין חשבון.

„און איצט רבי, וויל איך אייך בעטען אז איהר זאלט מיר מוחל זיין, וואס איך האב זיך פון אייך געהאלטען פון וויטען און איך האב אייך ביז איצט נים מגלה געווען מיין סוד, וואס איך טראג שוין מעהר ווי פינף און צוואנציג יאהר אין מיין הארצען. אויסער רבי איטצעלע דער דאזארטצע זיינט איהר דער איינציגער אויסצוגעפינען דעם סוד, איידער איך געה אוועק.

„איך בין נים קיין בעזידיעטניק, פארקעהרט, איך האב א סך קינדער. אבער איך האב פון זיי קיין נחת נים געהאט. איך וויים אפילו נים וואו זיי זיינען, און וואס זיי טהוען אין דער וועלט. איך וויים נור, אז איינער פון זיי איז ארוים לתרבות רעה, און ציים איך האב דאס ערפאהרען, בין איך אוועק פון מיין היים און זוך א תיקון פאר זיין נשמה און אויך פאר מיין נשמה, ווייל איך טראג די אחריות.. איך בין דער טאטע און אויף מיר וועט חל זיין דער עונש..

„איך האב פיער זיהן און צוויי טעכטער, אדער איך האב געהאט... וויפיעל איך האב נאך איצט, וויים איך נים. אבער מיט פיעלע יאהרען צוריק. האב איך געהאט פיער זיהן און צוויי טעכטער. די צוויי טעכטער זיינען אין אמעריקא און זיינען מפרנס דעם אלטען טאטען. אבער פון די בנים איז נעווארען א בארג מיט איש. דער עלטסטער זוהן, מיכ׳קע, א טייערער קאפ, איז אוועק יונגערהייד אין אדעס און שפעטער אין ווארשע, און האט זיך גע׳שמד׳ט מען זאגט, אז ער איז איצט א גרויסער דאקטאר און א קרוב למלכות און טהוט אידען טובות. ער האט נאך אלס קינד ארויסגעוויזען גאונישע פעהיגקייטען. און האט זיך לאנגע יאהרען ארומגעטריבען אין ישיבות, ביז ער איז צוזאמענגעקומען מיט שלעכטע חברים און זיי האבען איהם פארפיהרט. איך האב פון איהם קיין מאל נים געהערט צייט ער איז אוועק אין אדעס.

„א צווייטער זוהן, ישראל איסר׳קע איז אוועק אין זיד־אפריקא, און גאט ווייסט וואס פון איהם איז געווארען. ער האט קיין מאל נים געשריבען.

איך האב פון איהם קיין מאל ניט געהערט, און ווען ער איז אוועק פון מיר האט ער געזאגט, אז ער וועט קיין מאל ניט שרייבען, ווייל איך פלעג איהם שלאגען. איך האב געוואלט אז ער זאל לערנען און געהן בדרך הישר און ער האט ניט געוואלט, וואס טהוט א אידישער פאטער ... ער שטראפט זיין קינד, אבער ישראל איסר'קע איז געווען אויף מיר אש להבה, ווען איך האב איהם געשטראפט, און איך האב פון איהם קיין מאהל ניט געהערט. אבער פון מענשען וועלכע זיינען צוריקגעקומען פון אפריקא האב איך געהערט, אז ער איז נאר א פאליציאנט אין יאהנעסבורג..

„א דריטער זוהן, אשר'קע, אויך א אינגעל מיט א טייערע קאפ איז אוועק אין טיעף רוסלאנד און איך האב אויך פון איהם קיין מאל ניט געהערט. ער האט זיך נאר אריינגענומען א משוגעת אין קאפ אז ער מוז זאגען דעם קיסר דעות, ווי אנצופיהרען די מלוכה· פארשטעהט זיך, אז דער קיסר לאזט זיך קיין דעות ניט זאגען, וואס פון איהם איז געווארען ווייס איך ניט, נאר געהערט האב איך אז מען האט איהם פארשיקט אין סיביר און אז ער איז דארטען געשטארבען אין תפיסה. נו, אזעלכע זאכען זיינען שוין אין לעבען פארגעקומען. און קומען אלע טאג פאר. מאלע וואס יונגע קינדער נעהמען זיך אריין א משוגעת אין קאפ? אט האט רבי איטצעלע דעם דאזארטציעס זוהן באצאהלט מיט זיין לעבען, ווייל ער האט אויך געוואלט זאגען דעם קיסר דעות.. און אט איז בערי אורזאהנ'ס זוהן פארשיקט געווארען אויף אייביג אין סיביר, ווייל ער איז געווען א מורד במלכות. וואס האט מיר צובראכען און פארטריבען פון לעבען, פון א בעל הבתישקייט, פון עשירות, פון א ביסעלע גדולה, איז ניט דער גורל פון די דריי זיהן, נאר דער פינסטערער גורל פון מיין אינגסטען זוהן, שמערקע. שמערקע איז געווען א פה ממלל רברבן און ווען ער וואלט געגאנגען בדרך הישר, וואלט ער געווארען א צווייטער דובנער.. פון זיין מויל האט זיך געשאטען פערל. זיין קול איז געווען זיס ווי צוקער, און שעהן איז ער געווען ווי א מלאך, אבער עס איז מיר ניט געווען באשערט צו האבען פון איהם נחת. מיר איז געווען באשערט צו האבען פון איהם צער, חרפות און בזיונות און·. דער פארשווינענער, רוהיגער שאלתיאל האט זיך צואוויינט, אויף ווי ווייט ער האט נאך געהאט כחות צו וויינען...

ווען ער האט אויפגעהערט וויינען, האט ער צום רב געזאגט: "ווי האב איך געקענט בלייבען ביי מיין באלעבאטישקייט, ביי דער ביסל גדולה און ביי דער ביסל עשירות, ווען איך האב געוואוסט צוויי פון מיינע זיהן וויינען.·. משומדים, און דאס איינער איז נאך אין לאנדאן א מומר להכעים, א מיסיאנער..· איך האב זיך גענומען שעהמען ניט נאר פאר מענשן נאר פאר די ליכטינע ווענט.. און ווען די מאמע פון דיזע זיהן איז געשטארבען פון צער און בזיון, האב איך אלסדינג אוועקגעגעבען בחצי חנם און בין דא געקומען במקום שאין מכירין אותי און האב פינף און צוואנציג יאהר פון מיין לעבען פארבראכט אין דיזען קבר, און איך בין שוין פאר די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר טויט פאר דער וועלט און פאר אלעמען וועלכע האבען מיך אמאל געקענט.

„איך בין שאלתיאל דער פאבריקאנט פון יאגוסטאוו· און בין אין דערהיים געווען דער ראש הקהל און דער זאגער ביי דער חברה ש"ס, אבער דא בין איך געווען א בן בלי שם, ווייל איך האב נאר ניט געוואלט, אז מען

זאל מיר קענען. איך האב זיך אזוי געשעהמט· צוויי זיהן זיינען אין גאנצען ארוים לתרבות רעה און איינער נאך דערצו א מומר להכעים. מסתמא האב איך שטארק געזינדיגט און דער בורא האט מיך געשטראפט.. נו, בין איך שוין אפגע־קומען א טייל פון חיבוט הקבר אויף דער וועלט״...

רבי שאלתיאל האט געענדיגט ריידען אין א שוואכער, אבער א קלאה־רע שטימע, האט זיך לאנגזאם ווידער אויסגעשטרעקט אויף זיין בעט האט זיך אומגעקעהרט מיט דעם פנים צום וואנד און האט פרידליך אויסגעהויכט זיין לעצטען אטעם. דער אלטער רב איז געווען דער איינציגער ביי זיין טויט.

ווען חער רב איז געקומען צו מנחה אין בית המדרש האט ער דער־צעהלט די בעלי בתים אז פאר פיעלע יאהרען האט אין שטעדטעל געלעבט א גרויסער צדיק. מעהר האט ער ניט געוואלט זאגען. ער האט אבער אנגע־זאגט אלע אידען אין בית המדרש צו האלטען אן אויג אויף זייערע קינדער און זעהן, אז זיי זאלען געהן בדרך הישר.

יאשי דער וואסערטרעגער.

די שטעדטעל שלאָפט ביז צום ערשטען מנין, און זומער איז דער ערשטער מנין אין בית המדרש ניט שפּעטער ווי זעקס אזייגער. פאר זעקס איז דאָס שטעדטעל שטיל. איבער איהרע געסלאך און גאסען איז אויסגע־בּרייטעט א רוהע און א שטילקייט, וואס דערמאהנט אויב ניט אן דעם בית עולם, אם ווייניגסטענס אן דעם מדבּר. די שטילקייט ווערט נאר אונטערבּרא־כען פון דער שטעדטעלשער מארגען־מוזיק. די לאדענס זיינען ניט פערמאכט און מען הערט ווי די שטעדטעלשע מענשהייט כראפּעט. פון נאטשאלניקס הויף הערט מען אן אָפּקלאנג פון דעם בילען פון דעם גרויסען הונד, אויף דעם שוהל־הויף מעקעט דער שטאָדט־בּאָק און שפּילט זיך מיט זיך אליין, און פון אונ־טער דעם דאך פון דער אלטער שוהל הערט מען דאָס פּיפּסען פון פלעדערמייז. אבער א חוץ דיזער מארגען־מוזיק איז עס אין דערפריה שטיל אין שטעדטעל. ווי אין דער קעשענע פון א קבצן, און איבער דיזער שטילקייט הענגט א בּרע־נענדער הימעל פול מיט רעטזעלען, אפילו ווען די יונגע שטראהלען פון דער זון לאכען צו די דעכער פון די נידעריגע הייזער.

זומער פאר דעם ערשטען מנין זעהט מען קיין לעבּעדיגען מענשען ניט אין שטעדטעל אחוץ יאָשי דער וואסער־טרעגער, א שעהנער, הויך געוואק־סענער איד מיט א שעהנער שווארצער בּארד און צוויי גרויסע פאר'חלומ'טע אויגען. ער הויבּט אָן צו געהן צום בּרונען אויף דעם שוהל־הויף מיט דעם אנ־בּרוך פון מאָרגען. ער קומט מיט דער נאשטשע און די צוויי עמערס צום בּרו־נען, פילט זיי אן מיט וואסער און טראגט זיי מיט דער נאשטשע אויף די פּליי־צעס דורך די ענגע געסלאך ארום דעם שוהל־הויף. דיזע געסלאך זיינען זיין פּראָווינץ. אין דעם פּאָליש'ל פון יעדער הייזקע שטעהט א גרויסע פּאַס, וואס נעהמט אריין עטליכע נאשטשעס וואסער, און איידער די אידען געהן צום ערשטען מנין זיינען שוין די פעסער אנגעפילט מיט וואסער, וואָס יאשי האט אין דערפריה געבּראכט. פאר יעדע נאשטשע וואסער קריגט ער א קאָפּיקע און אין משך פון צוויי שעה פילט ער אן צעהנדליגע פעסער מיט פרישע בּרונען־וואסער. ווען ער וואָלט געוועזן פלייסיג, וואָלט ער געקענט אנפילען מעהר פעס־לאך, אָבער יאשי איז א פאר'חלומ'טער איד. געהענדיג מיט זיין נאשטשע אויף די פּלייצעס דורך די ענגע געסלאך פון שטעדטעל, שטעלט ער זיך אפט אָפּ פאר א לענגערע צייט און רעדט צו זיך אליין, אדער ער זינגט א ביסעלע, און אפט. א סך. יאשי איז געוועזן בּעקאנט פאר זיין שעהנע שטימע, און אין זיינע יונ־גע טעג האט ער זיך געשניטען אויף א חזן. יאשי איז אויך געווען א זעהר פרומער איד. מען האט איהם שטענדיג געזעהן מיט א רצועה של יד ארומגע־

וויקעלט אויף זיין האנד, און ווער עס האט איהם אמאל געטראפען אין דערפריה טראגענדיג די נאשטשע, האט איהם אימער געטראפען ענטוועדער זינגענדיג פארשידענע ניגונים פון ימים נוראים אדער זאגען תהלים, און ניט סתם זאגען, נאר זינגען מיט גרויס באגייסטערונג. עס איז אפט פארגעקומען, אז מענשען האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף, ווען יאשי איז גאנץ פריה פארבייגעגאנגען זייערע הייזער מיט זיין נאשטשע איבער די פלייצעס און געזונגען מיט זיין זיס־טרויעריגער שטימע: „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כוחנו אל תעזבנו!„ די וועלכע ער האט מיט זיין פרומען זינגען אויפגעריסען פון שלאף פלעגען אויף איהם ווערען אין כעס, און צולויפענדיג צום פענסטער פלעגען זיי איהם נאכשרייען: „אז שטום און טויב זאלסטו ווערען, משוגענער“. אבער יאשי האט זיך אפילו ניט אומגעדרעהט צו זעהן ווער עס שילט איהם. ער איז ווייטער געגאנגען, ווייטער געזונגען און ווייטער געזאגט. נאר ווען ער איז געווארען מיעד, האט ער זיך פאר א פאאר מינוטען אפגעשטעלט, אומגעבונדען זיין רצועה ארום די פינגער, א קוק געטהאן אויף דעם הימעל, געשמייכעלט זיך געפרעהט, געדאנקט גאט מיט אלע גליעדער פאר די שעהנע, ווארימע זון און איז ווייטער געגאנגען, און ווייטער געזונגען.

אין שטעדטעל האט מען דערצעהלט, אז יאשי רעדט צו זיך אליין, ווען ער טראגט אין דערפריה די נאשטשע אויף זיינע פלייצעס, און ריידען צו זיך אליין, איז דאך געוויס א צייכען פון משוגעת, ער איז דערפאר געשטעלט געווארען אויף איין שטופע מיט די צוויי משוגעים אין שטעדטעל, יודקע און נח'קע דעם משוגענעם. יודקע און נח'קע פלעגען אויך ריידען צו זיך אליין. יאשי דער וואסער־טרעגער האט זעהר פיעל דערפון געליטען. ווען מען האט געדארפט האבען א צעהנטען צו א מנין, און ער איז גראד געוועזן אין שניידערשער קלויז, וואו גאנץ קאבצאנסק האט געדאווענט, איז ער געשטאנען ביי דער טיר און עס איז געוועזן באשלאסען, אז אזוי ווי ער איז נישט ביים זינען, קען מען איהם ניט רעכענען צום מנין. יאשי האט ניט פראטעסטירט געגען דיזע שרעקליכע באליידיגונג, ווייל ער איז בכלל געוועזן א שטילער מענש, וועלכער רעדט קיין מאל ניט א הויך ווארט, ער האט געהאט גרויס עגמת נפש, אבער ער האט זיך ניט געקאנט העלפען. ווער וועט זיך פאר איהם אננעהמען? ער איז געוועזן דער ארימסטער איד אין שטאדט און איז אפילו אין שניידערשער קלויז, וואו גאנץ קאבצאנסק האט געדאווענט, איז ער געשטאנען ביי דער טיהר, כאטש ער האט אמאל געדאווענט שחריתים ימים נוראים. אין שטעדטעל איז עס געוועזן כמעט אן אפגעמאכטע זאך, אז יאשי איז א מין משוגענער און א חוץ גנעשע, די פעלד־מעססטערקע האבען אלע אין דעם געגלויבט, דאס הייסט, אלע אידען און ווייבער פון די געסלאך אוואו ער האט געטראגען וואסער. אבער אין אמת'ען איז יאשי ניט געוועזן קיין משוגענער, כאטש ער האט געהאט א טבע צו ריידען צו זיך אליין, צו זינגען און צו זאגען תהלים מיט גרויס התלהבות בעת ער איז געגאנגען אין דערפריה דורך די געסלאך ארום דעם שוהל־הויף מיט זיין ברייטע נאשטשע אויף די פלייצעס. וואס ער האט געזונגען און געזאגט האבען אלע געוואוסט, אבער וואס ער האט צו זיך אליין גערעדט, האט קיינער ניט געוואוסט, ביז עס איז אמאל אויסגעקומען, אז רבי בערעלע דער שמש האט שוין פינף אזייגער אין דערפריה געדארפט זיין איז

בית המדרש און האט זיך מיט יאשי דעם וואסער־טרעגער געטראפען אין די יונישע געסלאך. רבי בערעלע איז געווען אן אלטער, קליינער איד מיט א לאנ־גער, ווייסער באָרד און מיט א שנעלען גאנג. יענעם מארגען האט ער זיך דווקא געאיילט צו קומען אין בית המדרש אזוי פריה ווי מעגליך, ווייל רבי אברהם. דער אלטער אונטער־שמש, אן איינזאמער איד, איז דארטען געלעגען א גוסס. רבי בערעלע האט געוואלט זיין לעבען איהם אזוי פיעל צייט ווי מעגליך. אזוי ווי רבי בערעלע האָט געהאט א שנעלען גאנג, אזוי האט יאשי דער וואסער־טרעגער געהאט א לאנגזאמען גאנג. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געאיילט. ער פלעגט זיך געהן פאמעלאך און זינגען אדער זאגען. ער האט זיך קיין מאל ניט געאיילט.

ווען יאשי האט געזעהן רבי בערעלע'ן פון ווייטען אנלויפען, האט ער אראפגענומען די נאשטשע פון די פלייצעס און זי אוועקגעלעגט איבער די צוויי פולע עמער וואסער, האט פארריכט די רצועה אויף זיין פינגער און גענומען א פויזע. ער האט געזאגט תהלים אין א זינגענדיגען טאן, שטעהענ־דיגערהייד, און ווען רבי בערעלע איז פארבייגעגאנגען, האט ער איהם מכבד געווען מיט א ברייטען און הארציגען גוט־מארגען. רבי בערעלע האָט געענט־פערט מיט א הארציגען גוט־מארגען און געוואלט געהן ווייטער, אבער יאשי האָט איהם אפגעשטעלט מיט דער פראגע: „אוואו לויפט עס א איד אזוי פריה?“ רבי בערעלע האָט געענטפערט, אז ער געהט מבקר חולה זיין רבי אברהם דעם אונטער־שמש, וועלכער ליעגט א גוסס אין בית המדרש. און בעת רבי בערעלע האָט געענטפערט אויף דער פראגע, האט יאשי ווייטער געזאגט זיין תהלים און געדרעהט די רצועה אויף די פינגער. רבי בערעלע האט געוואלט ווייטער געהן. אבער יאשי האט איהם ניט געלאזט. זאגענדיג תהלים און דרעהענדיג די רצועה ארום די פינגער, האט ער דעם אלטען רבי בערעלע'ן איבערראשט מיט דער פראגע, וואס האט דעם אלטען מאן געמאכט כמעט שפראכלאז:

"וואָס זאגט איהר רבי בערל, עס איז דא א גאט צו ניט?" און ווען דיזע ווערטער האָבען זיך ארויסגעגליטשט פון זיין מויל, האָט ער ניט געווארט אויף קיין תשובה. נאר ער האט ווייטער געזאגט תהלים מיט גרויס כונה און גרויס מתיקות.

נאך איידער רבי בערעלע האט זיך פון דעם ערשטוינונג ערהאלט. האָט איהם יאשי ווייטער גענומען באמבארדירען מיט פראגען: „איהר זאגט. אז עס איז דאָ א גאט אויף דער וועלט, הא — עס גלויבט זיך עפעס נים..“ און האט ווייטער געדרעהט די רצועה ארום זיין פינגער און געזאגט מיט מתיקות: „אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת השם, אשרי נוצרי עדותיו בכל לב ידרשוהו...“ איהר זאגט, אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, הע.. נא־רישקייטען, אשרי.. אויב ער וואלט געווען, וואלט איך דאך ניט געווען קיין וואסער־טרעגער. אט, ווען עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, וואלט איך דאך אויך געווען א שמש אין גרויסען בית המדרש, אדער וויינינגסטענס אין שניי־דערשער קלויז.. און ווידער פארקעהרט, ווען עס איז ניטא קיין גאט, ווער האט געגעבען די תורה צו זיין פאלק ישראל.. אשרי תמימי דרך.. אלזא וואס זאגט איהר רבי בערעלע, איהר זייט דאך עפעס א קלוגער איד, א סך געלערנט און א סך געזעהן.. אשרי נוצרי... אבער אויב ער איז דא, וואס האט ער צו מיר

דאכט זיך, אז איך דיען איהם מיט'ן גאנצען הארצען און האב איהם אזוי ליעב.. ואהבת את השם אלהיך, א מחיה.. אבער וואס זאגט איהר?"

רבי בערעלע איז געשטאנען ווי א פארשטיינערטער און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. אזא פראגע האט איהם נאך קיינער ניט גע־שטעלט. וואס הייסט לייקענען אין מציאות הבורא אדער נאר האבען א ספק אין הארצען, דאס האט רבי בערעלע געוואלט ענטפערען. אבער ער איז געווען אזוי איבערוועלטיגט, אז ער האט קיין ווארט ניט געקענט ארויסברענגען פון זיינע ליפען. אבער יאשי האט זיך ווייטער געזאגט תהלים, ווייטער געוויקעלט די רצועה ארום די פינגער און ווייטער גערעדט: „אלזא וואס זאגט איהר. רבי בערעלע? אלזא ניטא קיין גאט.· אשרי.. אבער מען טאר דאס ניט זאגען. חס וחלילה וואס רייד איך. עס איז דא א גאט אויף דער וועלט, און נאך וואס פאר א גאט? א טייערער גאט, א גוטער גאט. קוקט אויף דעם הימעל, ווי בלוי ווי שעהן, די זון אזוי ווארים און ליכטיג, א מחיה. ווען עס איז ניטא קיין גאט, איז די וועלט פינסטער און קאלט.. אבער די וועלט איז ווארים, ליכטיג און שעהן, ווייל עס איז דא א גרויסער און גוטער גאט, וועלכער גיט דעם ברונען וואסער, פרישע, קלאהרע, קאלטע וואסער און מיר כח די וואסער צו טראגען און א גוט מארגען אייך רבי בערעלע און זאל אייך גאט העלפען.

מיט דיזע ווערטער האט ער רבי בערעלע'ן געלאזען שטעהן און איז אוועקגעגאנגען מיט זיינע צוויי עמערס.

רבי בערעלע איז געשטאנען אויילע ווי א צוטומעלטער און האט קויב באמערקט ווי יאשי האט אוועקגעלעגט די נאשטשע אויף די פלייצעס און איז אוועקגעגאנגען. ווען ער האט זיך אין א ווייילע ארום אומגעקוקט און האט געזעהן יאשי'ן פון ווייטען געהן זיין לאנגזאמען גאנג און זינגען מיט זיין קלאהרער און זיסער שטימע, האט ער דריי מאהל אויסגעשפיגען און האט אויסגערופען מיט גרויס כעס: וואס זאגט מען צו אזא משוגענעם? אויב יודקע און נח'קע זיינען נאך ניט גענוג, דארף מען דא נאך האבען א דריטען משוגענעם... צו אל־די־שווארצע יאהרען... און איז געלאפען צום בית המדרש.

פון יענעם טאג אן האבען שוין טאקי אלע אין שטעדטעל געוואוסט. אז עס זיינען פאראן ניט צוויי נאר דריי משוגעים. דאס וואס איז נאך פריהער געווען א סברא, איז שוין איצט געווארען א געוויסהייט. יאשי דער וואסער־טרעגער איז א משוגענער· ניט נור רעדט ער צו זיך אליין, נאר ער רעדט נאר פון גאט, און זאגט נאר, אז עס איז קיין גאט ניטא. ווען מען האלט איהם פאר א קלאהרען, וואלט ער שוין שלעכט אפגעשניטען, אבער אויף א משוגענעם פרעגט מען קיין קשיות ניט. אבער א משוגענעם טרויט מען ניט. און יאשי האט פארלארען דעם פארטרויען פון זיינע קונדען. ער האט געדארפט ברענגען איז יעדע שטוב א געוויסע צאהל עמער וואסער. מען האט איהם געטרויט אויפ'ן ווארט, און איהם באצאהלט פאר אזוי פיעל עמער, ווי ער האט געזאגט, אז ער האט אריינגעגאסען. אבער אויב ער איז ניט קיין קלאהרער, פון וואנען ווייס מען, אויב ער ניסט אריין אזוי פיעל עמער ווי ער זאגט אפשר גיסט ער נאר אריין מיט א עמער אדער צוויי עמער ווייניגער? און וואו שטעהט עס גע־שריבען, אז מען דארף א משוגענעם איבערהויפט באצאהלען? ווער באצאהלט

נח'סען, ווען ער רייבט די אידען מיט א בעזימעל פרייטאג אין באד? און ווער באצאהלט יודקי'ן, ווען מען שיקט איהם א גאנג? ווען יאשי איז נעקו־מען צו זיינע קונדען איינמאהנען זיינע קאפיקעס פאר די נאשטשעס וואסער. האבען איהם איינינע ווייבער גאר ניט געוואלט באצאהלען, אנדערע ווידער האבען נאר אנגעבאטען א העלפט און איינינע האבען איהם נאך גוט אנגעזי־דעלט, פארוואס ער האט זיי אפגענארט: "איהר זייט א משוגענער, און איהר ווייסט אליין ניט וויפיעל נאשטשעס וואסער איהר האט געבראכט", האט איהם געענטפערט א פעטע אידענע ביי וועלכער ער איז געקומען איינמאהנען פאר אכצעהן נאשטשעס וואסער. יאשי האט קיין ווארט ניט געזאגט, און איז אוועקגעגאנגען, אבער וואסער האט ער שוין אין יענער הויז מעהר ניט גע־בראכט, סיידען מען האט איהם באצאהלט אין פאראויס. נור איין איינציגע אידענע אין גאנצען געסעל האט איהם ניט געפרעגט קיין קשיות, איהם ניט גע־מאכט קיין פארווירפע און איהם ניט נאר באצאהלט אזוי פיעל ווי ער האט פארלאנגט. נאר האט איהם נאך געגעבען אפצועסען און זי האט זיך מיט איהם אריינגעלאזען אין א געשפרעך, גנעשע די פעלד־מעסטערקע, אן עלטערע אידע־נע, וואס האט געהאט צוויי רייכע זיהן אין אמעריקא און אן איידים אין שטעט־טעל, וועלכער איז געווען ווינטער א סופר סת"ם און זומער א הענדלער מיט פו־טער און קעז. גנעשע די פעלד־מעסטערקע האבען אלע גערופען מאמע, כאטש זי איז נאך גאר ניט געווען אזא אלטע פרוי. זי איז געווען א גוטע. ווען זי האט געהערט אז א קינד איז קראנק, פלעגט זי באלד קומען איהם אפשפרעכען אן עין הרע, און ווען די מוטער פון קינד איז געווען ארים, איז גנעשע די פעלד־מעסטערקע קיין מאל ניט געקומען מיט לעדיגע הענד. איז עס געווען זומער, האט זי מיטגעבראכט א ביסעלע קעז און א פלעשעל סאראדאווקע, איז עס געווען ווינטער, האט זי מיטגעבראכט א ביסעל גריוועניעס, אדער א פלעשעל גענזענשמאלץ.. און אלע האבען איהר גערופען מאמע. וואס מעהר עס האט זיך פארפעסטיגט די מיינונג, אז יאשי איז א פראסטער משוגענער. אלץ מעהר האט איהם גנעשע באשיצט, און לסוף איז איהר שטוב געווען די איינציגע, אין וועל־כע יאשי פלעגט קענען אריינקומען און אויפגענומען ווערען ווי א קלאהרער.

אבער צייט עס האט זיך פארברייטעט דער קלאנג, אז יאשי איז זיכער א משוגענער, האט ער אויך אויפגעהערט צו זינגען אין דערפריה, ווען ער האט געטראגען די עמערס וואסערס פון שוהל־הויף־ברונען אין די הייזער פון די יונישע געסלאך, און איז בכלל געווארען אן אנדער מענש. די פרעהליכ־קייט איז פון זיין פנים פארשוואונדען, און ווען ער פלעגט געהן דורך די געס־לאך אין דערפריה שטילינקערהייד, איז ער געגאנגען מיט פעסטע און שנעלע טריט און פלעגט זאגען זיין תהלים אזוי, אז קיינער זאל ניט הערען. ער איז געגאנגען ווי א באזיעגטער און א צובראכענער. דער פרעהליכער, זינגענדיגער און רעדעוודיגער יאשי איז געווארען שטיל, ווי א טויב און איז ארומגעגאנגען ווי א שאטען. איצט זיינען אלע ערשט רעכט געווען איבערצייגט, אז ער איז א משוגענער. א קלאהרער מענש איז דאך ניט פארשוויגען. נאר משוגעים שווייגען. מענשען ריידען א ווארט. און יאשי האט מעהר קיין ווארט ניט גע־רעדט. צו קיינעם ניט און צו זיך אליין גאנץ שטילינקערהייד, און צו זיך אליין האט ער דערפאר גערעדט, ווייל קיין אנדערער האט מיט איהם ניט געוואלט ריי־דען ווי צו א קלאהרען מענשען, איידער צו ווערען באטראכט פאר א משוגע־

נעם האט ער צו קיינעם ניט גערעדט, א חוץ צו דער מאמען, צו דער גוטער גנעשע'ן.. די גוטע גנעשע האט אבער אויסגעפונען אז ניט נאר איז יאשי ניט משוגע, נאר ער איז א גאנץ קלוגער מענש אויף זיין אופן. און ניט נאר איז ער ניט קיין אפיקורס, נאר א גאנץ פרומע נשמה, די פרומקייט אליין, א מין פרומקייט. וואס האט זיך געפאסט צו איהר גוטסקייט· זי האט איהם שטארק מקרב געווען.

די טעג זיינען געווארען קיהלער, די אווענדען לענגער און גנעשעס שטוב איז געווארען א מין אכסניה פאר יאשי דעם וואסערטרעגער. נאך מעריב פלעגט יאשי קומען צו גנעשע'ן אין שטוב און האט שטענדיג געקראגען אפצו־עסען, און האט שטענדיג געהערט א גוטווארט, א ווארט פון טרייסט און פון האפנונג. די ווייבער פון דער שכונה האבען דאס גאר ניט געוואלט ליידען. פארוואס זאל די גוטע גנעשע זיין אזוי גוט.· בעהאנדלען א משוגענעם ווי א קלאהרען און באלד האבען זיך אנגעהויבען טראגען קלאנגען אין די יונישע געסלאך.. גנעשע איז געווארען די כלה פון א משוגענעם.. און מסתמא איז גנעשע אליין ניט ביים זינען. די רכילות איז באלד געקומען צו גנעשע'ס אויערען, אבער אנשטאט זיך צו קריעגען מיט די ווייבער אדער זיך מיט זיי ארייגלאזען אין ויכוחים, האט גנעשע אוועקגעטראגען איהרע פאאר בעבעכעס צו איהר אידים, דעם סופר סת"ם, און איז פארשוואונדען, און מיט איהר איז אויך פארשוואונדען יאשי דער וואסער־טרעגער. מען האט זיי ביידע מעהר אין שטעדטעל ניט געזעהן· אין שטעדטעל האבען זיך ארומגעטראגען אלערליי קלאנגען, אבער ווען חנה באשי, דעם גביר'ס שוויעגער איז צוריקגעקומען פון א באזוך צו איהר זוהן אין ארץ ישראל, האט זי דערצעהלט, אז זי האט דאר־טען געטראפען יאשי דעם וואסער־טרעגער, וועלכער איז דארטען דער מאן פון גנעשע דער פעלד־מעסטערקע.

פייוועל ברוך און זיין ארורה.

פייוועל ברוך דער איבעריגער איז געווען א איד מיט א סך מעלות. ער איז געווען דער פיינסטער בעל קורא אין שטעדטעל, איז אויך געווען א שטיק משכיל, א גרויסער בעל מדקדק און ניט קיין קליינער למדן, און אין שטעדטעל האט מען געזאגט, אז ער איז אויך געווען א גרויסער שפראכענקע־נער. מיט אויסנאהמע פון דעם פראשעניע שרייבער איז ער ווירקליך געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל וועלכער האט זיך געקענט צוזאמענריי־דען מיט דעם אפטייקער אויף רוסיש, און מיט דעם פריץ אויף פויליש. דער־צו האט ער געקענט שרייבען אן ענגלישען בריעף צו די קינדער פון ארימע עלטערען אין אמעריקא און האט זיך אויך גאנץ גוט געקענט צוזאמענריידען מיט די ליטווישע פויערים. ער האט נאך הערצו געהאט פיעלע אנדערע מעלות; ער האט געקענט דאווענען שחריתים ימים נוראים און מוספים יעדען שבת. פאר נויט האט ער אויך געקאנט זאגען סיי א דרשה און סיי א דרוש, און פאר נויט האט ער אויך געקענט קנעלען און לערנען מיט קינדער אלסדינג פון אלף בית ביז א שווערען תוספות און פון דעם אלפאבעט ביז שעקספיער אין אריגינאל. און אויב דאס איז נאך ניט גענוג, איז ער אויך געווען א געניטער שוחט פון גסות און אויסגעצייכענטער בעל תקיעה. אין זיין האנד איז דער שופר געווארען א פלייט. און דאך האט ער אין שטעדטעל געהייסען פייוועל ברוך דער איבעריגער. נאר דער רב און די לומדים פון שטעדטעל האבען איהם גערופען רבי פייוועל ברוך. די משכילים דאגעגען האבען פאר איהם קיין דרך ארץ ניט געהאט, ווייל ער האט זיך צופיעל אפגעגעבען מיט ענינים פון בית המדרש. די משכילים אין שטעדטעל האבען אויך געזאגט, אז א חוץ דקדוק קען ער ניט די גראמאטיק פון קיין שפראך און באהערשט נאר די ווערטער פון די פארשידענע שפראכען, וועלכע ער האט זיך אויסגעלערנט אויסווייניג פון א ווערטערבוך. צי דאס איז געווען אמת צי ניט, איז קיין מאל ניט באוויזען געווארען.

פייוועל ברוך דער איבעריגער איז געווען א הויכער שעהנער איד מיט א שעהנער לאנגער שווארצער און געקאמטער בארד. ער פלעגט געהן פאמעלאך און האט אין זיין גאנג געהאט עפעס אריסטאקראטישעס. ווייל ער איז שטענ־דיג געווען אן עני מדוכה, האט מען אין שטעדטעל פאר איהם קיין דרך ארץ ניט געהאט, ניט דערפאר וואס ער איז געווען ארים, נאר ווייל ער האט פון זיינע פיעלע מעלות און בעגאבונגען גאר ניט געקענט מאכען. ער איז באטראכט געווארען פאר א מין שלומיאל, א מענש וועלכער ווייסט אלסדינג און קען גאר ניט, און איבערפליסיגער מענש מיט א באשטימטען דלות און ניט קיין

קליינעם, ווייל ער האט געהאט צו פארזארגען א גרויסע משפחה און האט זי ניט פארזארגט. ער האט געהאט זיבעצהן קינדער, און דערפון נור דריי אין דער ערד, און די פערצעהן האבען אלע געהאט גוטע אפעטיטען. ווען די קינדער וואלטען געדארפט ווארטען ביז דער טאטע וועט זיי ברייגנען ברויט אין שטוב, וואלטען זיי געדארפט יעדען טאג פאסטען. פייוועל ברוך האט אלסדינג גע־האט, נאר ניט קיין פרנסה, און ער האט אלסדינג געקענט, נאר ניט פארדינען. ער האט יא פארדיענט אין געוויסע טעג אין יאהר. פורים האט ער געבראכט זיעבען אכט רובעל אין דער היים מגילה געלד. פון צייט צו צייט פלעגט ער פארדינענען צוואנציג קאפיקעס פאר שרייבען בריעף פון מאמעס צו זייערע קינדער אין אמעריקא. פון צייט צו צייט האט איהם דער רב צוגעצויגען צו א דין תורה און ער האט איהם געגעבען די פסק דין געלד, און אמאל האט ער אויך צוזאמענגעפיהרט א שידוך און פארדיענט פינף און צוואנציג רובעל. אבער אלץ אמאל, און די פערצעהן קינדער האבען געוואלט יעדען טאג עסען. און די מאמע, פייוועל ברוך'ס ווייב, א קליינטשיקע אידענע מיט א גרויסען מויל, איז געווען די איינציגע פערזארגערין. זי איז געווען א קרעמערקע. ביי־טאג איז זי געשטאנען אין קרעמעל און פארקויפט ציקאריע, הערינג, צוקער און טהע, און האט געפראוועט שידוכים, פארקויפט שיפסקארטען אויף אפ־צאהלונג, קורץ זי האט געטאן און פארדיענט און דער מאן איז געזעסען און געלערנט אדער געשריבען אדער געלייענט ביכער, אדער געזעסען פארטראכט אין געדאנקען. חאטש די מאמע איז געווען די פארזארגערקע, האבען די קינדער ליעב געהאט דעם פאטער. פאר דער מאמע'ן האבען זיי מורא געהאט, אבער דעם פאטער האבען זיי געליעבט און רעספעקטירט, און דאס האט די קליי־נע טריינדעל ניט געקענט פארטראגען. וואס מעהר ליעבע און רעספעקט די קינדער האבען ארויסגעוויזען צום פאטער, אלץ מעהר האט זי געהאסט איהר מאן, און איהר האס האט זיך אויסגעדריקט אין קללות און זידלערייען.

פייוועל ברוך האט געהאט א טבע אויפצושטעהען צום ערשטען מנין, בלייבען אין בית המדרש ביז אזייגער צעהן און דאן קומען אהיים עסען פריה־שטיק. קומענדיג פון בית המדרש אהיים, האט ער שוין זיין קליינע אידענע ניט געטראפען און די עלטערע מיידעל פלעגט איהם הייסען זיך געהן וואשען און איהם געבען די שטיקעל ברויט מיט א טעפעל שווארצע קאווע. נאך דעם עסען פלעגט ער ווידער אוועקגעהן אין בית המדרש און דארטען בלייבען ביז שפעט אין אבענד. ער האט דארטען געלערנט צוזאמען מיט דעם פרוש און האט אויך ארויסגעהאלפען די בחורים פארענטפערען א ויש לישב פון א מהרש"א. אבער ער איז ניט געווען קיין פראפעסיאנעלער למדן, חאטש ער האט געקאנט גוט לערנען. ער איז נור געווען א חברה ש"ס'ניק ווי פיעלע אנ־דערע.

איין מאל, ווען ער איז געקומען אין דער פריה פון בית המדרש, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, האט ער געפונען די ווייב אין דערהיים. זי איז גע־ווען ניט געזונט און איז ניט געגאנגען אין קראם. דער רופא האט איהר געגעבן אן עצה צו בלייבען א פאאר טעג אין דערהיים און זיך אויסרוהען. אין קראם האט זי געשיקט די עלטערע צוויי מיידלאך, א צווילינג. ווען פייוועל ברוך איז אריין אין שטוב און געפונען די ווייב, איז ער געווען א ביסעל פארוואונ־

דערט. ער האט אבער מורא געהאט צו פרעגן, פארוואס און פאר ווען, ווייל ער האט גוט געקענט זיין אידענע... ער האט געוואוסט, אז ער וועט ניט קריגן קיין ענטפער נאר עטליכע וואגאן קללות. ער האט דערפאר קיין זאך ניט געזאגט, האט אוועקגעלעגט זיין לאנגע קאפאטע אויפ'ן בעט, האט זיך ארומגעקוקט צי עס ליגט שוין א שטיקעל טישטאך אויפ'ן טיש און האט געווארט אז זי זאל איהם הייסן זיך געהן וואשען. זי האט איהם אבער זיך ניט געהייסען געהן וואשען, און האט זיך נאר ניט געמאכט וויסענדיג. ברוך פייוועל האט געווארט א פערטעל שעה, א האלבע שעה און זי האט איהם אלץ ניט געהייסען זיך געהן וואשען. איהם האט אבער אנגעהויבען חלש'ן דאס הארץ. ניט פרעגענדיג וואס און ווען, האט ער זיך געוואשען די הענט, געזאגט על נטילת ידים אויף א הויכען קול כדי זי זאל הערן, און האט געווארט זי זאל אוועקלעגען אויפ'ן טיש א טישטאך און איהם געבען ברויט און שווארצע קאווע. אבער ווען זי האט געזעהן, אז ער האט זיך געוואשען און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, איז זי געווארען שטארק אויפגערעגט, און אנשטאט איהם צו געבען ברויט מיט קאווע האט זי איהם אנגעהויבען געבען א פעק מיט קללות:

„וואשען זאל מען דיר אויפ'ן טהרה ברעט, רבונו של עולם, דו טויגניכטס און אומזיסטער פרעסער. ביסט דאך ערגער פאר א פאראבאס, א פאראבאק זאגט פאר זיינע קינדער, און דו טהוסט דאך אפילו דאס אויך ניט. ווער דארף דיר און וואס טהוסטו דא, און פאר וואס געהסטו ניט אין אלל די שווארצע יאהרען ? וואס וועט פון דיר ווערען ? שוין ביי מיר אויף קעסט פאר די לעצטע דריי און צוואנציג יאהר. שעהנער קעסטקינד, שעהנער בחור..... קעסט וועל איך דיר געבען, אה ? איך וועל דיר געבען גיפט. איך וועל דיר געבען חולאת, איך וועל דיר געבען מכות...."

פייוועל ברוך האט איהר קיין מאהל ניט געענטפערט ווען זי האט געעפענט איהר מויל, אבער איצט האט ער איהר גאר ניט געקענט ענטפערן. מען טאר דאך ניט ריידען פאר המוציא. און ווען ער האט געזעהן, אז זי הערט ניט אויף זיך צו קאכען, האט ער זיך צוריקגעצויגען פון טיש און האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעט און האט פארשטעלט די אויגען מיט דער רעכטער האנד עפעס אזוי ווי ער וואלט זיין אייגענע חרפה ניט געוואלט זעהן. זי איז געשטאנען פאר'ן קוימען און האט עפעס געקאכט, זי האט גאר ניט באמערקט ווי ער איז אוועק פון טיש, און האט ווייטער גערעדט:

"פרעסען וועל איך דיר געבען, דו לאנגער טויגעניכטס, דו פוילענצער. דו פוסטעפאסניק! איך וועל דיר געבען סם. איך האב דיר שוין לאנג געדארפט געבען סם. דאן וואלט איך שוין לאנג געווען פטור פון אלע מיינע צרות. רבונו של עולם, ווי ווערט מען אן אלמנה ? אנדערע ווייבער האבען מזל, און איהם טרעפט קיין שלאק ניט. ווען איך בין אן אלמנה מיט אזוי פיעל יתומים, וואלט דאך די שטאדט פאר מיר עפעס געמוזט טאן און איך וואלט ניט געדארפט שטעהן זעכטצעהן שעה א טאג אין קראם, און דאן קומען אין דערהיים און פארליערען מיינע אויגען אין רויך פון מאכען דארע-קישקע. אן אלמנה, מיט יתומים קען די שטאדט ניט פארלאזען, אבער צו אלל די שווארצע בלוטיגע יאהרען האט ער זיך אנגעזעצט ווי א פעך און וויל זיך ניט אפטראגען. טראגען זאל מען איהם שוין באלד רבונו של עולם... !

„פערצעהן קינדער אויסגעהאַדעוועט, און וואָס איז פון זיי געוואָ־רען ? זאָל דאָס ווערען פון אלע מיינע שונאים, רבונו של עולם· חיים בערקע איז אנטלאָפען און קיינער ווייס ניט וואוהין· אפשר איז ער געוואָרען א גנב, אפשר זיצט ער אין טורמע, אפשר האט מען איהם גאר אפגעגעבען צום פריזיוו, ווער ווייסט ? און אנדער טאטע וואלט געזוכט, געפרעגט, געטאן, געוואלט אויסגעפינען, אבער איהם אארט קיין זאך ניט, א טאטע.. אויך מיר א טאַ־טע, אבי גיב איהם עסען. איך וויל איהם געבען סם..· אויפגעהאדעוועט פיער מיידלאך, שעהנע קינדער, פיינע קינדער, ארענטליכע קינדער. ביי לייטען א טאַטע זוכט עפּעס צו טאן פאר דערוואקסענע מיידלאך, אריינברענגען א יונגען מאן אין שטוב, זעהן, אפשר ? מען קען ווייסען ? מאלע וואָס א יונגער מאן קען זאָגען ?.. אָבער א טאַטע, נאַ דיר א טאַטע ! אזא טאַטע אויף אלע שונאי ישראל געזאגט געווארען. אארט עפּעס דעם טאַטען, אויב די צוויי מיידעך פון נײַנצעהן יאהר האבען א קליידעל ארויסצוגעהן אין גאַס, אויב זיי האבען א פּאָאר שיך, אויב זיי האָבען א פּאָאר זאָקען ? אארט עפּעס דעם טאטען מיט וועמען די מיידען געהן און צו וועמען זיי חבר'ן זיך, און וואס זיי טהוען ? ביי לייטען א טאטע לערנט די מיידלאך שרייבען. פאר וואס זאלען טאקע מיידלאך ניט קאָנען שרייבען? וועז א מיידעל קען שרייבען, זאָגט מען שויז. אז מען האט א געבילדעטע טאכטער און מען האט א שטיקעל פּנים ! אארט עפּעס דעם טאַטען צי די מיידען קענען שרייבען אדער ניט ? פארוואס זאל איהם אארען? ער האָט דאָך שוין חתונה געהאט. אארט איהם עפּעס אסך צו זיינע טעכטער וועלען חתונה האבען צי ניט, אדער מיט וועמען זיי וועלען חתונה האבען ? אויפגעהאדעוועט א זוהן ישראל'קע, א זוהן א ריעז, לאַנג ווי דער טאטע און געזונד ווי א גוי, וואס טהוט ישראל'קע ? אן אנדער טאַ־טע וואלט ישראל'קען אוועקגעשיקט אין ישיבה אדער איהם געמאכט פאר א בעל מלאכה, כאטש גאט זאל מיר ניט שטראפען פאר מיינע רייד, אין מיין משפחה זיינען קיין בעלי מלאכות און קיין סאלדאטען ניט געוועזן, אָבער אז מען מוז, מוז מען. די נויט ברעכט אייזען, אבער אויך מיר א טאַטע ! איהם אארט עפּעס א סך, וואס פון ישראל'קען וועט ווערען. שוין ברוך השם באלד זיעבצעהן יאָהר און מעהר ווי קרעהען קען עס ניט. א גאַנצען טאָג ליעגט ער אָפּ ביים חזן אין שטוב און זינגט. גאר ניט, יום טוב פאר איהם ! איהם זינגט זיך· א גרויסער גליק האט מיר געטראפען, ישראל'קע וועט זיין א משורר, א גרויסער יחוס. און אז אפילו וועז ער וועט שוין ווערען א חזן ? א גרויסע זאך א חזן, און אזוי באלד קריעגט מען דאָס א חזנות שטעלע ?

„אט וואקסט אויף אנאנדער זוהן, וועלוועל'קע. באלד זעכצעהן יאָהר אלט. וואס וועט ווערען פון וועלוועל'קען ? דאס וואס איז געווארען פון זיין טאטען, א לאנגער דראנג, א טויגעניכטס, אן אומזיסטער פרעסער· זיצט דא א גאַנצען טאָג אין פראנצויזישער קלויז און קראצט זיך, אובער דער גמרא. וואס וועט ער ווערען ? א רב ? א שעהנער רב ? א בחור פון באלד זעכצעהן יאהר און קאָן די מויל ניט עפענען. א גלאָמפּ, א שוטה ! ניט ער הערט און פארשטעהט, וואס מען רעדט צו איהם, ניט ער רעדט אליין. אלסדינג וואס דאָס קען, איז זופען גמרא· א גליק האָט מיר געטראָפען: מיין וועלוועל'קע קען זופען גמרא· דער טאטע קען אויך זופען גמרא און וואס איז ער ? א בהמה, א פערד, א לאנגער שוטה, א גלאמפ, וואס קען נור עסען און שלאפען און

לערנען גמרא אדער לייענען ביכער· פריץ מיינער, ער דארף לייענען ביכער. נאר גאר ניט, דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים און ווי דער טאטע דער גלאמפ אזוי דער זוהן.

„אט וואקסט אויף נאך א זוהן, חיים׳קע, שוין באלד פופצעהן יאהר און שוין באלד אזוי לאנג און שטארק ווי דער טאטע. ביי לייטען ווען מען האט א זוהן פון פופצעהן יאהר, נעהמט מען קלעהרען פון א תכלית· אבער פייוועל ברוך דער לאנגער, דער גולם, דער גלאמפ, וועט ריידען פון א תכלית? א דאגה האט ער וואס פון זיין זוהן וועט ווערען!

„איך האב זיך ביי איהם געבעטען: שיק אוועק חיים׳קען אין ישיבה. ערשטענס א פרעסער ווייניגער און דאן איז דער פרעמד מענשעלט מען זיך אויס. עפעס וועט דאך פון איהם אין ישיבה ווערען. הונדערטער אנדערע אינגלאך פאהרען אוועק אין ישיבה און קומען צוריק מענשען, אבער רייד צו דער וואנד· חיים׳קע איז שוין באלד אלט פופצעהן יאהר און הענגט נאך אלץ אן דער מאמע׳ס פאלע. און וואס וועט פון חיים׳קען ווערען? א כלי זמר. א גאנצען טאג און א גאנצע נאכט סקריפעט ער אויפ׳ן פידעל, און איך קען קיין אויג ניט צומאכען· א גליק האט מיר געטראפען: איך וועל האבען א זוהן א כליזמר. עפעס יאנקעל דער כליזמר איז דאך אזוי גליקליך! ווען עס מאכט זיך א חתונה איין מאהל אין א יובל. שפיעלט ער, און קריעגט דריי רובעל. און מיין חיים׳קע געהט עס ווערען א כלי זמר, און ער זאגט נאר, אז ער וועט פאהרען אין ווארשע זיך ווייטער לערנען כלי זמר׳יי זאל דאס ניט אמאל א טאטע אריינגעהמען א זוהן אין די הענד און זאגען: פאהר אין ישיבה, צו אלל די שווארץ יאהרען, אדער געה ווערען א בעל מלאכה, א קירזשנער, א שניי־דער, א זייגערמאכער, פון מיינעט וועגען א שינדער, אבי א בעל מלאכה. אבער וואס ארט עס דעם טאטען דעם גלאמפ, וואס פון חיים׳קען וועט ווערען? און אז ער וועט ווערען א גנב, וועט איהם דאס ארען?

„אט איז א זוהן געווארען בר מצוה, און איז שוין אויך באלד אזוי גרויס און שטארק ווי דער טאטע. ביי לייטען ווען א זוהן ווערט בר מצוה, הויבט מען אן צו קלעהרען פון א תכלית פאר׳ן קינד· אבער מיינע זיהן און מיינע טעכטער זיינען דאך אלע לעבעדיגע יתומים? זיי האבען עפעס א טאַ־טען? דעם טאטען ארט עפעס א סך, וואס די קינדער טוען און וואס פון זיי וועט ווערען? אנשטאט צו שיקען דעם בר מצוה זוהן אין ישיבה שיקט ער איהם נאך אלץ אין חדר זיך לערנען דייטש. מעהר פעהלט איהם ניט ווי דייטש. אלס־דינג קען ער שוין. און דער פערצעהן יעהריגער בײנקארט זיצט דאס טעג און נעכט און לייענט דייטשע ביכער, נא דיר א תכלית, דייטשע ביכער, עפעס אזוי ווי מען וואלט פון דייטשע ביכער געקענט עפעס האבען? לעדיג־געהער לייענען ביכער, רייכע כלות, וואס האבען גאר ניט צו טאן, לייענען ביכער. דעם רב׳ס זוהן לייענט ביכער. פאר וואס ניט? דער טאטע קריגט אלע וואך זיינע שכירות, קען דער זוהניניקע לייענען ביכער, אבער מיין זוהן..? וואס וועט פון איהם ווערען אפילו ווען ער וועט שוין בלינד ווערען לייענענדיג דייט־שע ביכער? וועט ער זיין א בלינדער דייטש· און צו וואס דארפען דאס אידישע קינדער סתם לייענען קריסטליכע דייטש? ניטא געגוג אידישע

ספרים צו לייענען ? נאר געה רייד צו דעם טאטען, דעם גלאמפ און דעם לאנגען גולם.

„מילא די אינגלאך, זיי וועלען שוין ניט פארפאלען ווערען, און אויב זיי וועלען איצט ניט טאן וואס מען דארף טאן, וועלען זיי שפעטער חרטה האבען. אבער מיידלעך, ווי לאזט מען דאס מיידלעך אויפוואקסען אהן א תכלית? ווי לאזט מען דאס מיידלאך אויפוואקסען ווי ווילדע ציעגען? א מענש וועט דאך מיט זיי גאר ניט וועלען ריידען, זיי וועלען זיך דאך מיט א מענשען גאר ניט קענען צוזאמענריידען. נאר וואס ארט דאס איהם, דעם לאנגען גולם, דעם טויגעניכטס, אבי ער קען זיטצען אין בית המדרש און זיך קראטצען איבער דער גמרא· איהם ארט נור זיין חברה ש"ס און וואס דער פרוש זאגט, זאל ער צוזעצט ווערן מיט דעם פרוש צוזאמען, רבונו של עולם!

"נא געה און פרעס, און ווער צופלאצט, דו אומזיסטיגער פרעסער. און זאלען דיר ווערה טאן דיינע ביינער ווי מיר טהוען מיינע ביינער וועה פון ארבייטען ווי אן אייזעל, און פון ניט דערשלאפען און פון דאגות און זארגען!

נאך דיזען לאנגען מאנאלאג האט זי געלעגט א טישטאך אויפ'ן טיש און אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש א לאבען ברויט, א טעלער הערינג און איז גע-גאנגען צום אויווען ברענגען די קאווע· „גו געה, פרעס שוין פרעס ! דו לאנגער גלאמפ, און ווער צוזעצט פרעסענדיג". ווען זי איז צוגעגאנגען צום טיש מיט א קרוג קאווע אין האנד, האט זי באמערקט פייוועל ברוך ליגענדיג אויפ'ן בעט מיט'ן פנים פארגראבען אין די קישענס. ער האט זיך ניט באוועגט. ער האט פון זיך ניט געגעבען קיין צייכען פון לעבען. ער איז געווען טויט און קאלט·

טריינדעלס וואונש צו ווערען אן אלמנה.. איז מקוים געווארען.

די רויטע הולטאיקע.

אין שטעדטעל זיינען געווען עטליכע הייזער פון וועלכע פרומע אידען
האבען ניט געוואלט ריידען און פון וועלכע די יונגוואַרג האט זעהר פיעל גע־
הערט. איינע פון דיזע הייזער איז געווען רח׳קע די הולטאיקעס, אדער ווי זי
איז אויך געווען באקאנט אונטער׳ן נאמען „די רויטע רח׳קע“.אין אנדער הויז.
פון וועלכער די אלטע האבען קיין מאהל ניט גערעדט און די יונגע האבען
שטענדיג דיסקוטירט, איז געווען דעם אפטייקערס. די אלטע אידען האבען גע־
וואוסט, אז ביים אפטייקער אין הויז קומען זיך צוזאמען לצים אלע פרייטאג
אוּענט און שפילען אין קארטען. אזוי ווי דער אפטייקער האט נאך גע־
האט נאך א טריפה קיך, צו וועלכער ער איז געווען בארעכטיגט לויט זיין פא־
זיציע אין לעבען, איז עס פאר די עלטערע אידען געווען קלאהר, אז זיין הויז
איז די טומאה אליין. דער אפטייקער האט געהאט א שעהנע ווייב און זי אי־
ניט געווען קיין צו פרומע, דען ערשטענס איז זי געווען אן אפטייקערשע און
צווייטענס איז זי געווען א דייטשקע און פלעגט געהן מיט קורצע ארבעל, מיט
אייגענע האר און מיט א נאקעטע פאטילניצע. זי איז ניט געווען קיין צנועה.
די ווייבער האבען זיך דערצעהלט, אז דער דאקטאר פלעגט איהר קושען, אפילו
ווען איהר מאן איז געשטאנען דערביי, אבער זיכער איז געווען, אז אלע מע־
נער, וועלכע פלעגען קומען צו איהר אין הויז עסען טרפות, האבען איהר געקושט
די האנד. אבער זי איז געווען דעם אפטייקער׳ס ווייב און קיינער האט ניט גע־
סמייעט איהר צו מאכען א פארוואורף אדער צו זאגען א בייזווארט. צו איהר
אין הויז פלעגען אויך קומען געהויבענע קריסטליכע געסט, דער נאטשאלניק
אויעזדא, דער נאטשאלניק זעמסקי, א יונגער גלח, דער זוהן פון פריץ און דער
אלטער בירגערמייסטער. מען האט אין שטעדטעל געוואוסט, אז איהר הויז
איז טריף און אין הויז הערשט ניט קיין צניעות נאר הפקר, אבער וואס האט
מען געקענט טאן ?

אבער גאנץ אנדערש איז געווען די באציהונג צו דער רויטער הולטיא־
קע. זי איז געווען א פראסטע אידישע מיידעל. איהר פאטער איז געווען אן
ארימער בעקער, און די מאמע א אידענע ווי אלע אנדערע אידענעס. די רוי־
טע הולטייקע רח׳קע איז אבער געווען די בת יחידה פון טאטע־מאמע און די
עלטערן האבען פון איהר געמוזט לײדען. אזוי לאנג ווי זי איז געגאנגען אין
דרך הישר. שפעטער, ווען עס איז שוין פאר קיינעם אין שטעדטעל קיין ספק ניט
געווען, אז רח׳קע איז א געפאלענע חצופה, זיינען אויך די עלטערן געווען צו
איהר שטרענג.

די הויז פון דער רויטער הולטאיקע האט זיך געפונען לעבען בית
המדרש, און אלע פרומע אידען פון שטעדטעל האבען געמוזט פארביינעהן פאר
די כאטע און זיך צוהערען צו דעם חוצפה׳דיגען זינגען פון רח׳קען. רח׳קע איז

געווען א גרויס געוואקסענע, שעהנע מיידעל. זי האט געהאט שעהנע רויטע האאר, וועלכע זי האט קיין מאהל ניט פארפלאכטען· זי האט געטראגען איהרע האר לויז און זיי פלעגען אראפהייגגען ביז די פאדלאגע. זי איז געווען שלאנק האט געהאט א רונדען פנים, א קליינע נאז און קליינע, רויטע ליפען און צוויי בלויע אויגען. זי האט געהאט לאנגע, פיין געשניטענע פינגער, וועלכע זי האט באנוצט צו מאכען פאפיראסען. זי איז אויך געווען א פאפיראסענמאכערקע פון פראפעסיע און האט געקענט אנפילען פופצעהן הונדערט גילזען א טאג· די פאפיראסען האט זי פארקויפט צו די בחורים פון שטאדט, וועלכע האבען שוין ניט געהערט צום קרייז פון בית המדרש. איהרע יונגע קונדען זיינען בעשטאנען פון בעל בתישע לעדיגגעהער, יונגע לייט וועלכע האבען זיך „זאנימייעט". דאס הייסט זיי האבען זיך פארבערייטעט אדער געהאט בדעה זיך פארצובערייטען פאר פיער קלאסען גימנאזיע און ווערען אפטייקערס, אדער די באהעלפערס פון די חדרים, וועלכע האבען געקענט שיללער און לעסינג אויסוויינינג און האבען זיך געהאלטען פאר גרויסע קענער פון דייטש, און סתם פוסט און פאסניקעס. קומנ־דיג צו איהר קויפען פאפיראסען, דריי פאר א קאפיקע, זיינען זיי שוין געבליבען זיך מיט איהר אונטערהאלטען. רח'קע האט געהאט זעהר פיעל חן און האט גע־וואוסט ווי צו אונטערהאלטען איהרע יונגע קונדען· ערשטענס האט זי געהאט א שעהנע שטימע און האט אויך געקענט זינגען. זי האט געקענט זינגען דייט־שע, אידישע, רוסישע און א פאאר העברעאישע ליעדער. זי האט ליעב גע־האט צו זינגען, בעת זי האט געמאכט די פאפיראסען און האט אויף דעם אופן אנגעצויגען די יונגע לייט. דאן איז זי געווען זעהר גאסטפריינדליך. אפילו ווען א קונדע פלעגט נור קויפען פאר א קאפיקע פאפיראסען האט זי איהם מכבד געווען מיט א גלאז טהע, אויב ער האט נור געוואלט בלייבען אין איהר געזעלשאפט, און די בחורים האבען אלע פאר איהר גע'חלש'ט און האבען גע־וואלט זיין אין איהר געזעלשאפט און פארברייגגען. רח'קע האט געזונגען, גע־לאכט געזונד און הארציג און דערצעהלט וויטציגע מעשיות. זי איז אליין גע־ווען וויטציג און קלוג און האט שטענדיג געוואוסט צו דערצעהלען א שעהנע וויטציגע מעשה'לע.. אזוי איז איהר הויז געווארען א מושב לצים. די עלטערע אידען און ווייבער האבען איהר געשאלטען, און די אנדערע יונגע מיידלאך הא־בען איהר מקנא געווען און בארעדט. אזוי איז זי געווען אין יעדענס מויל· נאר די פרעהליכע און לוסטיגע רח'קע האט זיך דאס ניט גענומען צום הארצען זי האט איבערהויפט קיין זאך אין לעבען ניט גענומען צו ערנסט. אזוי איז שוין געווען איהר נאטור. דאן האט זי געהאט א געוויסען שטאלץ· זי איז ניט נור געווען שעהן און קלוג נאר אויך געבילדעט. זי האט געקענט לייענען א דייטשען בוך, זי האט געקענט שרייבען אידיש און האט פארשטאנען אבי־סעל לשון קודש און האט געהאט א פאאר גאט געבענשטע הענד. צו אלס־דינג צו וואס זי האט זיך צוגעריהרט איז געווארען גאלד· זי האט געקענט שטריקען א מזרח בעסער ווי יעדע אנדערע מיידעל, זי האט אויך געקענט בא־קען און קאכען, און דערצו איז זי נאך געווען שעהן, זעהר שעהן. זי איז אפשר געווען די שעהנסטע מיידעל אין שטעדטעל און אין שטעדטעל זיינען געווען פיעל שעהנע מיידלאך. אבער צו אלעם דעם איז זי געווען א לעבעדיגע מיי־דעל, א ברען און פול מיט חן. פארוואס זאל מען אזא מיידעל ניט מקנא זיין און ניט בערײדען ?

ווען זי האט דערגרייכט דעם עלטער פון זיבעצעהן יאהר און האט גע־זעהן אז טאטע מאמע פלאגען זיך. אז די בעקריי ברענגט וויניג וואס איין.

ווייל אין דער קליינער געסעל זיינען געווען צוויי אנדערע בעקערייען, האט זי באשלאסען עפעס צו טאן וואס זאל פארלייכטערען דעם לעבען פון די על־טערן. צוערשט האט זי זיך געוואלט לערנען זיין א שייטעלמאכערקע, אבער אזוי ווי זי האט ניט געוואלט האבען צו טאן מיט אלטע ווייבער, האט זי בא־שלאסען זיך צו נעהמען מאכען פאפיראסען, ערשטענס קען מען זיך די מלאכה לייכט אויסלערנען, און צווייטענס קומט מען אין באריהרונג, ניט מיט אלטע ווייבער, נאר מיט יונגע בחורים. זי האט ניט געפרעגט טאטע מאמע־ נאר האט אנגעהויבען מאכען פאפיראסען און פארקויפען צו יונגע לייט, און אזוי איז איהר שטוב געווארען א מושב לצים. מען האט אין איהר שטוב שטענדיג געטראפען לעדיגגעהערס, פוסט און פאסניקעס, בעליבתישע בנים, וועלכע האבען ניט געוואלט ארבייטען אדער האבען ניט געהאט וואס צו טאן און האבען געטראכט פון אמעריקא און יונגע מענשען וועלכע האבען זיך "זאנימאיעט"... עס האט ניט לאנג געדויערט און רח'קעס הויז איז געווארען דער מיטעלפונקט פון דער יוגענד פון שטעדטעל· אין רח'קע'ס הויז האט מען ניט נור געזונגען נאר אויך געטאנצט און רח'קע אליין איז געווען א וואזשנע טענצערקע. זי האט א סך בחורים אויסגעלערנט טאנצען.. און אויך זיי אויסגעלערנט ווי אומצוגעהן מיט מענשען·

אבער אין שטעדטעל האט מען געזאגט, אז ביי רח'קע דער הולטיא־קע אין שטוב קומען פאר זעהר שרעקליכע זאכען עס האט זיך אפילו פאר־בערייטעט א קלאנג, אז אין איהר שטוב רויכערט מען שבת. מילא אז מען רויכערט שבת ביים אפטייקער אין שטוב, איז דאך דער אפטייקער.. ער מעג דאך פיהרען א טריפה קיך· אבער ביי רח'קען איז שטוב.. דאס איז אונער־הערט. אבער רח'קעס פאטער, אן אלטמאדישער איד, א בעקער, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען פארבראכט מיט באקען בייגעל, האט זיין טאכטער שטענ־דיג פארטיידיגט ער האט געשווארען, אז אין זיין שטוב געהט אלעס צו אין דער בעסטער ארדענונג. רח'קע איז נור א פרעהליכע מיידעל אבער אויסער איהר נאטירליכער פרעהליכקייט איז זי א צנועה ווי אלע אידישע טעכטער. אויך די מאמע'ס רייד האבען ניט געהאלפען. רח'קע האט געקראגען א מיאוסען נאמען און אין שטעדטעל האט מען פאר איהר געהאט נור איין נאמען: „די הולטאיקע".

רח'קע איז געווען אין יעדענס מויל. די גאנצע רכילות פון שטעדטעל, די גאנצע לשון הרע פון שטעדטעל האט זיך געדרעהט ארום רח'קע, קיינער האט פון איהר קיין זאך ניט געזעהן, וואס איז ניט ריכטיג, אבער אלע האבען געשווארען אז זי איז אן אויסגעלאסענע חצופה. א הולטאיקע. איהר טאטע מאמע האבען דערפון שרעקליך געליטען· מען האט זיי אויך אויסגעוויכען. מען האט מיט זיי קיין מגע ומשא ניט געוואלט האבען. אבער אזוי ווי רח'קע איז געווען די פארדינערקע און טאטע מאמע זיינען געווען שוואכע און אלטע מענשען, האבען זיי געמוזט ליידען. וואס האבען זיי געקענט אדער געזאלט טאן ? רח'קע דאגעגען האט זיך די זאך גאר ניט גענומען צום הארצען. זי האט געארבייט אויף איהרע פאפיראסען, געשטיפט, געלאכט, געטאנצט און זיך פיין אונטערהאלטען מיט איהרע קונדען, וועלכע פלעגען ביי איהר זיצ־צען א גאנצען טאג און א גאנצען אווענד·

וואס עלטער רח'קע איז געווארען, ניינצעהן, צוואנציג, איין און צוואנציג יאהר, אלץ שעהנער און פרעהליכער איז זי געווארען. זי איז זעלטען

ארויסגעגאנגען אין גאס. זי איז שטענדיג געזעסען ביים פענסטער פאר א קליין טישעל און געפילט נילזען מיט טאבאק, וואס האט געהאט דיזעלבע פארב, ווי איהרע האאר, אבער ווען זי איז אמאל אין אן אווענד ארוים אין גאס, פלעגען זיך אלע אוועקשטעלען אויף איהר קוקען. איהר שעהנער וואוקס, איהר שטאלצער גאנג, איהר שמייכעל אויף איהר קליינע, רונדע און רויטע ליפען, האבען נעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון אלט און יונג און מען האט זי געזעהן און.. בערעדט.

רח'קע'ס קונדען, די לעדיגנגעהער און פוסט און פאסניקעס זיינען אפט געוועז אין איהר פארליעבט ביז איבער די אויערען אבער זי האט זיי קיין מאהל ניט ערמוטיגט און האט זיך פון זיי אויסגעלאכט. רח'קע האט ניט געוואלט נעהמען אבי ווערמען. זי האט געהאפט, אז עס וועט קומען א בחור, וועלכער איז פריי פון פריזיוו און וועלכער איז א גוטער פארדיענער און אלע קאוואליערען, וועלכע פלעגען פארברייגגען טעג און נעכט ביי איהר אין שטוב, האבען נור גע'חלומ'ט וועגען אמעריקא. קיינער פון זיי איז ניט געוועז קיין פארדיענער. קיינער פון זיי האט ניט געארבייט און ניט געוואלט ארבייטען, און רח'קע האט שווער געארבייט און האט פאר איהרע קאוואליע־רען קיין גרוים רעספעקט ניט געהאט און האט פון זיי ווייניג וואס געהאלטען. ווען א בחור פלעגט זיך צו איהר ערקלעהרען אין ליעבע, האט זי געהאט איין ענטפער: "שוין וויעדער?" און האט זיך פון איהם אויסגעלאכט. אבער יעדער פון די בחורים האט געמיינט אז דער אנדערער האט מעהר גליק פון איהם. און יעדער האט דעם אנדערען פארדעכטיגט אז ער שפיעלט א שטילע ליעבע מיט רח'קען און יעדער האט רח'קען גופא פארדעכטיגט. רח'קע פלעגט זיך אמאל א שפיעל טאן מיט א בחור. אמאל האט זי נעשווינגען, ווען א בחור האט פון איהר גערויבט א קוש.. און דאס האט נאך געהאלפען אז די בחורים אליין זאלען אנהויבען פון איהר ריידען און איהר בעריידען. איהר נאמען אין שטעדטעל איז געוועזן א זעהר שלעכטער. פאר א צנועה האט איהר קיינער ניט געהאלטען. ווען זי האט זיך נאך אמאל באריהמט, אז זי וועט נאך דער חתונה קיין שייטעל ניט טראגען, האבען אלע געוואוסט, אז זי איז אן אויס־געלאסענע און א הולטאיקע. צווישען די פיעלע מיאוסע נעמען מיט וועלכע די שטעדטעל האט יאהרען לאנג נעקלונגען, ישעיה דער האהן, וועלכער איז גע־ווען א מסור, לייבע דער שלעגער, בינקע דער ליכט־גנב, און אזוי ווייטער, איז אויך געוועזן רח'קע'ס נאמען. מען האט פון איהר נור גערעדט ווי פון דער הול־טאיקע, איהר אמת'ן נאמען האט קיינער ניט דערמאהנט און רח'קע'ס שעהנע לאנגע האאר זיינען דערפון ניט גרוי געווארען.

רח'קע האט געארבייט אויף איהרע פאפיראסען פערצעהן־פופצעהן שעה א טאג. גרויסע וואוילטאגען אין לעבען האט זי ניט געהאט. דאגעגען האט זי געהאט פיעל זארגען און צרות פון איהר טאטע־מאמע'ן, אט איז די מאמע געווארען קראנק, אט איז דער טאטע געוועזן ניט געזונד און די גאנצע לאסט איז געפאלן אויף רח'קע'ן,זי האט ניט נאר געדארפט ארבייטען טאג און נאכט אויף איהרע פאפיראסען, נאר זי האט אויך גדארפט קאכען און באקען און פיהרען די ווירטהשאפט אין שטוב, און כאטש זי איז געוועזן שעהן געוואקסען, איז זי קיין ריעזין ניט געוועזן. און אין א שעהנעם זומער טאג איז זי צוזאמענגעבראכען און קראנק געווארען.

דער פעלדשער איז געקומען און האט פארשריבען א רעצעפט. דער

רעצעפט האט ניט נעהאלפען. דאן איז דער דאקטאר געקומען און פארשריבען א רעצעפט, און דעם דאקטאר'ס רעצעפט האט אויך ניט געהאלפען. רח'קע האט ניט געקענט פארדייען קיין שפייז. זי האט קיין זאך צו זיך ניט געקענט נעהמען. אפילו ניט קיין מילך. זי האט זיך באקלאגט איבער אונטערלייב שמערצען. זי האט זיך באקלאגט אז די קאפ שווינדעלט איהר. די שכנים האבען באלד דערפון ערפאהרען, און מיט דער שנעלינקייט פון א בליטץ האט זיך אין שטעדטעל פארברייטעט א קלאנג, אז רח'קע איז געפאלען.. זעהר מיעף געפאלען און געפינט זיך אין אנדערע אומשטענדען. דער פעלדשער איז ווידער געקומען און הערענדיג אין גאס, וואס מיט רח'קע'ן האט פאסירט. האט ער פארשריבען אן ענטשפרעכענדען רעצעפט. רח'קע האט ניט געוואוסט. וואס פאר א מין רעצעפט דאס איז, און האט איהם גענומען, אבער געהאלפען האט ער ווייניג. און ווען דער פעלדשער איז געקומען שבת אין שוהל, און מען האט איהם געפרעגט וועגען רח'קע'ן האט ער דערצעהלט וואס פאר א מין רעצעפט ער האט פארשריבען. דאן איז שוין פאר אלעמען געווען קלאהר, וואס מיט רח'קען האט געטראפען. אלע אין שטעדטעל האבען געזאגט: „זי האט זיך געשפיעלט מיט דעם טייוועל און זי איז אריינגעפאלען. א שעהנע ריינע כפרה".

די בחורים האבען אויפגעהערט צו קומען צו רח'קען אין שטוב. יעדער האט מורא געהאט, טאמער וועט מען אויף איהם טייטלען מיט די פינגער. דאן איז זי געווען קראנק און האט אויך קיינעם ניט געקענט זעהן. זי איז געלעגען אין בעט א טויט־קראנקע און האט נור געטראכט פון ווידער געזונד ווערען און ווידער קאנען פארזארגען טאטע מאמע מיט חיונה און זיי סתם קענען ארויסהעלפען אין זייערע אלטע טעג. אבער דער טאטע איז יעדען טאג געגאנגען אין שניידערשע קלויז דאווענען און עס האט ניט לאנג געדויערט ביז ער האט אויך געהערט, וואס די שטאדט דענקט פון זיין רח'קע'ן און פון וואס זי ליידעט, און פארוואס זי ליעגט אין בעט. צוערשט האט ער רח'קען פארטיידיגט. ער האט געזאגט, אז ער איז מוכן ומזומן צו שווערען אז זיין טאכטער, זיין בת יחידה איז א כשר'ע אידישע טאכטער און ריין פון זינד. רח'קע איז דאך אין ערגעץ ניט ארויסגעגאנגען און איז שטענדיג געווען אין דער היים, און היתכן?... אבער דער פעלדשער האט דאך אליין געזאגט... און דאן איז רח'קע אפגעלעגען א וואך, צוויי וואכען, א מאנאט, זעקס וואכען און האט אלץ קיין שפייז ניט געקענט נעהמען, און עס איז איהר אלץ געווען שווינדעליג. און עטליכע מאנאטען שפעטער, ווען זי האט שוין אנגעהויבען עסען און פארדייען, און האט שוין געקענט ארומגעהן אין הויז, האט מען דאך געזעהן בעשיימפערליך.. זי איז אין אנדערע אומשטענדען. דאס איז דאך א זאך, וואס מען קען ניט האלטען פארבארגען. אלע האבען איצט געוואוסט דעם ריינעם אמת. רח'קע האט געזינדיגט, רח'קע איז געפאלען. אלע האבען דערפון גערעדט און אלעמען האט עס גרויס הנאה געטאן. איצט זיינען שוין טאטע־מאמע אויך געווען פעסט איבערצייגט.. אבער ריידען מיט רח'קען צו שטרענג האבען זיי ניט געוואלט. זי איז נאך אלץ געווען קראנק און שליסליך איז זי דאך געווען די בת יחידה, די געראטענע, די פארזארגעדין. וואס האבען זיי געזאלט טאן? זי שלאגען? מאכען סקאנדאלען? זיי האבען געליטען און געשוויגען. רח'קע איז געווען צו שטאלץ עפעס צו זאגען, זיך צו פארטיידיגען, צו ווען בעווייזען או האט אויך געליטען. איצט איז זי געווען קראנק און געבראכען און אויך אהן ברויט. זי האט ניט געקענט פיעל אר־

ביטען. זי האט פארלארען איהרע קונים. קיינער איז צו איהר מעהר אין שטוב ניט געקומען. די קאוואליערען האבען געציטערט טאמער...

אין א שעהנעם נאכמיטאג, איז רח׳קע פארשוואונדען פון שטוב. טאטען־מאמע האבען געמיינט, אז זי איז ארויס כאפען א ביסעל לופט. אבער באלד איז אנגעלאפען יאשע דער וואסער־טרעגער און האט דעם טאטען דערצעהלט מיט טרעהרען אין די אויגען אז אט האט ער ארויסגעצויגען רח׳קע׳ן א טויטע פון ברונען. רח׳קע האט געמאכט א סוף צו איהרע צרות.

מען האט רח׳קע׳ן געפאלמעסט איידער מען האט איהר געבראכט צו קבורה. אין דעם רעפארט פון דאקטאר איז געווען געשריבען קלאהר שווארץ אויף וויים: "רחק׳קע האט געליטען פון אן אינערע׳ר שוועלונג פון אונטער־לייב, וואס איז געווען פאראורזאכט פון א געשוויר און דורך אן אפעראציע וואלט זי געזונד געווארען".

ביי דער לויה האבען אלע געוויינט און געקלאגט, יונג און אלט האט געטענה׳ט: „טייערע רח׳קע, כשר׳ע רח׳קע, אזוי יונג אוועק פון דער וועלט".

אויף רח׳קעס לויה האט מען אויך געזעהן דעם רב און דעם דיין. דאס איז געווען די גרעסטע לויה, וואס די שטעדטעל האט ווען עס איז געזעהן.

דער יונגער עילוי וויל וויסען.

ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען איינגעהילט אין טיעפע פינס־טערע נאַכט, ווי דער ארון אין א שוואַרצער טוך, ווען א שטערן אויפ'ן הימעל האָט געציטערט זיך צו באַווייזען און ווען דער ווינט האָט גערוהט אויף דער שוואַרצער נאַכט־דעק און אומעטום האָט געהערשט א שטילקייט, אז מען האָט געהערט ווי די פלעדערמייז פּיפּסען אונטער דעם דאַך פון דער אלטער שוהל, איז נאָך אברהמעלע דער עילוי געשטאַנען פאַר זיין גרויסען שטענדער אין בית המדרש מיט א חלב'נע ליכטעל און זיין קליינער דאַרער האַנד און האָט געלערנט אויף א הויכען קול. זיין קול איז געווען פול מיט זיסקייט און טיע־פען טרויער.

אברהמעלע איז געווען דער עילוי פון שטעדטעל, א גרויסער חריף און א נאָך גרעסערער מתמיד. ער איז געווען דער געראַטענער זוהן און בן יחיד פון שאלתיאל דעם שוחט. ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאָהר, איז ער שוין ארויס פון רשות פון זיין רבי'ן, רבי פייוועל דער גמרא מלמד, און האָט אָנגעהויבען לערנען פאַר זיך. שוין כמעט דריי יאָהר אז ער האָט געלערנט פאַר זיך און האָט אין די קנאַפּע דריי יאָהר זיך א סך אָנגעלערנט. ער איז געווען אַן עילוי. זיין אייניציגער חבר אין בית המדרש איז געווען דער קליינער פּרוש פון וועמען אלע האָבען געוואוסט, אז ער איז א גאון אין לערנען. ווען אברהמעלע האָט עפּעס געוואָלט פרעגען, האָט ער געפרעגט דעם פּרוש, ווען ער האָט געוואָלט א שטיף טאָן אין לערנען, אבשלאָגען א קשיה אדער באַווייזען אז דער מהר"ם שיף אדער דער מהרש"ל איז אונגערעכט, האָט ער זיך אריינ־געלאָזען מיט דעם פּרוש אין א געשפּרעך און איהם אזוי פאַרוויקעלט מיט קשיות און דאָן די קשיות אליין פאַרענטפערט אז דער פּרוש פלעגט נתפעל ווערען איבער אברהמעלע'ס אפענעם מח און זיינע געוואַלטיגע ידיעות. אבער דאָס האָט ער נור געטאָן ווען ער האָט שוין געוואָלט אביסעל מבלה זמן זיין. אברהמעלע איז געווען א קליינער און אויסגעדאַרטער. ער איז געווען פופצעהן יאָהר אלט, און האָט אויסגעזעהן ווי צוועלף. אבער צוויי ברענענדיגע פעכ־שוואַרצע אויגען האָבען ארויסגעשטאַרטשעט פון א קליינעם בלייך פּנים'ל און האָבען אנגעדייטעט, אז אין דעם קערפּערל פון דעם קינד לעבט א גרוי־סע נשמה.

זיינע עלטערן, ר' שאלתיאל דער שוחט און רבקה די וואַטען־מאַ־כערקע זיינען געווען זעהר שטאָלץ אויף זייער בן יחיד און אומעטום וואו זיי זיינען געקומען, האָט מען זיי אבגעגעבען כבוד און יעדע אידענע אין שטאָדט האָט זיך געוואונשען אזעלכע קינדער און אייניקלאַך, ווי אברהמעלע דער עילוי. צוליעב דעם זכות פון זיין געראַטענעם זוהן האָט רבי שאלתיאל געוואונען זיין קאַמף מיט די אנדערע דריי שוחטים אין שטעדטעל. זיי האָבען גע'טענה'ט, אז רבי שאלתיאל האָט נור קבלה אויף שחיטה, ווי פיעלע אנדער'ע.

אבער די שטאדט האט איהם קיין מאל ניט אויפגענומען פאר א שוחט, און דערפאר טאר ער גאר ניט קוילען. יאהרען לאנג איז אנגעגאנגען דער קאמף, און די אידען ארום די נעסלאך פון בית המדרש האבען זיך צוטיילט אין צוויי פארטייען, איינע פאר און די אנדערע נעגען שאלתיאל דעם שוחט, און נור ווען אברהמעלע איז אונטערגעוואקסען און זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן עילוי. האט דער קאמף אויפגעהערט. אין א ישועהנעם דאנערשטאג האט דער רב גע־שיקט רופען די דריי שוחטים און האט זיי אנגעזאגט, אז זיי זאלען אויפהערען ריידען און באריידען רבי שאלתיאל'ן, ווייל זיין זוהן וועט זיין א גאון בישראל. פון דעמאלט אן איז געווען רוהיג אין שטאדט און שאלתיאל איז געווען א שטאדט שוחט. פארשטעהט זיך, אז שאלתיאל דער שוחט אליין איז אויך געווען א למדן, אבער א למדן ווי אלע לומדים, ניט מעהר. זיין יונגער זוהן דאגעגען איז געווען א וואונדער פון נאט. זיין קלאהרער און שארפער שכל, זיין התמדה און זיין לוסט צום לערנען זיינען געווען וואונדערליך און מיט איהם האט די גאנצע שטעדטעל שטאלצירט. דער רב אליין האט זיך ניט געשעהמט אריינ־צולאזען מיט איהם אין א נעשפרעך אין לערנען. אברהמעלע איז געווען דער איינציגער לערנער אין בית המדרש, וועלכער האט שטענדיג פון אונטער־שמש נעקראגען אזוי פיעל ליכט ווי ער האט נור פארלאנגט, און די אנדערע ישיבה בחורים האבען אפט געמוזט אנקומען צו זיין לאסקע כדי צו קריגען נאך א שטיקעל ליכט. פרייטאג פארמיטאג, ווען אויסער דער אונטער־שמש, וועל־כער האט געפוצט די לייכטער, איז קיינער אין בית המדרש ניט געווען, האט מען אלץ געזעהן אברהמעלע'ן שטעהען פאר זיין שטענדער, מיט זיין קעפעל פארזונקען אין א גרויסע גמרא. פרייטאג פאר נאכט, ווען די אינגלאך פון ארום בית המדרש פלעגען קומען אין בית המדרש זיך שפיעלען אדער כאפען מייז, און זיי פארברענגען מיט גרויס פאראד, האבען זיי קיין מאל ניט געוואגט צו שטערען אברהמעלע'ן און זיי האבען איהם אויסגעמידען. פאר איהם הא־בען אפילו די ווילדע אינגלאך געהאט אפשיי. אברהמעלע איז געווען דער איינציגער, וועמען מען האט שטענדיג געזעהן אין בית המדרש, אין דער פריה ביי טאג, אין אווענט און אין דער שפעטער נאכט, און פיעלע האבען זיך גע־וואונדערט, ווי ער קען אויסקומען מיט אזוי ווייניג שלאף. שפעט, נאך האלבע נאכט פלעגט קומען רבי שאלתיאל אין בית המדרש נעהמען אברהמעלען אהיים. און אויב אברהמעלע איז געווען פארטראכט אין א געוויסען ענין איז ער אזוי שנעל ניט געגאנגען. די מאמע האט איהם געבראכט עסען אין בית המדרש. ער האט ניט געוואלט געהן אהיים עסען. ער איז נאר געווען אריינגעטאן אין לערנען. לערנען איז פאר איהם געווען א ליידענשאפט, א געוואלטיגע לוסט. ער איז געווען אזוי פארוואקסען מיט זיין גמרא, אז פון אנדערע זאכען ווי פון לערנען האט ער קיין מאל ניט גערעדט און די אנדערע קינדער פון זיין עלטער האבען מיט איהם ניט גערעדט, ווייל זיי האבען קיין זאך ניט געקענט זאגען. ער האט נור גערעדט מיט די עלטערע לומדים, און אויף זיין פנים'ל איז אויך געווען אויפגעגאסען אן עלטער, כאטש ער איז נאך געווען אזוי יונג אין יאה־רען. אברהמעלע איז קיין מאל קיין קינד ניט געווען. נאך אלס קליינער חדר אינגעל, איז ער שוין געווען געזעצט און שטענדיג פארטראכט, און אלס לערנער איז ער געווים געווען שטענדיג פארטראכט אין לערנען. ווען אנדערע קינדער האבען זיך געשפיעלט אדער געשטיפט, איז ער געזעסען און געלערנט און אויסער דעם בית המדרש האט ער די ליכטיגע וועלט ניט אנגעזעהן.

אזוי איז אנגעגאנגען א לענגערע צייט ביז עס האט זיך געטראפען אז

אומגליק אין שטעטיל. רבי נחום הער סופר, אן אלטער למדן, און זעהר א פרומער. איז דורך א סיבה דער׳הרג׳ט געווארן. זיינט דאן איז אברהמלע געווארן אן אנדער מענש. ער האט זיך די זאך אזוי שטארק גענומען צום הארצען, אז ער האט כמעט אויפגעהערט לערנען. ער איז נאך געשטאנען פאר זיין שטענדער אין בית המדרש און געקוקט אין די גמרא, אבער ער האט שוין מעהר נים געלערנט. אין בית המדרש האט מען געטראכט, אז אברהמעלע וועט די זאך באלד פארגעסען און וועט באלד ווידער אנהויבען לערנען. אבער קיינער האט אברהמעלע׳ן באמת נים געקענט. ער האט זיך נים בארוהיגט. ער האט די זאך נים פארגעסען און האט אין גאנצען אויפגעהערט לערנען. ער איז געקומען אין בית המדרש, אבער נים אזוי פריה, איז צוגעגאנגען צו זיין שטענדער, אבער ער האט די גמרא נים געעפענט. ער איז שטונדען לאנג געשטאנען פארטראכט, פארזונקען אין געדאנקען. אוים דרך ארץ פאר איהם האט איהם קיינער נים געשטערט, און קיינער האט איהם נים געפרעגט וועגען וואס ער טראכט. דאן האט ער אבער אויך אויפגעהערט צו שטעהן פאר זיין שטענדער. ער האט זיך געמאכט א מנהג ארומצוגעהן איבער דעם בית המדרש און געהן אזוי לאנג ביז ער איז מיעד געווארען און האט זיך אוועקגעזעצט. ער האט מים קיינעם אווארט נים גערעדט, און קיינער האט צו איהם נים גערעדט. ווען ער האט באמערקט, אז איינער וויל מים איהם ריידען, האט ער א מאך געטאן מים דער האנד, און דאן האט מען שוין נים געוואגט צו איהם צוצוגעהן. די מאמע האט איהם נאך אלץ געבראכט עסען אין בית המדרש, אבער ער האט נים פיעל געגעסען און אפט האט ער די מאכלים גאר נים אנגעריהרט. די מאמע האט דערפון געהאט א סך עגמת נפש, אבער זי האט גאר נים געקענט טאן. אויף אלע פראגען וואס זי האט איהם געשטעלט, אויב ער איז קראנק, אויב עפעס טהוט איהם וועה, האט ער גאר נים געענטפערט אדער ער האט געענטפערט מים א קאלטען און קורצען: ניין! אזוי זיינען אוועק טעג און וואכען אין שטעדטעל האט מען פיעל דערפון גערעדט, און יעדער האט געהאט זיין איינענע מיינונג איבער די אורזאכע, פאר וואס אברהמעלע האט אויפגעהערט לערנען. ווי עס האט זיך אבער שפעטער ארויסגעשטעלט, האט קיינער די אורזאכע נים געוואוסט.

אין א שעהנעם פריהמארגען, איז אברהמעלע אויפגעשטאנען און האט געבעטען דעם טאטען, אז ער זאל נים געהן אין באיניע, ווייל ער וויל מים איהם עפעס ריידען. רבי שאלתיאל׳ן איז די זאך נים ריכטיג פארגעקומען, און עס האט איהם ארומגעכאפט א שוידער, ווען ער האט די ווערטער דערהערט פון זיין געראטענעם אבער, ווי עס שיינט קראנקען זוהן. ער האט אבער זיין וואונש ערפילט און איז נים געגאנגען אין באיניע. טאטע און זוהן זיינען אוועק אין בית המדרש צום דאווענען, און נאך דעם דאווענען, ווען די אידען זעטצען זיך אוועק ביי די גמרות, האט אברהמעלע דעם טאטען געבעטען אז ער זאל מים איהם ארייגעהן אין עזרת נשים פון שוהל, ווייל דארטען איז נאך דעם דאורנען קיינער ניטא און דארטען קען מען ריידען אונטער פיער אויגען. אויך דיזען וואונש פון זיין זוהן האט רבי שאלתיאל ערפילט. וועןביידע זיינען נעזעסן אויף א באנק אין עזרת נשים פון שוהל, האט אברהמעלע אויסגעשטעלט א פאאר אויגען, האט דעם טאטען אנגעקוקט שארף אין פנים אריין און צו איהם געזאגט מים א קלאהרער שטימע :

„פון וואנען ווייסטו, אז עס איז דא א גאט, אז עס איז דא אזא זאך

ווי שכר ועונש, אז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי גיהנם און גן עדן? אפשר איז..." און דאָ האָט אברהמעלע אויפגעהערט און האָט זיך צעוויינט.

רבי שאלתיאל האט געפּיהלט ווי איינער וואלט איהם געגעבען א זעטץ מיט אן אייזען אין קאָפּ. פאר א פּאָאר סעקונדען איז ער אין גאנצען גע־ווען פארטומעלט. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און האט אברהמעלע'ן געענטפערט אין א פעסטען טאָן:

„אודאי איז דא א גאָט אויף דער וועלט, און גאָט איז גערעכט און באַשטראָפט דעם רשע, און באַלוינט דעם צדיק. דאָס איז ניט נאר וואס אן עהרליכער איד גלויבט, נאר דאס איז וואָס אן עהרליכער איד ווייסט. ווער עס פרעגט אויב... איז שוין א כופר און א רשע. וואס הייסט פרעגען צי עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט? ווער האט בעשאפען די וועלט מיט אלסדינג. וואָס געפינט זיך אין איהר? א מענש, דער שטן, די מלאכי חבלה? געוויס האָט זי גאָט בעשאפען און ער פיהרט זי מיט זיין חכמה, און נאך א מאל זאל־סטו אַזעלכע נאַרישע פראַגען ניט פרעגען".

אברהמעלע האָט קיין זאך אויף דיזע שטרענגע ווערטער ניט געענט־פערט. זיי זיינען נאךביידע א פּאאר מינוטען געזעסען אויף דער באנק, האבען זיך שטילערהייד אויפגעהויבען און אוועקגעגאנגען. רבי שאלתיאל האט גע־וואָלט אברהמעלע'ן מיטנעהמען אהיים, אבער ער האט דוקא געוואלט געהן אין בית המדרש. אנקומענדיג אין בית המדרש, איז ער צוגעגאנגען צו זיין שטענדער און האט זיך אוועקגעזעצט. דאס איז געווען דאס ערשטע מאהל. וואָס מען האט באמערקט אברהמעלע'ן זיטצען פאר זיין שטענדער. ער איז דארט אפּגעזעסען א גוטע פּאאר שעה און געטראכט. די מאמע האט איהם געבראכט עסען, אבער ער האָט זי כמעט ניט באמערקט און האט די מאכלים גאר ניט אנגעריהרט. אין די נעקסטע פּאָאר שעה, איז אברהמעלע געווארען כמעט א גאנץ אנדערער מענש. זיין בלייכער פּנים איז געווארען וויים ווי קאלך און דער פייער אין זיינע צוויי שווארצע אויגען איז אויסגעלאשען געווארען. ווען ער האט זיך ארום מנחה צייט אויפגעהויבען פון דער באנק, האט ער אויסגעזעהן ווי א מת. די אידען אין בית המדרש האבען זיך פאר איהם דער־שראָקען. אנשטאט צו געהן אהיים, איז ער געבליבען אין בית המדרש און אנ־געהויבען ארומצוגעהן ווי א פאר'חלומ'טער, ווי איינער וואָס איז פאר־בלאָנדזשעט. ער איז אזוי ארומגעגאנגען עטליכע שטונדען, ביז נאך מעריב. ווען די אידען זיינען זיך צוגאנגען, און ער האט באמערקט דעם רב זיטצען איינער אליין פאר זיין שטענדער אויף וועלכען עס איז געלעגען א גרויסער ספר, איז ער לאנגזאם און ווי דערשראקען צו איהם צוגעגאנגען. דער רב האט געוואוסט, אז פריהער אדער שפּעטער וועט ער צו איהם קומען און האט איהם דערפאר מיט קיין פראגען ניט באלעסטיגט. איצט ווען דער רב האט איהם געזעהן קומען, איז ער אויפגעשטאנען פון זיין זיטץ, און האט איהם מקבל פנים געווען מיט גרויס ליעבע. אברהמעלע'ס פּנים איז אבער געבליבען ווי פארשטיינערט, און ווען דער רבי האט איהם געגעבען שלום, האט ער געענט־פערט שלום קאלט און גייסטעס־אבוועזענד און האט זיך לאנגזאם אוועקגע־זעצט לעבען רב. דער רב, א זעהר קלוגער איד, האט ערווארטעט א משונה'דיי־גע פראגע און געווארט ביז אברהמעלע וועט נעהמען פרעגען. עס האט ניט לאנג געדויערט און אברהמעלע האט אנגעהויבען פרעגען. דער רב האט זיך צו־געהערט מיט גרויס רוהע און גרויס געדולד, און איהם ארומנעהמענדיג מיט

א פאטערליכער ליעבע און צוציהענדיג צו זיך, האָט ער איהם געזאָגט: "קינד, ביסט ניט דער ערשטער און דו וועסט ניט זיין דער לעצטער צו פרעגען אַזעל־כע פראגען. עהרליכע אידען טראגען גאָט אין הארצען און ווייסען, אז ער איז און לעבט און ווירקט.... און דיינע פראגען באווייזען נור אז עפּעס איז מיט דיינע רעיונות ניט ריכטיג.. אפשר א פסול אין דער נשמה.. ווער ווייסט. זיי זיך משתדל, כשר דיין נשמה, זיי מטהר דיינע רעיונות און זעטץ זיך לערנען. ווייל די צייט איז קורץ, און דער ים פון תורה איז ברייט און טיעף, און מען דארף א סך שווימען צו דערגרייכען א שטיקעל ברעג..."

אברהמעלע האט מיט קיין ווארט ניט געענטפערט, ער איז געזעסען שטיל, כמעט ווי באנומען און א פּאאר טרעהרען זיינען אראבגערונען פון זיינע בלייכע באקען. ער איז אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו זיין שטענדער, אויפ־געעפענט די גמרא און האט פארזוכט צו לערנען. דער אלטער רב האט איהם באגלייט מיט זיין בליק און האָט זיך געפרעהט. די פרייד פון רב איז אָבער געווען אומזיסט. אברהמעלע האט פארזוכט צו לערנען אבער די אותיות זיינען פאר איהם געשפרונגען איבער די פארגעלבטע בלעטער פון דער גמרא, און ער איז געשטאנען ווי פאר'חלומ'ט. ער האט זיך ווידער פארזונקען אין געפעהר־ליכע געדאנקען. אין שטעדטעל האט מען זיך באלד דערוואוסט, וואס איז פארגעקומען מיט אברהמעלען און אלעמען האט אויף איהם געוויינט די הארץ. דער טייערער אברהמעלע איז נעבאך געשטערט, אראפּ פון זינען פון צו פיעל לערנען, האבען אלע געזאגט, און די וועלכע האָבען עס ניט געזאגט, האבען עס געטראכט.

אברהמעלע האט שוין מעהר ניט געלערנט. ער איז נאך אלץ געקומען יעדען טאג אין בית המדרש, און מיט דער צייט איז דער שווייגענדיגער אברהמעלע געווארען זעהר רעדעווודיג. ער האט אלץ געגלויבט, אז ער וועט נאך איינעם געפינען, וועלכער וועט איהם קענען געבען א באַרוהיגענדען ענט־פער אויף זיינע פראגען, און מען האט איהם אפט געזעהן שטעהן אין א ווינקעל און ריידען מיט דעם איינעם אָדער מיט דעם אנדערען למדן פון בית המדרש טיעף פארזונקען אין א געשפרעך.. פרעגענדיג, ווידערהאלענדיג די פראַגען און ווארטענדיג אויף אן ענטפער. ער האט גערעדט מיט די גרויסע לומדים, מיט די אלטע פרומע אידען, מיט רבי בערעלע דעם שמש, וועלכער האט אויך געוואוסט א סך נסתר, און איז חוץ דעם געווען א גרויסער למדן און א קלוגער איד, ער האט גערעדט מיט זיין פריינד, דער קליינער פּרוש. מיט די בחורים, וועלכע זיינען א גאנצען טאג געזעסען און געלערנט, אָבער וואס מעהר ער האט געפרעגט, אלץ ווייניגער האט ער געוואוסט, און אלץ אומרוהיגער איז ער געווארען, און וואס אומרוהיגער ער איז געווארען. אלץ בלייכער און מאגערער איז ער געווארען. טאטע און מאמע האבען געוויינט איבער דעם אונגליק וואס איז געקומען אויף דעם געראטענעם זוהן, דאס שטעדטיל האָט מיט זיי מיטגעוויינט און זיי געזוכט צו טרייסטען, אָבער אברהמ'לע האָט ניט אויפגעהערט צו פרעגען און איז אויסגעגאנגען ווי א ליכט. ער האָט נישט געגעסען, נישט געשלאָפען. ער האָט ניט אנגעזעהן די פרייע ליכטיגע וועלט און איז גאנצע טעג געלעגען אין בית המדרש און איז ענטוועדער ארומגעגאנגען ווי א פאר'חלומ'טער, אדער ער האט אפּגע־שטעלט די פרומע אידען אין בית המדרש און זיי געפרעגט פראגען.

אין א שבת צו־נאכט באלד נאך סוכות זיינען זיך צוזאמענגעקומען

אידען צו רבי שאלתיאל'ן אין שטוב צו לערנען פוסקים. די אידען, אלע על־טערע מענשען, האבען זיך ארומגעזעצט ביי א גרויסען טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען גרויסע ספרים. יעדער האט אויפגעמישט זיין ספר און רבי שאלתיאל האט אנגעהויבען זאגען. אברהמלע איז געשטאנען אין א ווינ־קעלע און האט זיך צוגעהערט אבער אהן פיעל אינטערעס. אברהמעלע'ס מוטער האט אנגעהויבען סערווירען טהע. די אידען האבען גאר ניט באמערקט ווי מען גיט זיי טהע און האבען ווייטער געלערנט. פלוצלינג האט זיך געעפענט די טיהר און לייבקע דער העלפער איז ארייגעלאפען מיט א פארוויינטען פנים און האט אויסגעשריען: „אידען אן אונגליק איז געשעהן. מען האט איבערגע־פאהרען רבי אלי דעם שוחט". אלע אידען האבען זיך באלד אויפגעהויבען און זיינען ארויסגעלאפען פון שטוב. זיי זיינען נאכגעלאפען לייבקע דעם העלפער. אברהמעלע'ס מוטער האט אויך געכאפט א פאטשיילע און איז ארויסגעלאפען. אברהמעלע איז געבליבען אין שטוב איינער אליין. ער איז געווען דער איינ־ציגער, ווען די נאכריכט האט ווייניג וואס איבערראשט. 'רבי אלי'ן אי־בערגעפאהרען, רבי אלי, אזא למדן, אזא עהרליכער איד, אזא צדיק ? אוואו איז דא דער שכל, אוואו איז דער שכר ועונש, אוואו איז דער יושר, און וואס איז דאס פאר א גאט, וועלכער באשטראפט דוקא די צדיקים, וועלכע געהן אין זיינע וועגען ? און ווער ווייסט ? און אפשר... ? יא, איך קען וויסען, עס איז ניט שווער צו וויסען.. איז דא א גאט און ער איז א גוטער און גערעכטער גאט, וועט ער מיר מוחל זיין, און אויב ניט.. ערגער קען דאך שוין ניט זיין...." און מיט דיזע ווערטער אויף די ליפען האט ער זיך ארייגעכאפט אין קעמערל. וואו דער טאטע האט געהאלטען די גרויסע חלפים, ארויסגעחאפט א גרויסען חלף און זיך איבערגעשניטען דעם האלדז.

ווען דער טאטע איז צוריקגעקומען, און האט געפונען אברהמלע'ן טויט אין א טייך פון בלוט, האט ער זיך צעוויינט און פון זיינע ליפען האַ־בען זיך ארויסגעריסען די ווערטער: „איצט ווייסט ער"....

דער סטראזשניק אלס צדיק.

אין שטעדטיל זיינען געווען צוויי סטראזשניקעס. איינער האט געהייסען איוואן באסלאקאף, און איז געווען אן אמת'ער קאצאפ, און דער אנדערער האט געהייסען יתרו'ס נעמען, ווייל יעדער האט איהם גערופען, ווי ער האט געוואלט, און ער איז געווען א געשמד'טער איד. די אינגלאך אין שטעדטיל האבען איהם גערופען יושקא. מען האט איהם אויך גערופען די קופערנע נאז. ווייל ער האט געהאט א רויטע נאז. יושקא, אדער די קופערנע נאז איז שוין געווען א סטראזשניק אין יאהרען. ער האט געהאט געדיענט דעם קייזער פינף און צוואנציג יאהר, און פאר פיעלע יאהרען איז ער געווען א סטראזשניק אין שטעדטיל. מיט זיין חבר איוואן באסלאקאף האט ער ניט געלעבט זעהר גוט. איוואן באסלאקאף איז געווען יונג און האט געהאט א פלאד מיט קינדער. פון די ניין רובעל א חודש זשאלעוואניע און פון דאס ביסעל כאבאר וואס ער האט געקראגען נאך די גזרות פון טשיסטאטא, האט ער ניט געקענט לעבען. דערצו איז ער נאך געווען א גרויסער פיאניצע. יושקא דאגעגען איז געווען א בחור. ער האט ניט געהאט קיין זארגען און האט נאך דערצו געהאט גרעסערע הכנסות. ווי איוואן. יושקא איז געווען דער טשאלענט־טרעגער און יעדען שבת האט ער פארדיענט א רובעל פון זיין שבת גוי ארבייט. דערצו האט ער נאך אומעטום געקראגען א שטיק חלה און אפטמאהל מיט דער שטיק חלה אויך א שטיק געפילטע פיש און א שנאפס. ער האט געהאט פון שבת גענוג חלה פאר א גאנצע וואך צו עסען און שבת האט ער אויך געטרונקען פאר די גאנצע וואך. איוואן האט דיעזע הכנסות ניט געהאט און דערפאר האט עס צווישעןביידע סטראזשניקעס שטענדיג געהערשט א בייז לעבען.

איוואן האט געמוזט צאהלען דירה געלד אבער יושקא האט דאס אויך ניט געדארפט טאן. איינע פון זיינע אפיציעלע אויפגאבען איז געווען צו באוואכען די טורמע. די טורמע איז אבער שטענדיג געווען לעדיג, סיידען מען האט געכאפט א אידען אהן א פאספארט און איהם אריינגעזעצט אין טורמע. וואו ער האט געמוזט ווארטען אויף דעם נעקסטען עטאפ, וואס איז אפגעגאנגען פון שטעדטיל אלע דריי וואכען. אזוי ווי די טורמע איז געווען פוסט, איז יושקא געשלאפען אין טורמע. ער האט געהאט א גאנצע געביידע פאר זיך אליין. איוואן איז געווען א שונא פון יושקא און יושקא האט עס גאנץ גוט געוואוסט און האט איהם אויסגעמידען. ווען איוואן וואלט ניט מורא געהאט וואלט ער יושקא'ן דער'הרג'עט, דען יושקא איז געווען אן אלטער און ער איז געווען א יונגער און שטארקער מענש. די שטעדטיל האט אבער פראפיטירט פון דער שנאה צווישען די צוויי סטראזשניקעס. ווען עס איז ארויס די שרעקליכע גזרה פון טשיסטאטא, אז אלע אידען מוזען האלטען ריין די טרעטואר און אפקעהרען די געסלאך אדער די מיסט־קאסטענס הינטער זייערע הייזער.

און יושקא איז געוואָרען שטרענג און האָט פאַרלאַנגט אַז טשיסטאַטא זאָל הערשען אויב ניט וועט ער אַרעסטירען די בעלי בתים פון די הייזער, האָט מען איהם געלאָזט וויסען אַז אויב ער וועט ניט אויפהערען זיך צו קאָכען, וועט מען מאַכען איוואַן פאַר דעם שבת־גוי און איוואַן וועט שבת טראָגען דעם טשאָלענט פון דעם בעקער אין די הייזער פון די בעלי בתים און קריעגען די קופּערנע מטבעות נאָך שבת און חלה, פיש און אַ שנאַפּס שבת. דאָס האָט געווירקט און יושקא האָט צוגעמאַכט אַן אויג און איז מעהר ניט געווען אַזוי שטרענג. ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָט יושקא באַלד פאַרלאָרען זיין שטעלע צוליעב זיין גוטסקייט צו די אידען.

דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגעגעבען אַ גזרה אַז דער שטאָדט־באָק, וועלכער איז שטענדיג געלעגען אויף דעם שול־הויף, זאָל איינגעשפּאַרט ווערען אין אַ שטאַל, ווייל אָפט פלעגט דער שטאָדט־באָק אַרומלויפען אין די גאַסען און איבערשרעקען מענשען. אַלע אידען אין שטאָדט וועלכע האָבען געהאַט ציעגען, האָבען די נייע גזרה געהאַלטען פאַר שרעקליך. וואָס הייסט איינשפּאַרען דעם באָק אין אַ שטאַל?... און עס איז געווען אַ ויצעקו. מען איז אַוועק צום נאַטשאַלניק און זיך ביי איהם געבעטען צו מבטל זיין די גזרה אָבער ער איז געבליבען ביי דער גזרה און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען. אָבער ווער האָט דאָ געזאָלט בויען אַ שטאַל פאַר'ן שטאָדט־באָק און אַוואו האָט מען געזאָלט בויען אַ שטאַל? דער שטאָדט־באָק איז געווען הפקר. ער האָט אַלעמען געהערט און האָט צו קיינעם ניט געהערט, און איז געווען דער איינציגער באָק פאַר אַלע ציעגען אין שטעדטיל. אין שטעדטיל זיינען אָבער געווען פיעלע ציעגען. די גבירים האָבען געהאַט קיה און די אָרימע מענשען האָבען געהאַט ציעגען, און ציעגענמילך איז געווען אַזוי טייער ווי מילך פון אַ קוה. אויף איין מאָהל זאָל מען בויען אַ שטאַל פאַר'ן באָק? די גבירים האָבען ניט געהאַט קיין ציעגען און האָבען ניט געדאַרפט דעם באָק און די אָרימע לייט האָבען ניט געהאַט קיין געלד צו בויען אַ שטאַל און זיי האָבען ניט געוואָלט אַז דער באָק זאָל שטעהען אין שטאַל ... און האָבען ניט געוואָלט מקים זיין די גזרה. יושקא וויעדער איז ניט געווען זעהר שטרענג און האָט צוגעמאַכט אַן אויג. איוואַן האָט אָבער געוואוסט אַז יושקא האַנדעלט דאָ ניט לויט דעם זאַקאָן און האָט איהם גאַנץ פיין פאַר'מסר'ט פאַר דעם נאַטשאַלניק. עס האָט געהאַלטען דערביי אַז דער אַלטער סטראַזשניק זאָל פאַרליערען זיין שטעלע און נאָך ווערען אויף דער עלטער אַ לאַמטערן צינדער אין אַ שטעדטיל, וואו קיינער קען איהם ניט. יושקא האָט שוין געמוזט פאַלען דעם נאַטשאַלניק צו די פיס און זיך ביי איהם בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען אַז ער זאָל איהם ניט אָבזאָגען פון זיין שטעלע. פון דאַמאָלט אָן איז יושקא געוואָרען פיעל שטרענגער צו די אידען און פון דאַמאָלט אָן איז אויך זיין לעבען געוואָרען אַ ביטערער.

יושקא וויסענדיג אַז איוואַן איז זיינער אַ שונא, האָט געמוזט זיין שטרענג צו אַלעמען, כדי ער זאָל קענען ווייזען זיין פנים פאַר דעם נאַטשאַלניק. די אידען האָבען אָבער געטראַכט אַז יושקא איז געוואָרען אַ שונא ישראל און האָבען איהם אָנגעהויבען רודף'ן. דאָן האָט זיך אויך ערוועקט נעגען איהם אָן אַלטע, אונטערדריקטע און האַלב־פאַרגעסענע שנאה. יושקא איז געווען אַ משומד. פיעלע האָבען אפילו געוואוסט אַז ער האָט זיך ניט אַליין גע'שמד'ט

פון פרייען ווילען נאָר אַז מען האָט איהם נאָך געשמד'ט ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָהר. פון דעסטוועגען האָבען פיעלע געזאָגט: אַ משומד איז אַ משומד, און ליעבער אַ גוי איידער אַ משומד. ווען יושקאַ איז געוואָרען שטרענג אין דער טשיסטאַטאַ פּראַגע און ווען ער האָט אָנגעהויבען סטראַשען אַז אויב מען וועט ניט בויען אַ שטאַל פאַר דעם באָק וועט ער דעם באָק דערשיסען — דאָס איז געווען דער בעפעהל, וואָס ער האָט געהאַט פון נאַטשאַלניס — האָבען פיעלע אויפגעהערט זיך מיט איהם צו בעדיענען אַלס שבת־גוי. זיי האָבען בעסער גענומען דעם אַנדערען סטראַזשניק, אָדער זיין ווייב, פאַר דיעזע אַרבייט. ווען יושקאַ פלעגט אַריינקומען ווינטער אין די קאַלטע טעג אין אַ שטוב זיך אָנוואַרעמען, האָט מען איהם ניט געגעבען קיין גלאָז טהיי אָדער אַ הייסען טעלער געקעכטס. נאָר מען האָט איהם ענטוועדער געלאָזען שטעהען און מען האָט צו איהם גאָר ניט גערעדט אָדער מען האָט איהם משלח געווען. דאָס האָט יושקאַ'ן שטאַרק פאַרדראָסען אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען. עס האָט איהם נאָך מעהר פאַרדראָסען וואָס זיין חבר, דער צווייטער סטראַזשניק האָט זיך מיט איהם געררייצט...

אין שטעדטיל זיינען געווען צוויי שענקען. יושקאַ פלעגט שטענדיג אָבשטאַטען אַ בעזוך צו די שענקען און קריעגען אַ שנאַפּס אָהן געלד. צייט עס האָט זיך פאַרבּרייטעט אַ קלאַנג אַז ער איז געוואָרען אַ שונאי ישראל, ווייל דער משומד האָט זיך אין איהם דערוועקט, האָט מען איהם איןביידע שענקען קיין שנאַפּס ניט געגעבען און אַפילו פאַר געלד האָט מען איהם קיין שנאַפּס ניט געוואָלט פאַרקויפען און יושקאַ אָהן אַ שנאַפּס איז געווען אוים מענש.

אין שטעדטיל זיינען ניט געווען פיעל גוים און די פּאָאַר גוים האָבען איהם אויך ניט שטאַרק ליעב געהאַט. זיי האָבען געוואוסט אַז ער איז אַ זשיד און האָבען איהם אָפט גערופען זשיד. ווען ער איז פון זיי געקומען מאַהנען טשיסטאַטאַ, האָבען זיי איהם גערופען זשיד און האָבען זיך פון איהם אויסגעלאַכט, און ווען דער צווייטער סטראַזשניק האָט נאָך דערצעהלט די גוים אַז ער איז איצט דער גאַנצער מאַכער ביי די אידען, קומט צו זיי אין די הייזער, טראָגט זייערע טשאָלענטס שבת און קריעגט פון זיי חלה, פיש און שנאַפּס. האָבען זיי פון יושקאַ גאָר אָנגעהויבען מאַכען חוזק: „אַפילו דיינע אייגענע זשידעס ווילען פון דיר ניט מעהר וויסען“, האָבען זיי איהם געזאָגט און איהם געלאַכט אין פּנים אַריין.

יושקאַ'ס לאַגע איז געוואָרען אַ זעהר טרויעריגע. ער האָט ניט געהאַט קיין תקומה ניט ביי די אידען און ניט ביי די גוים. ער האָט ניט געהאַט קיין ווייב און קינד, ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, און אויך ניט קיין געזונטער מאַן. און כאָטש ער איז פאַר מעהר ווי צוואַנציג יאָהר געווען אַ סטראַזשניק אין שטעדטיל און האָט יעדען געקאָנט, האָט ער זיך פּלוצלינג געפונען פאַראיינזאַמט, ווי אַ שטיין. ער איז געווען אָהן פריינד און אַרומגערינגעלט פון פיעלע שונאים.

אין שטעדטעל איז געווען אַ טיפלע, דאָס הייסט אַ רוימישע קאַטוילישע קירכע אָבער ניט קיין רוסישע צערקווע. יושקאַ איז אָבער געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער. צו די קאַטאַליקען אין טיפלע האָט ער ניט געקענט געהן און אין אַ אידישען מקום קדוש האָט ער לויט דעם זאַקאָן ניט געטאָרט געהען. יושקאַ איז קיין מאָהל ניט געווען איבעריג פרום, און אין זיינע אינגערע יאָהרען האָט

ער זיך געמאכט א צימעס פון רעליגיאן, אבער איצט איז ער געווארן אלט. איז געווען פאראיינזאמט און האט אויף איין מאל געקראגען א באדערפעניש נאך אביסעל פרומקייט. צום ערשטען מאהל אין זיין לעבען האט ער געפיהלט א בעדערפעניש אריינצוגעהן אין א רעליגיעזען פלאץ און עפעס זאגען, זיך אויסרעדען די הארץ. אדער זיך אויסוויינען אדער סתם זיצען און טראכטען. אבער ער האט ניט געהאט וואו צו געהן. אין שטעדטיל זיינען געשטאנען עטליכע באטאליאנען סאלדאטען און ארום די קאזארמעס אויסען שטאדט איז עפעס יא געווען א סאלדאטסקי צערקווע. די סאלדאטסקי צערקווע איז ניט געווען לייכט צו דערגרייכען, ווייל די קאזארמעס האבען זיך געפונען גאנץ ווייט אויסען שטאדט, און אין ווינטער האט מען צו זיי גאר ניט געקענט צוקומען. דער וועג וואס האט געפיהרט צו די קאזארמעס איז ווייטער שטענדיג געווען פארלעגט מיט הויכע בערג שנעע און יושקא האט זיך ניט געפיהלט שטארק גענוג צו געהען אזוי ווייט, און דערפאר איז ער געווען אין א פארלעגנהייט. זונטאג אין דער פריה, ווען די פויערים פון די ארומיגע דערפער פלעגן אנקומען אין שטעדטיל און געהען אין טיפלע, איז פאר יושקא'ן געווען א פינסטערער מארגען. ער האט די פויערים מקנא געווען. זיי קענען געהען אין טיפלע און ער קען ניט. שבת אין דער פריה, ווען אלע אידען פלעגען געהען אין שוהל און אין שטעדטיל האט געהערשט די שטילקייט פון בית עולם, האט מען באמערקט יושקא'ן שטעהען איינער אליין פאר'ן טעלעגראף סלופ אויפ'ן מארק פארזונקען אין געדאנקען. ער פלעגט שטעהען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ און טראכטען: ער האט קיינעם ניט געגריסט און קיינער האט איהם ניט געגריסט. צווישען איהם און די שטעדטיל האט געהערשט א מלחמה צושטאנד. ער איז געווען דער משומד און דער אנטיסעמיט וועלכער האט ליעב געהאט צו פייניגען אידען, ווייל ער האט שטרענג געפאדערט טשיסטאטא, און פאר יושקא'ן זיינען די אידען געווען שלעכטע מענשען, וועלכע פארגעסען א טובה. יושקא האט פיעלע אידען אין שטעדטיל געטהאן טובות. אבער איצט האט מען דאס שוין פארגעסען. זיין הארץ איז געווען פול מיט כעס און ביטערקייט. ער איז ניט געווען אין כעס אויף דיעזען אדער אויף יענעם מענשען, נאר ער איז געווען אין כעס אויף די גאנצע וועלט און איז געגען אלעמען געווען זעהר פארביטערט.

יושקא האט געוואוינט אין טורמע, וואס איז כמעט א גאנץ יאהר געשטאנען לעדיג. די טורמע איז געווען א כאטע ווי אלע כאטעס אין שטעדטיל נאר זי האט געהאט אייזערנע גראטעס איבער די פענסטער און א הונט גרויס ווי א לייב, וועלכער איז שטענדיג געלעגען פאר דער טיר פון דער טורמע און האט אויף אלעמען אנגעהויבען בילען וועלכע האבען זיך דערנעהנטערט צו דער טיר, א חוץ אויף יושקא'ן. דער הונד איז געווען דעם אלטען סטראזשניק'ס איינציגער פריינד, און ווען יושקא פלעגט קומען שפעט אין אבענד א מיעדער אין טורמע, איז דער הונד געווען דער איינציגער איהם צו עמפפאנגען. ער איז געווען די איינציגע באשעפעניש מיט וועלכער ער האט געקענט ריידען און זיך אונטערהאלטען. ער איז אויך געווען גוט צו דעם הונד. ער האט מיט איהם געטיילט זיינע מאהלצייטען און ווען ער האט זיך געפיהלט גוט אויפ'ן הארצען, פלעגט ער אין הונד'ס שיסעלע אריינגיעסען אביסעל שנאפס. יושקא איז אלע מאהל געווען צוגעטאן צום הונד, אבער זייט ער איז אזוי פאראיינזאמט געווארען, איז דער הונד נאך ביי איהם געווארען טייערער. קומענדיג אין שפעטער

נאכט אהיים, אין טורמע, האט ער דעם הונד גענומען צו זיך אויף זיין געלעגער און האט מיט איהם גערעדט, אלסדינג וואס מען רעדט צו א גוטען פריינד. ער האט דעם הונד דערצעהלט פון זיינע צרות, פון זיין איינזאמקייט, פון די עינוים וואס ער האט פון דעם אנדערען סטראזשניק, פון דעם כעס וואס די אידען האבען אויף איהם און פון זיין פארלאזענקייט. דער גרויסער הונד האט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט אזוי ווי ער וואלט אלס־דינג פארשטאנען. דער הונד איז געווען יושקא'ס איינציגער טרייסטער און פריינד. ער איז געווען דער איינציגער וועלכער האט איהם פארשטאנען און מיט איהם געהאט מיטלייד. אין די קורצע ווינטער־טעג ווען די געסלאך פון שטעדטיל זיינען פוסט און ווען מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען אויפ'ן גאס האט מען דעם אלטען סטראזשניק געזעהען ארומגעהענדיג מיט אן אראב־געלאזענעם קאפ אין בעגלייטונג פון זיין גרויסען הונד, און די מענשען אין שטעדטיל וועלכע האבען דאס באמערקט האבען געזאגט אז איצט געהט יושקא ארום מיט זיין ריכטיגען חבר, א כלב דארף געהן מיט א כלב.

אין א גרויען קאלטען ווינטער־מארגען, ווען א העלפט פון דעם שטעדטעל איז נאך געלעגען אין די פעדערן, איז דער הונט ארויסגעלאפען פון טורמע. איז צוגעלאפען צו זעליג זאלינגערס הויז וואס האט זיך געפונען אנטקעגען דער טורמע און האט אנגעהויבען פורכטבאר בילען. די מענשען אין שטוב האבען נאך געשלאפען, אבער דער הונט האט זיי אויפגעוועקט און האט אזוי לאנג געבולען ביז דער אלטער רבי זעליג איז ארויס פון שטוב זעהען וואס דער הונט בילט. ווען דער הונט האט איהם דערזעהן האט ער אנגעהויבען נאך שטארקער צו בילען און צו וואויען. רבי זעליג, א פשוטער איד האט בשום אופן ניט פארשטאנען פאר וואס דער טורמע־הונט האט זיך אזוי צובולען. ער האט איהם געזוכט צו פארטרייבען פון הויז אבער עס האט זיך איהם ניט איינגעגע־בען. ווען רבי זעליג איז אריינגעלאפען אין הויז נעהמען א שטעקען צו געבען דעם הונט איבער'ן קאפ, האט זיך דער הונט מיט די פאדערשטע פיס אוועק־געשטעלט אויפ'ן פענסטער און האט אנגעהויבען אזוי שטארק וואויען און בילען אז אלע זיינען ארויסגעלאפען פון הויז האלב דערשראקענע. ווען רבי זעליג איז ארוים מיט'ן גרויסען שטעקען, האט איהם דער הונט א חאפ געטאן ביים ארבעל און איהם אנגעהויבען שלעפען צום טורמע. רבי זעליג האט דאן גענומען פארשטעהן אז עפעס וויל דער הונט און ער איז איהם נאכגעגאנגען. אריינקומענדיג אין טורמע האט ער געפונען דעם אלטען סטראזשניק זיך דרעהענדיג אין קרעמפען לעבען בעטעל, וואס איז געווען זיין געלעגער. דאן האט אויך דער הונט אויפגעהערט בילען. רבי זעליג איז געווען אן אלטער און שטילער איד, וועלכער האט קיין מאהל ניט מקרב געווען דעם אלטען סטראזשניק און איצט, ווען אלע האבען זיך פון איהם דערווייטערט און איהם גע'רודפ'ט, האט ער זיך אין די רדיפות ניט באטייליגט. ביי איהם פלעגט נאך יושקע אמאהל אריינגעהן און קריגען א גלעזעל טהיי אדער א טעלער ווארימע געקעכטס, ווען ער האט דערזעהן יושקא'ן זיך דרעהענדיג אין פיין און קרעמפען האט ער באלד גערופען דעם פעלדשער, און מען האט יושקא'ן אפגעפיהרט אין א מיליטערישען שפיטאל, וואו ער איז אפגעלעגען עטליכע וואכען.

ווען יושקא איז צוריקגעקומען פון מיליטערישען שפיטאל, וואס האט זיך געפונען אויסערן שטאדט, לעבען די קאזארמעס, איז ער געווען א גאנץ אנדערער מענש. ער איז נאך אלץ געווען סטראזשניק און האט נאך אלץ געהאט

איין אינטימען פריינד, דעם טורמע־הונט, אָבער ער איז געוואָרען קאַרג אין ווערטער און האָט אַפילו צו זיין הונט ניט פיעל גערעדט, האָט זיך ניט אויפ־געהאַלטען אויף'ן גאַס לענגער ווי ער האָט געדאַרפט, האָט זיך אויפגעהערט ראַזירען זיין באָרד און האָט גענומען אויסמיידען אַפילו די פּאָאַר מענשען אין שטעדטיל וועלכע האָבען אויף איהם קיין כעס ניט געהאַט. ער איז אַרומגעגאַנ־גען דורך די גאַסען פון שטעדטיל ווי אַ טויטער, מיט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען און מיט אַ טרויעריג פּנים. ער איז שוין מעהר ניט אַרומגעגאַנגען אין בעגלייטונג פון זיין הונט. עטליכע מאָנאַט האָט ער זיך אַזוי אַרומגעטריבען דורך די גאַסען פון שטעדטיל, אַ געבראָכענער, אַלטע, קראַנקער און פאַראייגזאַמטער מענש. וועלכער האָט עפּעס געזוכט און ניט געוואוסט וואָס. אין אַ פריהמאָרגען פאַר פּסח האָט דער צווייטער סטראַזשניק פאַרברייטעט די גליקליכע בשורה אַז יושקא איז אַנטלאָפען פון שטעדטיל, אפשר ווייל ער האָט זיך באַ'גנב'עט.

אָבער יושקא איז ניט אַוועקגעלאָפען פון שטעדטעל. ער האָט ניט געהאַט וואו צו לויפען. ער איז אַנטלאָפען געוואָרען פון טורמע, פון דער סטראַזשניקעריי. פון דעם האס פון די מענשען, פון דער איינזאַמקייט, און איז געלאָפען אין רבינ'ס קלייזעל, וואס האט זיך געפונען אויף דער דייטשער גע־סעל.

אין רבינ'ס קלייזעל זיינען קיין ישיבה בחורים ניט געוועזן. אַ גאַנ־צען טאָג איז די קלייזעל געוועזן פּוסט. דאָרטען איז יושקא אין אַ שעהנעם נאָכמיטאָג געקומען, אנגעטאָן אין ציוויל־קליידער, מעהר שמאַטעס ווי קליי־דער — און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים לאַנגען טיש לעבען קאַכליערא־אייווען. דער ערשטער איד, וועלכער איז אַריינגעקומען אין קלייזעל אין יענעם טאָג. קלמן דער שמיעד, איז געוועזן אַן אַלטער בעקאַנטער פון יושקא, אָבער אין די ציוויל־קליידער און מיט דער פאַרלאָזענער באָרד האט ער יושקא'ן ניט דער־קענט. יושקא האָט איהם אָבער דערקענט, און ווי באַלד ער האט איהם באַ־מערקט, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען און איהם געזאָגט מיט אַ וויינענדיגער שטימע :

"איך יושקא דער סטראַזשניק ניט אַ גוי, איך יושקא אַ איד, וויל זיין אַ איד, מיין טאַטע געוועזן איד; זאָגט מיר צו, איהר מיר ניט מסר'ן ביי פּראַ־וויטעלסטווא. זאָגט מיר צו איהר מיר ניט מסר'ן... וויל ניט זיין אַ גוי, וויל זיין אַ איד ווי מיין טאַטע איז געוועזן". און האט זיך צואַוויינט. קלמן דער שמיעד האָט איהם אנגעקוקט מיט זיינע פּאָאַר גרויסע אויגען און האָט זיך אויך צו־וויינט. ווען ער האָט זיך באַרוהיגט, האָט ער אנגעהויבען יושקא'ן אויספרעגען. ווי ער קומט צו טאָן אַזאַ זאַך. יעדער איד האָט געוואוסט אַז פאַר אַזאַ זאַך קומט אין רוסלאַנד קאַטאָרזשנע ראַבאָטאַ, אָבער יושקא האָט געזאָגט אַז ער קען ניט אַנדערש ווי זיין וואָס זיין טאַטע איז געוועזן—אַ איד, און זיין העכסטער וואונש איז, קומען צו קבר ישראל. קלמן האָט נאָך יושקא'ן צוגעזאָגט, אַז ער וועט אנזאָגען די אידען פון קלייזעל ניט צו ריידען וועגען דעם ענין און אַז די אידען וועלען איהם פון קלייזעל ניט ארויסטרייבען. אין אַ פּאָאַר טעג שפּעטער איז דער משומד פון נעכטען געוואָרען אַ צדיק. די אידען פון קליי־זעל האָבען יושקא'ן ניט נאָר ניט ארויסגעטריבען, נאָר זיי האָבען איהם נאָך מקרב געוועזן. די פרומע ווייבער האָבען איהם אנגעהויבען טראָגען עסען אין קלייזעל, אַנדערע האָבען איהם געבראַכט בגדים, אַ קישעלע אויף וואָס צו שלאָ־

פען און יושקא איז אהן פיעלע צערעמאניעס געווארען א איד. עס האט זיך אפילו געפונען א איד אין קלייזעל, וועלכער האט זיך אונטערגענומען יושקא'ן אויסלערנען עברי און האט איהם אויסגעלערנט, און ווען יושקא האט געקענט זאגען עברי, האט ער אנגעהויבען זאגען תהלים און איז א גאנצען טאג געזעסען אין רבינ'ס קלייזעל, וואו קיין לעבעדיגער נפש קומט א גאנצען טאג ניט אריין, געזאגט תהלים און געוויינט. פון יושקא'ן איז באלד געווארען יוסף. און פון יוסף רבי יוסף און א לאנגע צייט האט מען געוואוסט, אז רבי יוסף זיצט אין רבינ'ס קלייזעל און זאגט תהלים. אז ער איז געווען אן אמת'ער בעל תשובה, איז פאר אלעמען קלאהר געווען, און אלע האבען מיט איהם געהאט מיטלייד און סימפאטהיע, ווייל פאר אלעמען איז געווען קלאהר די נעפאהרען. פאר וועלכע ער שטעהט, ווען מען וועט איהם כאפען...

פראוויטעלסטווא אין שטעדטעל האט געזוכט יושקא'ן, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז מיט איהם האט עפעס פאסירט, אבער זיי האבען איהם ניט געפונען. זיי האבען זיך ניט געקענט פארשטעלען, וואו ער איז פאר־שוואונדען. אפילו דער טורמע־הונט האט ניט געוואוסט, אוואו זיין מייסטער איז פארשוואונדען. יושקא איז ארוים פון טורמע, ווען דער הונט איז געשלא־פען, און דער הונט האט ניט באמערקט זיין מייסטער אוועקגעהן. אבער יעדער איד און אידענע אין שטעדטעל האט געוואוסט, וואו יושקא איז. יושקא איז יוסף דער צדיק, דער בעל תשובה, וועלכע זיצט אין רבינ'ס קלייזעל און זאגט תהלים און וויינט.

מעהר ווי צוויי יאהר איז יושקא אפגעזעסען אין רבינ'ס קלייזעל און געזאגט תהלים, אין די צוויי יאהר האט דער אלטער מאן דאס ליכט פון דער וועלט ניט געזעהן. נור ווען די נאכט איז געווען פינסטער און מען האט א לעבעדיגען מענשען אויפ'ן גאס ניט געזעהן, האט זיך יושקא ארויסגעכאפט פאר א פאאר מינוטען אין גאס, אדער ריכטיגער אויף דעם הויף פון קלייזעל. כאפען א ביסעל פרישע לופט. דאס שטעדטעל האט געהאלטען דעם סוד, און ער וואלט אייביג געבליבען אונגעלעזט, ווען ניט א צופאל, וואס האט גע־פיהרט דערצו, אז דער סוד זאל ווערען אויס סוד און יושקא זאל אפקומען חיבוט הקבר אויף דער וועלט.

אנטקעגען דעם רבינ'ס קלייזעל איז געשטאנען דוד נחימזאהן'ס „בארשטענפאבריק". אין דער „פאבריק" האבען געארבייט פערציג מענשען. זיי האבען געארבייט פון פריה ביז שפעט ביי נאכט און זיי האבען אלע אויס־געזעהן ווי שווינדזיכטיגע. צווישען די ארבייטער זיינען געווען א פאאר אינגע־רע מענשען, וועלכע זיינען מיט א פאאר חדשים צוריק געקומען אין שטעדטעל פון טיעף רוסלאנד, דאס הייסט פון ארום בערדיטשעוו. זיי האבען זיך גערופען אחדות'ניקעס און זיי האבען איינגערעדט די אנדערע ארבייטער צו פארלאנ־גען מעהר שכירות און וויינינגער ארבייטס־שטונדען. די ארבייטער האבען זיך נעלאזט איינריידען דאס צו טאן, און אין א שעהנעם פריהמארגען זיינען זיי אריין צו דוד נחימזאהן אין קאנטאר און האבען איהם געזאגט, אז זיי ווילען א רובעל א וואך מעהר און זיי ווילען מעהר ניט ארבייטען ווי צוועלף שעה א טאג. רבי נחום, וועלכער איז געווען א תקיף א איד, האט זיי גוט אנגעזידעלט און ארויסגעטריבען פון שטוב. אבער זיי זיינען אוועק אהיים און ניט צו דער ארבייט. דאס איז געווען דער ערשטער סטרייק אין שטעדטעל. דער סטרייק

האָט אָנגעהאַלטען עטליכע טעג און האָט זיך דערמיט געענדיגט, וואָס מען האָט עטליכע אַרבּייטער, וועלכע האָבּען קיין פּאַספּאָרטען ניט געהאַט, אָדער וועלכע זיינען געוועזען „נעלמים", אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט מיט דעם עטאַפּ. רבּי נחום האָט דאָס מאָהל אויסגעפיהרט, אַבּער די אַרבּייטער האָבּען ניט אויפגעהערט שרייען אַז ער באַרייסט און בעראַבּעוועט זיי. נאָך דער אַרבּייט פּלעגען זיי זיך אָפּט צוזאַמענקומען אין רבּינ'ס קלייזעל און אַרומריידען זייער־רע געשעפטען. זיי האָבּען אַלע געוואוסט, ווער יושקא איז, אַבּער זיי האָבּען איהם ניט געטשעפּעט. רבּי נחום האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז זיינע אַרבּיי־טער האַלטען אָפּ אסיפות אין רבּינ'ס קלייזעל און ער איז אוועק צום פּאָל־קאָווניק פון די זשאַנדאַרען און איהם דערצעהלט, אַז די אַנאַרכיסטען האַלטען אָפּ געהיימע אסיפות, און אַז ער ווייסט, אוואו זיי פאַרזאַמלען זיך. א טאָג שפּעטער זיינען עטליכע זשאַנדאַרען אַריינגעקומען אין רבּינ'ס קלייזעל, ווייל צו יענער צייט פּלעגען זיך דאָרטען די אַרבּייטער פון דוד נחומזאָהן'ס באַר־שטענפאַבּריק פאַרזאַמלען.. ווען די אַרבּייטער האָבּען דערזעהן די זשאַנדאַרען. זיינען זיי אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענסטער און זיינען זיך צולאָפען. די פּאָאַר זשאַנדאַרען האָבּען ניט געקענט נאָכיאָגען פופצעהן אָדער צוואַנציג יונ־גע אַרבּייטער. זיי האָבּען ניט געוואוסט, וועמען פריהער נאָכצולויפען און זיי זיינען דערפאַר געבּליבּען אין א פאַרלעגענהייט. זיי האָבּען זיך אַרומגעקוקט אין קלייזעל און האָבּען באַמערקט יושקא דעם סטראַזשניק, וועמען זיי האָבּען ניט אין גאַנצען דערקענט. ער איז געווען אַנגעטאָן אין א טלית און געזאָגט תהלים. זיי זיינען צו איהם צוגעגאַנגען, איהם פרעגען אויב ער ווייסט אוואו די אַרבּייטער זיינען אַנטלאָפען און ווען זיי פאַרזאַמלען זיך דאָ. יושקא האָט אַנשטאַט זיך צו מאַכען ניט פאַרשטעהענדיג, זיי געענטפערט אין זיין עכט גראָבען רוסיש, אַז ער ווייסט זעהר ווייניג פון די אַרבּייטער און אַז זיי קו־מען צו פאַרשידענע צייטען. איינער פון די זשאַנדאַרען האָט דערקענט יושקא'ן. אָבער ער האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער וואָלט איהם ניט דערקענט. אַנשטאַט צו פרעגען וועגען די אַרבּייטער, האָט ער יושקא'ן געפרעגט:

„און ווער ביסטו?"

יושקא איז פאַר א מינוט געבּליבּען א פאַרטומעלטער, אַבּער דער אַלטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט מיט דער איינגעפּלייסטער דיסציפּלין, האָט באַלד אין א קלאָהרען רוסיש געענטפערט:

„יאָזעף גערשאָנאָוויטש וואַסילאָווסקי, געוועזענער ערשטער באַרא־באַנשטשיק פון דעם דריטען באַטאַליאָן פון דעם אכטען פּאָלק אינפאַנטעריע. און געדיענט יעווא אימפּעראַטערסקאיע וועליטשעסטוואַ פינף און צוואַנציג יאָהר טריי און עהרליך".

„און וואָס טהוסטו דאָ?" האָט איהם איינער פון די זשאַנדאַרען ווייטער געפרעגט.

אויף דיזע פראַגע האָט יושקא ניט געקענט ענטפערען.

"א פּאַספּאָרט האָסטו?" האָט איהם דער זשאַנדאַר ווידער געפרעגט.

יושקא האָט אַריינגעשטעקט זיין רעכטע האַנד אין א בוזימקעשענע. און האָט אַרויסגעשלעפּט א בּינטעל מיט דאָקומענטען, דאַרונטער אויך א פּאַס־פּאָרט, און האָט די דאָקומענטען דערלאַנגט דעם זשאַנדאַר.

דער זשאַנדאַר האָט א כאַפּ געטאָן דעם בינטעל דאָקומענטען, האָט

געזוכט, געקוקט, די איינציגע דאקומענטען פארנאנדערגעלעגט אויף דעם טיש ביז זיין אויג איז געפאלען אויף א פארגעלטען דאקומענט. דאס איז געווען יושקא'ס אן אלטער פאספארט. דער זשאנדאר האט דעם פאספארט איבערגע־לייענט און דאן מיט כעס געפרעגט:

„דו ביסט א פראוואסלאווגער?"

"איך בין.. א.. פראוואסלאווגער.. אבער ניט פון געבורט. פון גע־בורט בין איך א איד.

„איך פרעג דיר ניט וואס דו ביסט פון געבורט," האט דער זשאנדאר געענטפערט מיט נאך מעהר כעס: „וואס איך וויל וויסען איז, אויב דו ווייסט אז דו ביסט א פראוואסלאווגער?"

„איך ווייס", האט יושקא געענטפערט.

„אויב דו ווייסט אז דו ביסט א פראוואסלאווגער, צו וואס טהוסטו דא ביי די זשידעס?" און זיך ווענדענדיג צו דעם זשאנדאר, האט ער געזאגט: „און מיר האבען געמיינט אז יושקא דער גארדאוואי איז געשטארבען. ער איז גאר געווארען א זשיד. אזא סוקין סין".

דער זשאנדאר האט פון יושקא'ן ארונטערגעריסען דעם טלית און האט איהם געהייסען מיט איהם מיטגעהן. יושקא האט ניט פראטעסטירט און איז מיטגעגאנגען. צוויי שטונדען שפעטער איז ער שוין געזעסען אין טורמע. וואו ער האט מעהר ווי צוואנציג יאהר געוואוינט אלס סטראזשניק. זיין אויפזעהער איז געווען איוואן באסלאקאף, דער אנדערער סטראזשניק, וועל־כער האט איצט פארנומען דעם פלאטץ וואס יושקא האט פריהער געהאט.

ווען מען האט זיך אין שטעדטעל דערוואוסט, אז מען האט יושקא'ן ארעסטירט און אוועקגעשלעפט אין טורמע, איז אויף אלעמען געפאלען א שרעקליכער טרויער. אלע האבען פארשטאנען, אז דאס שמעקט מיט קאטארזש־נע ראבאטא. די בעלי בתים פון שטעדטעל זיינען אוועק צום נאטשאלניק או־יעזדא זיך פאר יושקא'ן משתדל צו זיין. זיי זיינען געווען בארייט זיך צו לאָ־זען קאסטען ניט נאר פינף הונדערט נאר פינף טויזענד רובעל. אבער זיי האבען ביים נאטשאלניק אויעזדא גאר ניט אויסגעפיהרט. ער האט זיי געזאגט, אז די זאך ליעגט גאר ניט אין זיינע הענד, און אז ער קען גאר ניט טאן.

יושקא איז געזעסען אין טורמע און האט אפגעווארט זיין פראצעס. זיין געוועזענער חבר, איוואן האט איצט געהאט א געלעגענהייט זיך מיט איהם אפצורעכענען. ער האט איהם גערופען "זשיד פארכאטי", ער האט איהם זיין ברויט מיט וואסער ניט געגעבען איז צייט, ער האט איהם ניט געגעבען קיין שטרוי אויף וואס צו שלאפען, און איין מאל האט ער זיך געכאפט צו איהם שלאגען. אבער דער טורמע־הונט איז נאך אלץ געווען טריי זיין אלטען מייס־טער, און ווען ער האט געזעהן, אז איוואן הויבט אן שלאגען דעם אלטען סטראזשניק, איז ער אויף איוואנען אנגעפאלען און האט איהם אזוי טיעף גע־ביסען אין פוס, אז ער האט אויסגעשריען פאר גרויס וועהטאג. דאן איז דער הונט ארויסגעלאפען אויפ'ן גאס און האט אנגעהויבען בילען און וואויען אזוי שוידערהאפט, אז די שכנים זיינען זיך צוזאמענגעלאפען פאר דער טורמע, ווייל זיי האבען שוין געוואוסט, אז דער טורמע־הונט בילט קיינמאל ניט אומזיסט. פון דעמאלט אן האט איוואן קיין מאל מעהר ניט פארזוכט יושקא'ן צו שלא־גען, אבער ער האט איהם אנגעטאן אלע צרות אחן איהם צו שלאגען.

אזוי לאנג ווי יושקא איז געזעסען אין טורמע, האבען איהם די פרומע ווייבער געטראגען עסען, און עס האט איהם קיין זאך ניט געדארפט פעהלען. אָבער נור א צעהנטעל, וואס מען האט איהם געבראכט, איז צו איהם אנגעקומען, ווייל איוואן האט פון איהם אלסדינג אוועקגענומען. דעם אלטען מאן האָט ער אפילו גענוג ברויט ניט געגעבען.

יושקא איז אָפּגעזעסען אין טורמע ניין חדשים. די אידען אין שטעדטעל האָבען געהאפט, אז ער וועט דארטען נאך לאנג זיטצען. אין דער שטעדטעלשער טורמע האט מען נאך פאר איהם עפעס געקענט טאן. אנדערע האבען זיך ארומגעטראָגען מיט דער שטילער האפנונג, אז עס וועט גאָר צו קיין פראצעס ניט קומען, ווייל נאָך אלעמען איז יושקא געווען א זעהר אלטער מאן נאך זיין אויסזעהן, און אן אלטער אין יאהרען. ער האט ניט געקענט זיין ווייניגער ווי זיבעציג יאהר.

אָבער ווען מען האָט אין שטעדטעל ערפאהרען, אז הער אקרוזשנאָי סוד איז געקומען פון אן אנדער שטאדט צו משפט'ן יושקא'ן, האט זיך אויסגעגאָסען אן אונבאשרייבליכער טרויער אויף יעדענס פנים. אלע האבען זיך פאר דעם אויגענבליק געשראקען און דער אויגענבליק איז געקומען. אלע האבען אויך געוואוסט, מיט וואס דער פראצעס וועט זיך ענדיגען. אין בעסטען פאל וועט מען יושקא'ן ערקלעהרען פאר משוגע און איהם אוועקשיקען אין א גוי־אישקען דולהויז. ערקלעהרט מען איהם ניט פאר משוגע, דאן וועט ער דעם אָווענד פון זיין לעבען מוזען אָפּפינסטערען אין א טורמע אין סיביר.

אין א קאלטען אָקטאָבער מאָרגען איז געקומען צו דער טורמע א קאָנוואָי פון פיער סאָלדאטען מיט די ביקסען אויף די פלייצעס צו בריינגען יושקא'ן אין סוד. פאר דער טורמע האט זיך באלד פארזאמעלט א סך מענשען און זיי האבען געזעהן ווי מען פיהרט יושקא'ן אוועק א געקייטעטען אין סוד. דער אלטער מאן איז געגאנגען צווישען די פיער סאָלדאטען ווי... א סאָלדאט. זיין האלטונג איז געווען א גראַדע און זיין גאנג א פעסטער. דעם קאנוואָי זיינען נאכגעגאנגען הונדערטע מענשען און פיעלע ווייבער האבען אין גאס געחלש'ט.

דער פראָצעס האט ניט לאנג געדויערט. עס איז נאר געווען א פאָרמאליטעט. יושקא איז שוין געווען א פאראורטיילטער נאך איידער דער פראָצעס האט זיך אָנגעהויבען. דער פראקוראָר האט פארלאנגט פאר אזא פארברעכען, וואס איז א חרפה פאר דער פראוואסלאוונע קירכע, די העכסטע שטראָף, צוואנציג יאהר טורמע און צוואנציג שמיטץ, און דעם פארלוסט פון אלע פערזענליכע רעכטע. דער סודיאָ האָט זיך ניט געלאָזט לאנג בעטען און האָט נאָכגעגעבען דעם פארלאנג פון פראקוראָר.

אין צוויי שעה שפעטער איז יושקא געבראַכט געוואָרען מיט דעם זעלבען קאָנוואָי אין טורמע, וואו ער האָט דאָרט געדארפט פארבלייבען ביז צום נעקסטען עטאפּ, ארום דריי וואכען. דער פארלוסט פון אלע פערזענליכע רעכטע איז פאר יושקא'ן געווען א גרעסערער קלאָפּ ווי די צוואנציג יאהר טורמע. איצט האט איוואן געהאט א ריכטיגע געלעגענהייט זיך אפּצורעכענען מיט זיין שונא. וויסענדיג, אז יושקא איז אין גאנצען מאכטלאז, פויגעל־פריי, האט ער איהם אנגעהויבען פורכטבאר צו פייניגען, און ווען ניט דער טורמע־הונט וואלט ער איהם דער'הרג'עט. ווען עס איז איוואנען געלונגען דעם הונט

ארויסצופיהרען אויפ'ן גאס אז ער זאל ניט הערען דאס קרעכצעז פון זיין גע־וועזענעם מייסטער, האט ער דעם אלטען יושקא'ן מערדערליך געשלאגען. אבער יושקא האט ניט געוויינט און ניט געשריען, נאר ער פלעגט פון צייט צו צייט קרעכטצען. דאס איז געווען זיין איינציגער ענטפער אויף די מערדערליכע קלעפ, וואס איוואן האט איהם געגעבען.

איוואן האט אויך קיינעם ניט צוגעלאזען צו יושקא'ן, און אפילו דעם הונט האט ער צו איהם ניט צוגעלאזען. לאנג האט עס דער אלטער סטראזשניק ניט אויסגעהאלטען. נאך איידער דער נעקסטער עטאפ איז אפגעגאנגען, איז ער געשטארבען אין דער טורמע פון שטעדטעל. ער איז געשטארבען פון א לונ־גען־ענטצינדונג, אבער אין דער ווירקליכקייט איז ער געשטארבען פון די מער־דערליכע קלעפ, וואס איוואן האט איהם ביי יעדער געלעגענהייט געגעבען. די בעלי בתים האבען זיך נאך זיין טויט משתדל געווען, אז מען זאל זיי אויס־ליפערען זיין טויטען קערפער. זייער ביטע איז ניט ערפילט געווארען. אלס פראוואסלאוונער האט ער געמוזט באגראבען ווערען אויף א פראוואסלאוונעם מאגילניק.

אין א רעגענדיגען, נאוועמבער־מארגען האט מען געזעהן אין שטעד־טעל יושקא'ס „לויה". זיין טויטער קערפער איז געלעגען אין א טרונע אויף א וואגען, געצויגען פון אן אלטער שקאפע. דער סטראזשניק איוואן באסלאקאף, א לאנגער בלאנדער קאצאפ האט געטריבען דעם וואגען און האט מערדערליך געשלאגען דעם פערד, הינטער דעם וואגען איז נאכגעגאנגען מיט אן אראפ־געלאזענעם קאפ דער גרויסער טורמע־הונט. די „לויה" האט זיך געצויגען ווייט אויסען שטאדט אויף דעם פראוואסלאוונעם מאגילניק. יושקא דער סטראזש־ניק איז ניט געקומען צו קבר ישראל.

דער רב און די צוויי צדדים.

ווי אין אַלע שטעדט און שטעדטלאך האט אויך אין מיין שטעדטעל דער רב געהאט צוויי צדדים, איין צד פאר איהם און איין צד געגען איהם. און ביידע צדדים האבען ניט געלעבט בשלום, ווייל זיי האבען זיך ניט גע־קענט אייניגען איבער די פראגע צי איז דער רב א ציצילויסט אדער א גרויסער עהרליכער איד, א שונא בצע און א ירא שמים. איין צד האט גע'טענה'ט, אז דער רב איז הרב הגאון הגדול, סוער הרים ועוקר הרים, און האט אפילו פאר די דאזאָרנעם קיין מורא ניט, און דער אנדער צד האט גע'טענה'ט אז דער רב איז א פארשטעלטער ציצילויסט און א מורד במלכות, און די וואָס האבען אזוי גע'טענה'ט זיינען געווען גרייט דעם רב צו פארשטיינען. אזוי ווי דער צד שכנגד האט פיינט געהאט דעם רב, אזוי האט זיין צד אלעס געטאן צו מאכען זיין לעבען אנגענעהם. זיי האבען איהם ארויסגעוויזען זייער ליעבשאפט און טריישאפט און האבען אויף איהם געשווארען.

אויפ'ן שוהל־הויף זיינען געשטאנען דריי בתי מקומות קדושים, דער גרויסער בית המדרש מיט די צוויי קלייזלאך אין פאַליש, די גרויסע קלויז מיט איין קלייזעל און די שוהל. דער בית המדרש איז געווען די ממשלה פון רב, די קלויז איז געווען די ממשלה פון צד שכנגד און די שוהל איז געווען נייטראל, אין בית המדרש זיינען געקומען די לומדים און די יראים אדער סתם אידען מיט שעהנע בערד, וועלכע זיינען ניט געווען קיין לומדים, אבער האָ־בען זיך געהאלטען פאר זעהר וויכטיגע מענשען, ווייל זיי האבען געהאט שעה־נע, גרויסע בערד. דיזע אידען האָבען געלעבט מיט דעם זכות פון זייערע בערד. זיי זיינען ניט געווען קיין לערנער און ניט קיין גרויסע סוחרים און סתם ניט קיין מענשען מיט א פאַרנעהם, אָבער צוליעב זייערע שעהנע לאנגע בערד האָ־בען זיי זיך געהאלטען בכבוד, און האבען זיך אפילו אפט געבלאזען, עפעס אזוי ווי זיי וואָלטען יא געווען לומדים און גבירים. פאר זיי האט עס געלוינט בעסער צו האלטען מיט דעם רב, און זיי זיינען געווען היימיש אין בית המדרש. אין קלויז דאַגעגען פלעגען נור קומען די גבירים און זייערע טעלער־לעקער, און די קלויז, וועלכע האט ניט געהאט קיין חברה ש"ס, איז געווען דער צענטער פון דער פאליטיק, וואס האט זיך געריכטעט געגען רב, פון דער קלויז זיינען ארויסגעקומען אַלע רכילות און לשון הרע אויף דעם רב, און אין קלויז האָט מען געשמידט פלענער, ווי צו באקעמפפען און צו באזייטיגען דעם רב. די פיהרער פון צד שכנגד האבען געשווארען ביי זייערע בערד און בערדלאך אז זיי וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען דעם רב ארויסשיקען פון שטאדט, אפילו ווען זיי זאָלען איהם דארפען ארויסשיקען מיט קייטען, און זיי האבען געהאלטען וואָרט. אבער דער צד פון רב האט אויך געשווארען צו נעהמען נקמה פון די

רייכע, גראָבע יונגען פאר זייער זילזול התורה און פאר זייערע רדיפות געגען רב, און צווישען די פריינד פון רב זיינען אויך געווען פיעלע ענטשלאָסענע מענער, מענער מיט פעסטע איבערצייגונגען און גרויסער כאראקטערשאפט. די־זע מענער האבען פארנאכלעסיגט זייערע געשעפטען, זייערע פאמיליעס, זייע־רע קינדער, כדי צו קענען קעמפפען פאר גערעכטיגקייט, דאס הייסט פאר דעם רב. און זיי האָבען געקעמפפט מיט גרויס ערביטערונג און מיט גרויס מוט. דער קאמף איז אנגעגאנגען פאר פיעלע יאהרען און איז געפאכטען געווארען מיט אונערהערטע ערביטערונג, מיט עהרליכע און אונעהרליכע מיטלען, און איידער דער קאמף האט זיך געענדיגט — מיט דער מפלה פון רב און זיין צד. איז די שטעדטעל געווען צעטיילט אין אזעלכע צוויי פיינדליכע לאגערען אז איינער האט מיט דעם אנדערען ניט געוואלט ריידען, זיך ניט מיט איהם מתחתן זיין און ניט עסען פון זיין טיש. דער צד שכנגד האט ניט געוואלט עסען פון רב׳ס שחיטה און האט ארונטערגעבראכט א נייעם שוחט. דער רב האט דעם שוחט גע׳אסר׳ט, און ווען דער גע׳אסר׳טער שוחט האט דאך ווייטער געקוי־לעט, איז געווארען א מהומה אין שטעדטעל. א קליינינקייט. הונדערטער מענשען עסען טרפות. די וועלכע האבען ניט געוואוסט, אז דער נייער שוחט איז א גע׳אסר׳טער, האבען נאכהער געמוזט כשר׳ן אלע כלים, און די ווייבער האבען געשאלטען, און די מענער זיינען געווען אין כעס און די יונגווארג האט דעם נייעם שוחט געוואלט דער׳הרג׳ענען, און די שטעדטעל איז געגאנגען אויף רעדלאך, ווען עס איז געקומען נאך חנוכה, און מען האט אנגעהויבען צו ריי־דען פון באקען מצות, האט דער צד שכנגד אפגעמאכט מיט חיים יאנקעל׳ן דעם בעקער ניט צו נעהמען דעם רב אין מיהל און ניט צו באקען פאר׳ן רב און זיין צד און דעם רב׳ס צד האט אפגעמאכט מיט צוויי אנדערע בעקערס ניט צו באַ־קע פאר׳ן צד שכנגד. בעת ביידע צדדים זיינען געווען פארוויקעלט אין א קאמף אויף לעבען און טויט, איז דער רב געזעסען און געלערנט אדער געשריבען הגהות אויף ירושלמי, און ער האט ווייניג וואס געוואוסט, וואס עס געהט פאר אין שטאדט. אלסדינג וואס ער האט געוואוסט פון קאמף איז, אז ער דארף ניט געהן אין קלויז דאווגען נאר דוקא אין בית המדרש, און אז דער צד שכנגד קויפט ניט ביי דער רביצין קיין הייוועז און זאלץ און קומט ניט צו איהם פרעגען קיין שאלות.

אין שטעדטעל איז געווען א דיין, א געלער, פארשלאפענער איד, וועל־כער איז א גאנצען טאג געזעסען אין פראנצויזישער קלויז איבער א גמרא און געדרעמעלט. ער האט זיך אין דעם קאמף ניט באטייליגט, און ווען דער צד שכנגד איז צו איהם געקומען פרעגען שאלות, אדער האלטען פאר איהם א דין תורה, האט ער געענטפערט: איך בין נור דער דיין· אין שטאדט איז דא א רב. געהט צו איהם· דאָס איז די שונאים פון רב גאר ניט געפעלען, אבער זיי האָ־בען זיך מיט דעם דיין ניט געוואלט אנהויבען, ווייל ער איז געווען א זעהר פריינדליכער און פארשלאפענער מענש און האט ניט געהאט קיין געגנער — און פריינד אויך ניט.

דער צד געגען רב האָט פארזוכט אראבצוברענגען אן אנדער רב אין שטאדט, אבער עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען· דא האט זיך ניט נאר געהאנדעלט אים הסגת גבול, נור אום א דין, וואס זאָגט קלאָהר, אז וואו עס איז דא א רב אין שטאדט, טאר קיין אנדערער ניט קומען אהן די צושטימונג פון

דעם רב אין שטאדט. אבער אהן א רב קען מען דאך ניט אויסקומען. עס קר־
מען דאך פאר שאלות און דין תורות און פיעלע אנדערע געלעגענהייטען צו
וועלכע מען מוז האבען א רב. דערפאר האט זיך דער צד שכנגד ענטשלאסען
צו אנערקענען איינעם פון זייערע אייגענע לומדים אלס רב, ביז דער שטאד־
טישער רב וועט פארטריבען ווערען. דאן האט זיך אבער ערשט אנגעהויבען
א מהומה אין שטאדט. דער צייטווייליגער רב, וועלכער איז באמת געווען
א גרויסער למדן און א מוסמך, האט געהאט א טאכטער, וועלכע איז געשטא־
נען אין שידוכים, און די ראלע וואס איהר פאטער האט דא אנגעהויבען שפיע־
לען האט איהר געשאדט צו יעדען שידוך, און דער טאטע האט דערפון קיין נחת
ניט געהאט. עס האבען זיך געפונען אידען אין שטעדטעל, וועלכע האבען באלד
ענטדעקט דעם יחוס פון דעם צייטווייליגען רב. איין ברודער איז געווען א ני־
קאלאיעווער סאלדאט און א צווייטער ברודער איז גאר געווען א סטאליאר אין
קאוונא. פאר איינעם וועלכער שניידט זיך אויף א רב איז דאס קיין יחוס ניט.
מען האט אנגעהויבען דעם צייטווייליגען רב דערנעהן די יאהרען, און עס האט
ניט לאנג געדויערט ביז ער האט זיך אפגעזאגט פון זיין ניט באקוועהמער שטע־
לע. דאס איז געווען א טויט קלאפ פאר די געגנער פון דעם שטאדטישען רב.

פאר פיעלע יאהרען איז דאס שטעדטעל געווען צוטיילט אין צוויי
פיינדליכע לאגערען, און פיעלע פון ביידע לאגערען האבען שוין געהאט פאר־
געסען דעם אורשפרונג פון דער מחלוקה. מען האט שוין ניט געפרעגט: וואס
האט איהר צום רב, אדער פארוואס זייט איהר אזוי פאר דעם רב ? די מחלוקה
איז שוין געווען אן איינגעווארצעלטע און איז געווען א טהייל פון לעבען פון
שטעדטעל. אזוי לאנג ווי די מחלוקה איז אנגעגאנגען, האט מען אויף שריט
און טריט געהערט קללות, סטראשונקעס, חרמות, קולות, רכילות, בראנד־רע־
דעם און פורכטבארע לשון הרע, און די שטעדטעל איז געגאנגען אויף רעדלאך.
די מחלוקה האט אלעמען בעשעפטיגט יונג און אלט, ארעם און רייך, לומדים
און עם הארצים, באבעס און מיידלאך, יעדער אין שטעדטעל איז געווען גע־
שטעמפעלט דורך זיין שטעלונג צו דער מחלוקה. די געגנער פון רב האט מען
גערופען מוסרים. דעם צד שכנגד — די פריינד פון רב האט מען אנגערופען
הפקר־יונגען, און די קינדער אין חדר זיינען אויפגעוואקסען ענטוועדער מיט א
יראת הכבוד אדער מיט א פורכטבארען האס געגען רב, ווייל אין דערהייב
האבען זיי נור געהערט ריידען פון איין זאך, פאר אדער געגען רב. דאס איז איי־
גענטליך ניט גאנץ ריכטיג. נאך מעהר ווי מען האט גערעדט פאר אדער געגען
רב, האט מען גערעדט פון דעם אנדערן צד. פון רב אליין האט מען אפט גאר
ניט גערעדט. איז געקומען א מגיד אין שטעדטעל, האט ער ענטוועדער געקענט
ריידען צו די פריינד אדער צו די געגנער פון רב, און האט געזאגט ענטוועדער
אין בית המדרש אדער אין קלויז. איז געקומען א חזן אין שטעדטעל, האט ער
געקענט דאוונען, ענטוועדער פאר די פריינד אדער פאר די געגנער פון רב. עס
האט זיך געמאכט, אז אין שטעדטעל איז אמאל געקומען א אידישער צירקוס.
קאמעדיאנטען, קאמעדיאנטקעס, אבוזיאנעס, טענצערס און אזוי ווייטער, און
דער צירקוס איז געווען אין חיים לייזער'ס קרעטשמע. חיים לייזער דער שענ־
קער איז אבער געווען איינער פון צד שכנגד. דער סוף איז געווען, אז כאטש
דער צירק איז אפגעהאלטען געווארען אויפ'ן אפענעם פעלד, הינטער דער באי־
נע, איז נור א האלב שטעדטעל געקומען צו די פארשטעלונגען. דעם רב'ס צד

איז ניט געקומען. דאן האט דעם רב'ס צד גע'טענה'ט, אז דער צד שכנגד איז א גרויסען מבין אויף אבעזיאנעס, קאמעדיאנטען און טענצערס אבער ניט אויף רבנים, לומדים און ערליכע אידען...

דער פיהרער פון צד שכנגד איז געווען דער ערשטער דאזארצע פון שטאדט. יאנקעלע גאלדבערג, א רייכער איד, א סוחר, וועלכער האט געהאט גרויסע געשעפטען אין רוסלאנד און אין דייטשלאנד, און איז געווען באקאנט פאר זיין תקיפות און אייזערנעם ווילען. רבי יאנקעלע גאלדבערג איז ניט געווען קיין למדן, אבער א יודע ספר איז ער יא געווען. ער איז געוואוינט צו זאגען דעות און האט אויך דעם רב געוואלט זאגען דעות, און ווייל דער רב האט זיך פון קיינעם קיין דעות ניט געלאזט זאגען, ווען ער איז אליין אויך געווען א גרויסער תקיף און האט נור געהאט דרך ארץ פאר א למדן, און ספעציעל פאר איינעם וועלכער איז בע'הבן'ט אין ירושלמי, האט ער פאר רבי יאנקעלע גאלדבערג קיין גרויס דרך ארץ ניט געהאט, אויך דערפאר, ווייל איינער פון רבי יאנקעלע'ס זיהן איז ארויס לתרבות רעה, איז געווארען אן אפטייקער און האט זיך באזעצט אין מאסקווע. רבי יאנקעלע, זייענדיג דער ערשטער דאזארצע פון שטעדטעל, איז געווען באפריינדעט מיט'ן בירגער מייסטער און מיט'ן נאטשאלניק, און ער האט אין שטעדטעל געקיניגט. זיין ווארט איז געווען געזעטץ. איהם האט מען געמוזט פאלגען. ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען פראגען פון לגאטעס אדער עהנליכע זאכען, האט מען געמוזט צו איהם אנקומען. ער האט געקענט טאן טובות, און האט אויך אפט געטאן טובות. ווען ניט ער, וואלט מען דעם דיין'ס זוהן אפגעגעבען פאר א סאלדאט. ווען ניט ער וואלט קיין נייער בית עולם ניט געבויעט געווארען. ווען ניט ער, וואלט מען אין די חדרים געמוזט לערנען רוסיש, און ווען ער איז געווען דער פיהרער פון צד שכנגד, זיינען די שונאים פון רב געווען מעכטיג, און ר' יאנקעלע האט געשווארען אז ער וועט ניט רוהען, ביז ער וועט דעם רב פארטרייבען פון שטאדט און ער האט געהאלטען ווארט. זיין שנאה צום רב איז ארויסגעשפרונגען גאנץ פלוצלונג. רבי יאנקעלע גאלדבערג האט געראטען דעם רב זיך ניט אריינצומישען אין דעם שטרייט צווישען די בארשטענארבייטער און די פאבריקאנטען. און ער האט זיך יא אריינגעמישט.

אין א שעהנעם טאג זיינען געקומען פינף עלטערע בארשטענארבייטער אין בית המדרש, זיינען צוגעגאנגען צום רב און געזאגט, אז זיי ווילען האבען א דין תורה מיט די פאבריקאנטען. זיי האבען אויך ערקלעהרט דעם רב, וואס פאר א מיני טענות זיי האבען צו זייערע ברויטגעבער: „מיר ארבייטען זעכצעהן שעה א טאג פאר דריי רובעל א וואך, די שוואכערע ארבייטער ווערען אפט קראנק און שטארבען אוועק, און די שטארקערע מענשען זיינען אזוי פארשקלאפט, אז זיי האבען ניט קיין צייט אין א ספר אריינצוקוקען אדער אויסצוגעפינען אויב די קינדער לערנען עפעס אין חדר. מיר ווילען נור ארבייטען צוועלף שעה א טאג און ווילען מינדעסטענס פיער רובעל א וואך און פרייטאג ארבייטען נור א האלבען טאג”. דער רב האט זיך צו זיי אויסגעהערט, און האט אנגעזאגט רבי בערעלע דעם שמש אוועקצוגעהן צו די דריי פאבריקאנטען און זיי זאגען, אז דער רב וויל זיי זעהן ביי איהם אין דערהיים. דער רב האט אויך בעוואלט הערען זייערע טענות איידער עס הויבט זיך אן די אפיציעלע דין תורה. די דריי פאבריקאנטען זיינען געקומען צום רב, און ווען זיי האבען גע־

הערט, וואס דער רב וויל פון זיי, זיינען זיי געווארען שטארק אין כעס און האַ־בען איהם ערקלעהרט, אז אין אזעלכע זאכען דארף ער זיך ניט אריינמישען. זיינע אויפגאבען זיינען צו לערנען און צו פסק'ענען שאלות. דער רב האט זיי געלאָזט אויסריידען און אוועקגעהן. אויף מארגען פריה איז דער אלטער שמש ווידער צו זיי אוועק און זיי געזאגט, אז זיי מוזען קומען צום רב צו א דין תורה. זיי זיינען געקומען, ווען אויך ניט ווילענדיג. דארטען האבען זיי שוין געטראפען פינף פון זייערע ארבייטער. נאכדעם ווי די טוענים האבען אפגע־רעדט, האט דער רב געזאגט, אז די פראגע איז אזא איינפאכע און לייכטע, אז ער קען זי פארענטפערען אויפ'ן ארט, און דארף אפילו אין דין גאר ניט אריינ־קוקען. עס איז געגען דעם אידישען דין צו פייניגען מענשען, און די ארבייטער ווערען איינפאך געפייניגט. ניט צוועלף נאר צעהן שעה א טאג ארבייט איז אויך גענוג.

ווען די פאבריקאנטען האבען דאס דערהערט זיינען זיי געווארען אנ־געצונדען. זיי האבען צום רב קיין ווארט ניט געזאגט, נאר זיינען גלייך אוועק צו רבי יאנקעלע'ן און ער איז באלד געקומען צולויפען צום רב און האט זיך ביי איהם געבעטען אין אזעלכע זאכען זיך ניט אריינצומישען. ווען זיינע ווערטער האבען אויף דעם רב קיין איינדרוק ניט געמאכט, האט ער אנגעהויבען רייד[ע]ן צום רב שטארקע ווערטער און האט אויך עפעס געסטראשעט: „א רב דארף ניט זיין קיין ציציליסט... א רב דארף אויך זיין טריי דעם קייזער.״ און אלע ציצי־ליסטען זיינען געגען זייערע ברויט־געבער און געגען דעם קייזער״. דער רב האט ניט אין גאנצען פארשטאנען, וואס רבי יאנקעלע האט געזאגט. פון ציצי־ליסטען האט נאך דער רב קיין מאהל ניט געהערט, און האט צו ר' יאנקעלע'ן געזאגט, אז ער נויטיגט זיך ניט אין זיין מוסר: „איך בין דער מרא דאתרא. און איך זאָג וואָס איז כשר און טריף, רעכט און אונרעכט, און דערביי בלייבט עס״. רבי יאנקעלע האט נאך אזא שפראך פון קיינעם ניט געהערט, איז געווא־רען מלא חמה און איז אנטלאפען געווארען. ער האט זיך אפילו מיט דעם רב ניט געזעגענט פאר'ן אוועקגעהן. פון דאמאלט אן האט זיך אנגעהויבען די מחלוקה און פון דעמאלט אָן איז דאס שטעדטעל אוועק מיט פייער. וואס פאר א צרה עס איז געקומען אויף אידען בכלל און אויף דעם שטעדטעל בפרט, איז צוגעשריבען געווארען צו דער מחלוקה אין שטעדטעל. דער פירוד איז געווען אונבעשרייבליך. עס איז געקומען צו קריגערייען צווישען פאטערס און זיהן, צווישען מאמעס און טעכטער, און פאר פיעלע יאהרען האט דאס שטעדטעל געהאט נור איין געשפרעך, דעם רב'ס צד, דער צד שכנגד. אלע לומדים און ארבייטער האבען געהערט צום רב'ס צד, אלע גבירים, פאבריקאנטען, סוחרים. און די וועלכע האבען געוואלט גילטען פאר סוחרים, האבען געהערט צום צד שכנגד. א גאנצער דור אין שטעדטעל איז אויפגעוואקסען אין דער מחלוקה מיט פארגיפטעטע הערצער און געמיטער.

די מחלוקה וואלט זיך נאך ווייטער געצויגען, ווען רבי יאנקעלע גאלדבערג וואלט ניט א מאמענט פון כעס אויפ'ן רב אוועק צום נאטשאלניק און געזאגט אז דער רב האט קיין פאספארט ניט. דער נאטשאלניק האָט פאר־שטאנען דעם וואונק. אין א קאלטען און רעגענדיגען נאכמיטאג איז געקומען א זשאנדאר אין בית המדרש און געזאגט צום רב אז ער איז ארעסטירט און מוז גלייך מיט איהם מיטגעהן. די אויפרעגונג אין בית המדרש איז געווען

אונבאשרייבליך. די יללות און די קללות אויף יאנקעלע גאלדבערג זיינען גע־וועז ערשיטערנד. דער רב האט אנגעטאן זיין לאנגען בגד און איז מיטגעגאנגען מיט דעם זשאנדאר. ער האט איהם אוועקגעפיהרט צום נאטשאלניק אין קאנצע־לאריע. פון דארטען האט מען דעם רב אוועקגעשיקט אין טורמע, וואו ער איז פארבליבען צוויי טעג און אויף דעם דריטען טאג האט מען דעם רב אוועקגע־שיקט מיט דעם עטאפ.

באוואכט פון א קאנוואי פון זעקס סאלדאטען מיט די ביקסען אויף די פלייצעס, האט מען דעם רב געפיהרט צו פוס דורך די ברייטע גאסען פון שטעדטעל צו דער באהנסטאנציע וואס האט זיך געפונען דריי ווערסט פון שטעדטעל. דעם רב'ס הענד זיינען געוועזן צוגעקייט צו די הענד פון נאך צוויי ארעסטאנטען, גוים. ווען מען האט דעם רב געזעהן איז באגלייטונג פון קאנ־וואי, געשמידט אין קייטען, איז אנגעפאלען א פורכטבארע מורא אויף דעם שטעדטעל. מענער האבען געוויינט און ווייבער האבען גע'חלש'ט און אלע האבען געשאלטען יאנקעלע גאלדבערג, און די קללות זיינען מקוים געווארען. אכט און פערציג שעה שפעטער איז שוין רבי יאנקעלע גאלדבערג אויף דער וועלט ניט געוועזן. אן אפאפלעקסיע האט געמאכט א סוף צו זיין לעבען.

ר׳ אליהו דער זקן און זיין געליעבטע.

אין שטעדטעל זיינען געווען א סך לומדים. יעדער איד האט זיך איינ־געהאנדעלט א טייערן איידים אין וואלאזשין אדער טעלז, און די איינגעהאנ־דעלטע איידימס זיינען אלע געווען גרויסע לומדים. פיעלע פון די היימישע אידען האבען אויך געקענט גוט לערנען. אויב זיי האבען ניט געלערנט אין ישיבות, ווייל זיי זיינען געווען רייכע בנים, האבען זיי געלערנט מיט דעם פרוש אין בית המדרש אדער די טאטעס האבען אליין געלערנט מיט די ערוואק־סענע זיהן. א ביסעל לערנען האט כמעט יעדער געקענט, און פיעלע זיינען געווען גרויסע לומדים. זיי האבען געקענט גענוג לערנען זיך צו האמפערען מיט דעם רב וועגען א "טור" אדער א פארווארפענעם מהרש"ל, און מינדעסטענס צוויי מנינים אידען אין שטעדטעל זיינען געווען קלאהר אין ש"ס און אין פוסקים. לערנען איז געווען דער איינציגער ספארט פון רייך און ארעם. יע־דער האט געהאט א סך צייט. אין שטעדטעל איז דער טאג געווען זעהר לאנג. פיעל לענגער ווי אין דער שטאדט, און וואו זיך צו אמוזירען איז ניט געווען. זיינען טאקע געזעסען די אידען און האבען געלערנט, און אז מען לערנט קען מען, ספּעציעל ווען מען איז סיי א ליטוואק און סיי א מתמיד.

דער גרעסטער למדן אין שטעדטעל איז אבער געווען ר׳ אליהו דער זקן, א שעהנער הויכער איד מיט א לאנגע פלאקסענע בארד, וואס האט ניט געוואלט ווערען גרוי, כאטש איהר בעל הבית איז געווען אזוי אלט, אז צייט מענשען געדענקען, האט מען איהם גערופען ר׳ אליהו דער זקן. צייט מענ־שען געדענקען, איז ר׳ אליהו דער זקן געווען אן אלמן. קיינער האט זיך ניט געקענט דערמאהנען אן זיין פרוי, אבער עס איז געווען א זיכערע זאך, אז ער האט אמאל חתונה געהאט און איז געווען א בעל הבית׳ל, דען אלע האבען איהם גערופען ר׳ אליהו. ווען ער וואלט געווען אן אלטער בחור, וואלט מען איהם גע־רופען אליהו אדער אלי אבער ניט ר׳ אליהו.

ר׳ אליהו דער זקן איז געווען א קלוגער אלטער איד. אבער א מתון איז ער ניט געווען, כאטש מען קען ניט זאגען, אז ער איז געווען א בעל גאוה. ער האט זיך מיט אלעמען אין שטעדטעל גע׳חבר׳ט, אפילו מיט קינדער, אבער ווען עס איז געקומען צום ענין לערנען, איז ער ניט געווען זעהר בעשיידען. ער איז אויך געווען א שטיק אפיקורס און האט געהאט א סך מערקווירדיגע איינ־פאלען. אזוי למשל האט ער ניט געהאלטען פון מוקצה און האט פיינט געהאט רב פפא מיט א טויטליכען האס. פאר וואס ער האט אזוי פורכטבאר גע־האסט רב פפא׳ן, האט קיינער ניט געוואוסט, נאר ווען עס איז דעם אונגליקלי־כען רב פפא׳ן אויסגעקומען אריינצופאלען אין זיינע הענט, איז ער שוין א לע־בעדיגער פון איהם ניט אוועקגעגאנגען.

ר' אליהו איז אויסערליך געווען א פרעהליכער מענש און האט גע־קענט דערצעהלען זעהר וויטציגע מעשה'לאך, אבער אין זיין נשמה האט ער ארומגעטראגען ניט נור א קבר, נאר א גאנצען בית עולם. פון דער וועלט האט ער גאר ניט געהאלטען, און ער איז פון קיין זאך קיין מאל ניט נתפעל געווא־רען. ווען מען איז צו איהם אמאל געקומען מיט דער גליקליכער בשורה, אז דריי וויארסט פון שטעדטעל האט אנגעהויבען צו געהן די אייזענבאהן, האט ער מיט אן אויסדרוק פון העכסטען ביטול א מאך געטאן מיט דער האנד און גע־זאגט: „עט! דערפון וועט די וועלט אויך ניט גליקליכער ווערען". ער האט פון דער וועלט ניט געהאלטען, און ער האט פון די מענשען ניט געהאלטען. ווען ער האט זיך אמאל צוגעהערט צו דער דרשה פון א מגיד, אין וועלכער דער מגיד האט פארזיכערט אין דעם נאמען פון די חז"ל, אז יעדער צדיק וועט אמאל ירש'נ'ען דריי הונדערט און צעהן וועלטען, האט ער באמערקט אז אויף יענער וועלט וועט יעדער צדיק האבען דריי הונדערט און צעהן מאל אזוי פיעל צרות, ווי ער האט אויף דער וועלט, ווייל א וועלט איז א וועלט, און אויב די וועלט טויג ניט, טויגען די אנדערע געווים ניט. ר' אליהו האט קיין מאל ניט געוויינט איבער א טויט, און ער האט געהאלטען אז דאס בעסטע וואס איז פאראן אויף דער וועלט, איז די מעגליכקייט פון איהר פטור צו ווערען דורך דעם טויט, און ווען ניט דער טויט, וואס באפרייט דעם מענשען פון אלע לאסטען און פון צרות פון לעבען, וואלט די וועלט געווען אן אייביגער פלוך, די גרעסטע קללה, וואס דער שטן קען זיך אויסמאהלען, ווען ער איז אין כעס.

ר' אליהו האט פון דיזע ענינים נאר זעלטען גערעדט, אבער ווען ער האט אמאל יא עפעס געזאגט איבער דיזע פראגע, פלעגען זיינע צוהערער ווע־רען אויפגעשווידערט. אבער כאטש ער האט ניט פיעל געהאלטען פון לעבען, פון דיזער וועלט און פון די מענשען, איז ער אליין געווען א זעהר פריינדליכער אל־טער מאן און האט שטענדיג געהאט א שמייכעל אויף זיינע ליפען. עס איז גע־ווען דער שמייכעל פון דעם טיעפזיניגען מענשען און גרויסען חכם, אן עכט פילאזאפישער שמייכעל.

ר' אליהו איז קיין מאל ניט געווען אנגעטאן אין שטיוועל, האט קיין מאל ניט געטראגען קיין שיך, נאר איז שטענדיג ארומגעגאנגען אין פאנטאפעל. זומער און ווינטער, און איז אויך אימער ארומגעגאנגען מיט א נאקעטען האלז. ווען מען האט איהם געפרעגט, פארוואס ער טהוט ניט אן א פאר שיך, האט ער געענטפערט, אז אין פרוזדור דארף מען קיין שיך ניט טראגען. אין פרוזדור פאסט גאר ניט צו טראגען שיך. פאנטאפעל זיינען גענוג, און ער האט עס גע־זאגט אהן שום ביטערקייט, מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפען.

ר' אליהו איז געווען אן אלטער מאן אבער ער איז קיין מאל צו קיי־נעם ניט אנגעקומען. ער האט ניט געהאט קיין קינדער אין אמעריקא, וועלכע זאלען איהם שיקען געלד, און ער האט זיך שטענדיג מפרנס געווען פון זיין איינענער הארעוואניע. ר' אליהו איז געווען סיי א פאבריקאנט און סיי א סוחר. ער האט פאבריצירט טינט, און זיין סחורה אליין פארקויפט צו די חדר אינג־לאך און סתם צו מענשען, וועלכע שרייבען. ער האט צוגעשטעלט טינט צום קאזשאנעם רב, צום גלאוניעם פיסאר פון שטעדטעל, צום רב, צו אלע אידען. וועלכע שרייבען בריעף צו זייערע קינדער אין אמעריקא און צו די משכילים

פון שטעדטעל. ער האט געהאט א מאנאפאל אויף טינט, אזוי ווי זלמן די קעט־צעלע האט געהאט א מאנאפאל אויף אתרוגים. ווער עס האט געדארפט טינט, האט געקויפט די שווארצע פליסיגקייט פון ר' אליהו דעם זקן, און ער איז געווען א קינסטלער אין מאכען טינט. ער האט געקענט מאכען טינט אין אלע קאלירען, שווארץ, בלוי, רויט און גרין, און ער האט אויך זיינע קונדען ניט באריסען. מיט די חדר אינגלאך פלעגט ער אנהויב זמן מאכען א מין קאנטראקט אז זיי מוזען איהם צאהלען צוויי קאפיקעס, דורכ'ן זמן, א קאפיקע אין אנ־הויב זמן און א קאפיקע אין מיטען זמן און פאר דיזע צוויי קאפיקעס וועט ער זיי צושטעלען טינט, וויפיעל זיי וועלען דארפען. עס איז אויך קיין מאל ניט פארגעקומען, אז די חדר אינגלאך זאלען איהם ניט אפצאהלען די לעצטע קא־פיקע. זיי האבען איהם אלע ליעב געהאט און האבען זיך מיט איהם געפרעהט. ווען ער איז געקומען אין חדר. ער האט שטענדיג געשמייכעלט, און ער האט די קינדער דערצעהלט פאנטאסטישע מעשה'לאך פון סמבטיון. פון די הרי חושך, פון דעם לויתן, און אזוי ווייטער. די עלטערע מענשען האבען איהם אויך ליעב געהאט, ווייל ער איז צו יעדען געווען אזוי פריינדליך. אפילו אין מיטען דער מחלוקה וועגען רב איז ער געווען דער איינציגער אין שטעדטעל. צו וועלכע ביידע צדדים האבען גערעדט און צו וועמען ביידע צדדים האבען געהאט צוטרוי. זיין טונקעלע פליסיגקייט האט איהם אריינגעבראכט א גאנץ קלאהרע חיונה. פיעל האט ער אויך ניט געדארפט. ער האט געוואוינט ביים סופר סת"ם אין א קעמערעל און געצאהלט אכט רובעל א יאהר דירה געלד, און אזוי ווי פלייש האט ער קיין מאל ניט געגעסען און האט געטראגען איין בגד פינף אדער זעקס יאהר, האט ער געקענט אויסקומען מיט זיינע פארדינסטען. פינף, זעקס גילדען א וואך. טאמער האט ער דאס אויך ניט געהאט, האט ער אויך ביי קיינעם ניט געבעטען, און ווען מען האט איהם עפעס אנגעבאטען. האט ער קיין מאל קיין זאך ניט גענומען. ער האט פריינדליך באדאנקט, גע־שמייכעלט זיין גרויסען פריינדליכען שמייכעל און איז זיך ווייטער נעגאנגען. נור פסח צו די סדרים האט ער געמאכט אן אויסנאהמע. פסח איז ער שטענ־דיג געווען דער גאסט ביין דיין.

ר' אליהו דער זקן איז זיכערליך געווען דער באליעבסטער מענש אין שטעדטעל. ווי קען מען דאס ניט ליעב האבען אזא פריינדליכען, קלוגען זקן. וועלכער איז נאך דערצו א גרויסער למדן און א גרויסער בעל מדקדק. פאר זיין לומדות האבען איהם אלע ליעב געהאט און פאר זיין גדלות אין דקדוק איז ער געווען דער ליעבלינג פון די עלטערע משכילים. די אינגערע משכילים האט ער ניט שטארק ליעב געהאט, ווייל ער האט געזאגט, אז נור א למדן האט א רעכט צו בטל'ן א ביסעל צייט אויף דקדוק און די מאדערנע משכילים זיינען ניט געווען לומדים לויט זיינע השגות.

ר' אליהו איז געווען א געוואלטיגער מתמיד. ווי באלד ער האט זיך באפרייט פון זיין טינט, פון פאבריצירען און פארקויפען טינט, איז ער געקומען אין בית המדרש און זיך אוועקגעזעצט לערנען און איז קיין מאל ניט געזעסען צוזאמען מיט די חברה ש"ס'ניקעס. ער האט פאר זיי געהאט א שטילע פער־אכטונג. ער איז שטענדיג געזעסען אליין אין א ווינקעלע און געקוקט אין גרויסע ספרים און געמורמעלט א ליולקע. ווי ער האט ניט אראפגענומען זיין אויג פון די ספרים, אזוי האט ער ניט ארויסגעלאזען די ליולקע פון מויל, אפילו

ווען די טאבאק אין ליולקע איז שוין געווען אויסגערויכערט. ער איז אזוי אפּ־געזעסען יעדען טאג אין בית המדרש ביז פאר מנחה. א גרויסער דאוונער איז ער ניט געווען, און אזוי ווי ער האט געוואלט זיין אונגעשטערט, האט ער קיין מאל ניט אפּגעווארט ביז די אידען וועלען אוועקגעהן פון בית המדרש נאך מעריב, נאר ער איז פריהער אוועק, און איז דאן נאך מעריב ווידער געקומען און האט זיך אוועקגעזעצט לערנען. דער איינציגער וועלכער פלעגט וואגען אמאל צו איהם צוצוגעהן עפּעס פרעגען איז געווען דער קליינער פרוש, א איד פון א יאהר פינף און דרייסיג, מיט א קליין שווארץ בערדעל און א פּאאר פּיי־ערדיגע שווארצע אויגען און פול פון נערוועזער אונרוהיגקייט. דיזער קליינער פרוש איז געווען א גרויסער מופלג און האט זיך אויפגעהאלטען אין בית המדרש אכצעהן שעה א טאג. ווען ער האט זיך מיט ר' אליהו זקן אונטערהאלטען אין לערנען, האט מען נור געהערט ריידען פון דפים און עמודים. מען האט גע־רעדט האלב אויף שטום־לשון און האלב אין רמזים, און מיט דיזע צוויי שפּראַ־כען האט מען אין צעהן מינוטען חרוב געמאכט וועלטען. דער'הרג'עט דעם „פני יהושוע", אריינגערוקט דעם מהר"ם שיף א מעסער אין זייט אדער צו־בראָכען א רשב"ם אויף שטיקלאך. דאס איז אפט געשעהן אהן יעדע רע־גונג, און אהן דרעהען מיט דעם גראָבען פינגער. ר' אליהו האט געזאגט, אז ווען מען לערנט דארף ארבייטען דער שכל און ניט דער גראָבער פינגער, און ער האט געהאט א חשד אויף יעדען למדן, וועלכער לערנט מיט דעם גראָבען פינ־גער אדער מאכט הויות ביים לערנען. מען מוז זיין רוהיג און פריינדליך אפילו צו דער גמרא, האט ר' אליהו געזאגט, ווען מען רעגט זיך אויף, קען מען שוין ניט קלאָהר פארשטעהן וואָס מען לערנט.

דיזער פריינדליכער, רוהיגער אלטער מאן האט געהאט א נאמען פאר א שטיקעל אפּיקורס. קיינער האט איהם נאטירליך קיין מאָל ניט פוגע בכבוד געווען וועגען זיינע אפּיקורסות, אבער אין שטעטעל האבען אלע געוואוסט, אז ר' אליהו איז ניט איבעריגס פרום. שמונה עשרה איז ער אויסגעגאנגען דער ער־שטער, ער האט זיך אפילו יום כיפור ביים דאוונען ניט געשאקעלט און פון מוקצה האט ער סתם ניט געהאלטען. ער האט אויך ניט געלעבט בשלום מיט דעם רמב"ם און האט קיין מאָל קיין אני מאמין ניט געזאגט. עס האט איהם שטענדיג פארדראָסען פארוואָס דער רמב"ם האט געשריבען דעם „מורה נבוכים". "א איד וועלכער שרייבט דעם „יד החזקה" דארף קיין „מורה נבוכים" ניט שרייבען", האט ער אמאָל באמערקט אין א געשפּרעך מיט איינעם פון די עלטערע משכילים פון שטאדט. דאס מיינט אבער ניט אז ר' אליהו האט גע־האלטען דעם „מורה נבוכים" פאר אן אפּיקורסישען ספר. ער האט נור געזאגט, אז אזא ספר האט געדארפט געשריבען ווערען פון אן אנדערען און ניט פון רמב"ם. ער האט נאך צום רמב"ם געהאט פיעלע אנדערע ערנסטע טענות. עס האט איהם אין שטילען געקרענקט למאי דער רמב"ם האט געשריבען זיין „אגרת השמד". דאס, האט ר' אליהו געזאגט, איז ניט קיין אגרת פון א מוטי־גען מענשען. מען דארף פון לעבען ניט מאכען אזא וועזען. מען דארף ניט מאַ־כען קיין פשרות מיט דעם לעבען, ווייל דאס לעבען איז דאס ניט ווערט.. אבער די מענשען פון גאַס, די אידען פון א גאַנץ יאהר, האבען דיזע טענות גאר ניט פארשטאנען און האבען געגלויבט אז ר' אליהו איז א ביסעלע נכשל געווארען. און נור ווייל ער איז געווען אזא גרויסער למדן און א זעהר פריינדליכער און

גוטער אלטער מאן, האט קיינער ניט געוואגט איהם עפענטליך אדער פריוואט צו קריטיקירען· נור איין איינציגער מענש אין שטעדטעל, פייוועל דער גמרא מלמד האט אמאל געהאט דעם מוט ר' אליהו'ן צו מאכען א פארוואורף אין געגענווארט פון נאך עטליכע לומדים און איהם זאגען, אז אין געגענווארט פון יונגע קינדער דארף מען ניט ריידען פון מוקצה אין א פאראכטליכען טאן. אבער פייוועל האט זיך באלד ענטשולדיגט און געזאגט, אז ער מיינט חלילה ניט ר'אליהו'ן צו קריטיקירען, נאר איהם אויף עפעס אויפמערקזאם צו מאכען.

זיכער איז אבער געוועזן, אז ר' אליהו איז ניט געוועזן א פרומער איד אין געוועהנליכען זינען פון ווארט. ער איז געווים געוועזן פרום, אבער אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אויף איין מאל האט מען אין בית המדרש באמערקט, אז ר' אליהו בלייבט צו מנחה, שטעהט לאנג שמונה עשרה און אין טאג פון לייענען בלייבט ער אין בית המדרש צו אלע מנינים, און ווען מען טראגט די ספר תורה פון בימה צום ארון קודש, איז ער דער ערשטער צו קושען דעם ספר, א זאך וואס ער האט קיין מאל ניט געטאן. ביי א פאסיגער געלעגענהייט פלעגט ער אויך קושען דעם פרוכת און ניט סתם קושען ווי עס טהוען פיעלע אנדערע, נאר קושען מיט א געוויסער ליעבשאפט, עפעס אזוי ווי דער פרוכת וואלט געוועזן זיין בן יחיד. אין בית המדרש וואו מען האט סתם ליעב געהאט צו ריידען א ביסעלע רכילות. האבען זיך באלד פארשפרייט אלערליי קלאנגען. דער איינער האט געזאגט, אז ר' אליהו איז געווארען א בעל מקובל, און פיעלע האבען שוין געוואלט זעהן. ווי ער קוקט אין ספרי קבלה, אנדערע האבען גע'טענה'ט, אז ר' אליהו איז געווארען א שטילער בעל תשובה, ווייל ער האט איינגעזעהן, אז צו לומדות געהערט אויך פרומקייט, און אנדערע ווידער האבען זיך ניט געשעהמט צו זאגען, אז דער זקן איז א ביסעלע עובר בטל, און ווייסט שוין גאר ניט וואס ער טהוט, ווייל ביי איהם איז שוין רעכט צו ריידען מיט אלטע אידענעס, אזוי ווי ער האט שטענדיג גערעדט מיט קינדער. די רכילות איז אבער קיין מאל ניט געקומען צו ר' אליהו'ס אויערען, ווייל פאר איהם האט יעדער געהאט אפשיי. און קיינער אין שטעדטעל וואלט ניט געוואגט צו איהם צו ריידען איבער אזעלכע ענינים. ער איז ניט נאר געוועזן דער גרעסטער למדן נאר אויך דער פריינדליכסטער און גוטמוטיגסטער מענש אין שטעדטעל, און פאר א נאר האט איהם אויך קיינער ניט געהאלטען, און א נפש היפה איז ער געוועזן לכל הדעות·

וואס מעהר מען האט אין בית המדרש גערעדט איבער ר' אליהו'ס פלוטצליכע פרומקייט, אלץ מעהר ביישפיעלע האט מען פון דיזער פרומקייט געזעהן, און דאס האט זיך אם מייסטען אויסגעדריקט אין קושען דעם פרוכת און קושען די ספרי תורות. אלסדינג וואס די אידען אין בית המדרש האבען געהאט צו זאגען איבער דיזע נייע טבע פון ר' אליהו דעם זקן האט קיין זאך ניט ערקלעהרט, ווייל אפילו שטעהענדיג לאנג שמונה עשרה און קושענדיג דעם פרכת, און בלייבענדיג אין בית המדרש איבער מנחה און מעריב, האט ר' אליהו ניט אויפגעהערט צו דענקען אז מוקצה איז א נארישקייט און אן איבערפליסיגע זאך, און האט ניט געביטען זיינע פיעלע פריהערדיגע מנהגים און ניט געענדערט זיינע אנזיכטען. איז ער אלזא ניט פרומער געווארען אדער ניט פיעל פרומער ווי ער איז געוועזן. צו וואס עפעס אויף איין מאל אזוי פיעל קושען די

ספרי תורות אין טעג פון לייענען און פארוואס עפעס אזוי ליידענשאפטליך קו־שען דעם נייעם פרוכת אין בית המדרש?

דאָס איז פאר פיעלע מענשען געווען א רעטעניש, און דיזער רעטע־ניש האט אלעמען אין בית המדרש געהאלטען אין שפאנונג. יעדער האט גע־וואלט דעם רעטעניש לעזען און ניט געקענט. ר' אליהו איז געווען אן אדם גדול און האט געוויס געוואוסט וואס ער טהוט. אידען אין זיין עלטער מאכען זיך ניט נאריש. ווען עס איז אבער בעקאנט געווארען נאך שבועות, אז דער אל־טער ר' אליהו האט געלאזט שטעלען א שטילע חופה און איז געווארען א יונ־גער בעל הבית'ל מיט אן עלטערער, זעהר בכבוד'ער פרוי, די אלמנה פון א גרויסען למדן, האט זיך דער רעטעניש אויפגעקלעהרט. ר' אליהו דעם זקן'ס כלה האט קורץ פאר דער חופה אריינגעגעבען אין בית המדרש א נייעם פרוכת און נייע מענטעלאך פאר די ספרי תורה, און ווי מען האט שפעטער ערפאהרען. האט ר' אליהו זיין כלה זעהר ליעב געהאט.. זי איז טאקע געווען א פרוי מיט פיעל חן.. און ר' אליהו האט דאך ניט געקענט געהן קושען זיין כלה... דאס שיקט זיך דאך ניט..: האט ער געקושט דעם פרוכת מיט די מענטעלאך, וואס זיין כלה האט געגעבען דעם בית המדרש... און איז געווען גליקליך.

אַ קול פון בית עולם.

דער קייזער האט ארויסגעגעבן אן אוקאז, אז אלע טרייע אונטערטאנען מוזען זיך פרעהען מיט זיין קרוינאציע. אין שטעדטעל זיינען אויך געווען פיעלע אונטערטאנען פון קייזער. אלע מענער וועלכע זיינען געווען איינגעשריבען אין סקאזקי, דאס הייסט אין דעם רעגיסטער פון די, וועלכע זיינען געבארען לעבעדיגערהייד, זיינען געווען זיינע אונטערטאנען. פיעלע זיינען אבער ניט געווען איינגעשריבען אין העם רעגיסטער און זיי זיינען געווען נעלמים אדער בראדיאגעס. די בראדיאגעס זיינען ניט געווען זיינע טרייע אונטערטאנען, ווייל אפיציעל האבען זיי גאר ניט עקזיסטירט, און ניט עקזיסטירענדיג, האבען זיי איהם ניט געדארפט דיענען און זיינען איהם ניט געווען שולדיג קיין טרייהייט. אלס שטראף פאר דעם, וואס זיי האבען אפיציעל ניט עקזיסטירט, האבען זיי קיין מאל קיין פאספארט ניט געקענט קריגען, און ווען זיי פלעגען דאך דארפען ארויספאהרען פון שטעדטעל, האבען זיי ענטוועדער מיטגענומען דעם פאספארט פון א ברודער, א פעטער, א שוואגער אדער דעם פאספארט פון א גוטען פריינד, אדער זיי זיינען געפאהרען אהן א פאספארט און האבען זיך געמעגט געפאסט מאכען, אז מען וועט זיי כאפען. דאן וועט מען זיי פארשרייבען איז סקאזקי און דאן וועלען זיי אויך מוזען געהן דיענען דעם קייזער פיער אדער פינף יאהר. די צאהל פון אזעלכע מענער אין שטעדטעל איז געווען זעהר א גרויסע. זיי האבען געוואוסט, אז זיי זיינען דעם קייזער גאר ניט שולדיג, און זיי פלעגען קיין מאל ניט קומען צו א פראזניק אדער אן אנדער אפיציעלע געלעגענהייט, און אויך צו דער פייערונג פון דער קרוינאציע זיינען זיי ניט געקומען. זיי זיינען ענטוועדער געבליבען אין דערהיים אדער זיי זיינען געזעסען אין בית המדרש און האבען געלערנט.

ווען דער נאטשאלניק אויעזדא האט ארויסגעגעבען א גזרה אז אין דעם טאג וועט מען פייערען די קרוינאציע, זיינען נור געקומען די נכתבים און קינדער און ווייבער. די פייערונג איז אפגעהאלטען געווארען אויף דעם מארק. יעדער וועלכער איז געקומען אין א באשטימטער שטונדע אויף דעם מארק, האט געקראגען א צעבערל שנאפס, א בילד פון קייזער און יעדער האט זיך איינגעשריבען אין א גרויסען בוך, און האט אויף אזא אופן גענומען א שבועה, אז ער וועט זיין טריי דעם ניי־געקרוינטען קייזער. אין מיטען מארק איז געשטאנען א גרויסער טיש. ארום טיש זיינען געשטאנען טשינאווניקעס אנגעטאן אין נייע מונדירען און זיי האבען דערפאר געזארגט, אז יעדער זאל זיך איינשרייבען אין דעם בוך, וואס איז געלעגען אויף דעם טיש. אזוי ווי ניט אלע האבען געקענט שרייבען, האבען די טשינאווניקעס נור געפרעגט דעם נאמען און זיי האבען אליין איינגעשריבען דעם נאמען פון דעם טרייען אונטערטאן אין דעם

גרויסען בוך. דאָס האט געדויערט אַ גאַנצען פארמיטאג. נאכדעם ווי אלע איי־
דען און גוים האבען זיך פארשריבען אלס טרייע אונטערטאנען פון קייזער..
האט זיך ערשט אנגעהויבען די ריכטיגע שמחה· מען האט געטרונקען שנאפס
פון קליינע צעבערלאך, די גוים האבען אנגעהויבען זינגען ליעדער און טאנצען.
און די יונגווארג איז געקראכען אויף סלופעס, וועלכע מען האט אויפגעשטעלט
אין מיטען מארק· די סלופעס, אזוי הויך, ווי טעלעגראפען־שטאנגען, זיינען גע־
ווען איינגעשמירט מיט א מין זייף, און יעדער איינגעל אדער שגץ, וועלכער האט
באוויזען ארויפצוקריכען אויף דעם שפיץ פון סלופ, האט געקראגען א זילבער־
נעם זייגערל אלס מתנה. צוערשט האבען זיך די שקצים א כאפ געטאן אויף די
אנגעשמירטע סלופעס· זיי האבען געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונג ארויפ־
צוקריכען אויף דעם שפיץ, אבער עס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. ווען זיי
האבען שוין אויפגעהערט פארזוכען צו דערגרייכען דעם שפיץ פון סלופ, זיינ־
נען שוין די סלופען געווען טרוקען. דאן האבען די אידישע איינגלאך געמאכט
דעמזעלבען פארזוך און עס איז זיי געלונגען, און די זייגערלאך זיינען אוועקגע־
געבען געווארען צו די אידישע איינגלאך. דאס האט די שקצים שטארק פאר־
דראסען. ארום דריי־פיער אזייגער זיינען שוין די גוים אויף דעם מארק געווען
גוט שיכור און די שקצים גוט אנגעצונדען אויף די אידישע איינגלאך, און איי־
דער מען האט זיך ארומגעקוקט איז געווארען א געשלעג. די גוים האבען אנגע־
הויבען צו שלאגען אידען. אין א פאאר מינוטען האט דער געשלעג אנגענומען
דעם כאראקטער פון א פאגראם. די אידען האבען גענומען לויפען פון מארק
און זיך בעהאלטען אין זייערע הייזער· דער דאקטאר, וועלכער האט געוואוינט
אין מויער, אויף דעם מארק, די איינציגע הויז אין שטעדטעל, וואס איז געווען
געבויט פון ציעגעל, האט געהאט דעם קלוגען איינפאל אנצוהויבען ווארפען
קאפיקעס פון פענסטער אויפן גאס. ווען די גוים האבען דערזעהן די קאפיקעס,
האבען זיי אויפגעהערט נאכלויפען נאך די אידען און האבען זיך א ווארף גע־
טאן אויף דער ערד כאפען די קאפיקעס· ביי דיזער געלעגענהייט האבען זיי זיך
איינע די אנדערע גוט צושלאגען און פיעלע פויערים האבען געקראגען צובלו־
טיגטע קעפ. בעת די פויערים האבען זיך איינע די אנדערע געשלאגען וועגען די
קאפיקעס, זיינען זיך די אידען צולאפען און באלד איז אויף דעם מארק קיין
איינציגער איד ניט געווען. אבער דער דאקטאר האט ניט געהאט גענוג קאפי־
קעס צו האלטען אין איין ווארפען, און ווען עס האט אויפגעהערט רעגענען מיט
קאפיקעס, האבען זיך די פויערים ווידער א נעהם געטאן צו אידען. זיי האבען
זיך אוועקגעלאזען איבער די זייטיגע געסלאך און האבען זיך געוואלט אריינ־
כאפען אין אידישע הייזער. אין איינינגע פעלע איז עס זיי אויך געלונגען זיך
אריינצוכאפען אין א אידישע הויז און דארטען אנהויבען רויבען און מארדען.
אין דער צייט זיינען שוין די טשינאווניקעס פארשוואונדען, און די דערהאל־
טונג פון דער ארדנונג איז איבערגעלאזען געווארען צו צוויי פאליציאנטען. דעם
אלטען משומד און א יונגען פאליציאנט, אבער די ביידע פאליציאנטען האט
מען אויך ניט געזעהן. שפעטער האט מען זיי ביידע געפונען ליעגען שיכור אין
רינשטאק און האלב טויט.

די גוים האבען געזעהן, אז דאס איז זייער געלעגענהייט צו רויבען
און צו מארדען, זיי האבען פון דיזער געלעגענהייט געמאכט א גוטען געברויד·
אויף מארגען נאך דער קרוינאציע איז אין קיין פענסטער קיין גאנצע שויב ניט

געוועז, און ווען ניט די ארבייט פון די אידישע קצבים און זייערע העלפערס. וועלכע זיינען ארויסגעלאפען אויפן גאס מיט מעסערס, חלפים און העק, וואלטען די פויערים, וועלכע זיינען געקומען צו דער קרוינאציע פון די ארומיגע דערפער, דאס שטעדטעל אין גאנצען פארוויסטעט. אבער אזוי ווי עס איז, האבען זיי אויך אנגעמאכט א פורכטבארען חורבן.

בעת עס איז פארגעקומען דיזער קליינער פאגראם אין שטעדטעל. זיינען געשטאנען דער דאקטאר און זיין פתו׳י פאר׳ן פענסטער און האבען געווארט צו זעהן, וואס דא וועט ווערען. זיי האט מען ניט געטשעפעט. דער דאקטאר איז געשטאנען פאר׳ן פענסטער אין פולער מיליטערישער יוניפארם און האט זיך געשפיעלט מיט זיין לאנגער שווערד. פאר א שווערד האבען די פויערים געהאט אפשיי. שטעהענדיג פאר דעם פענסטער האט דער דאקטאר באמערקט ווי א פרוי לויפט דורך די איינזאמע גאסען און לויפט איבער דעם בריק. ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, ווי א פרוי וואגט זיך אין אזא טאג אויפ׳ן גאס צו באווייזען, און ער האט ביי זיך געטראכט, אז די פרוי איז ניט אין גאנצען ביים זינען. וואוהין קען א אידענע געהן אין אזא טאג און אין אזא שטונדע, ווען אויסער שיכור׳ע פויערים און הינט זעהט מען קיין לעבעדיגען נפש ניט אויפ׳ן גאס? ער האט לאנג נאכגעפאלגט דער פרוי מיט זיין בליק ביז זי איז פארשוואונדען אויף יענער זייט טייך. דאן האט זיך דער אוועגד אויסגעשפרייט איבער דעם שטעדטעל. די שיכור׳ע פויערים זיינען געלעגען אין די רינשטאקען, די ניכטערנע זיינען זיך צופאהרען אין זייערע דערפער און די שטילקייט פון בית עולם איז געוועזן אויסגעגאסען אויף דעם שטעדטעל. איהרע אידען זיינען געשלאפען אין אויסגעראבירטע הייזער מיט צובראכענע פענסטער און האבען גע׳חלומ׳ט פון קייזער׳ס קרוינאציע.

ר׳ ירוחם דער קברן איז ניט געוועזן קיין שרעקענדיגער איד. ווען מען איז דרייסיג יאהר א קברן און מען וואוינט אין הקדש שטיבעל, וואו די מתים פארברייננגען אפט די לעצטע נאכט אויף דער ערד, איז מען ניט קיין פחדן. ר׳ ירוחם דער קברן האט מורא געהאט פאר א שכור׳ן גוי אבער ער האט ניט מורא געהאט פאר מתים, פאר דעם בית עולם, פאר שווארצע קעץ, פאר שדים און פאר רוחות. ער איז געוועזן דער איינציגער איד אין שטעדטעל, וועלכער האט ניט מורא געהאט אריינצוגעהן אין פאליש פון שוהל נאך צוועלף אזייגער ביינאכט, אדער פארבייצוגעהן פאר דער באד, פון וועלכער מענשען האבען געזאגט, אז לילית פארפיהרט דארטען מענליכע שדים און קעהרט וועלטען, און ער האט ניט מורא געהאט צו געהן יום כיפור ביי־נאכט פון דער שוהל צום בית עולם. וואו דער הקדש איז געשטאנען. דאס האבען מענשען ערקלעהרט דערמיט. וואס די מתים האבען איבער איהם קיין שליטה ניט, ווייל ער איז צו זיי גוט. ער האט קיין מאל קיין מת ניט באליידיגט און ער האט אלע מאל געטאן צו זיי זיין פליכט. איבערהויפט האט עס געהייסען, אז מיט יענער וועלט איז ער געווען א גאנצער נאש בראש, און ער האט זיך מיט די מתים געקענט צוזאמענריידען ווי מיט אייגענע מענשען. ער האט פאר זיי קיין סודות ניט געהאט און זיי האבען פאר איהם קיין סודות ניט געהאט. פאר די לעצטע דרייסיג יאהר איז ער געווען זייער שכן, באדיענער און בעסטער פריינד, און האט זיי קיין מאל ניט פוגע בכבוד געוועזן.

עס איז אבער איין מאל פארגעקומען, אז ר' ירוחם דער קברן האט זיך יא דערשראקען פאר דעם בית עולם. איין מאל ליגענדיג אויף זיין בעטעל אין מתים־שטיבעל איז דער שפעטער נאכט, איז ער פלוצלינג אויפגעשפרונגען פון שרעק און איז גלייך אויפגעשטאנען און אנגעצונדען א ליכט. זיין הויז־געזינד איז פעסט געשלאפען און זיין אויפשטעהען האט זיי ניט אויפגעוועקט. אנצינדענדיג זיין לעמפעל האט זיך איהם ווידער אויסגעדוכט ווי א פארבלאנדזשעטע שטימע שרייט אויף דעם בית עולם. דיזעלבע שטימע האט איהם אויפגעוועקט פון זיין שלאף. ר' ירוחם האט אפט געהערט אין שניידערישע קלייזעל אידען ריידען פון וואנדערנדע שטימען אויף דעם בית עולם אין מיטען נאכט. אבער ווען ער האט דערפון געהערט ריידען האט ער געשמייכעלט. ער האט געוואוסט, אז אויף דעם בית עולם איז ביי־נאכט שטיל און מען הערט דארטען ניט קיין שטימען. עס קען זיין, אז הערענדיג רייהען פון וואנדערנדע שטימען אויף דעם בית עולם, האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז ער הערט אזא שטימע און דער חלום האט איהם אויפגעוועקט. אבער אנצינדענדיג זיין לעמפעל, איז ער שוין געווען אויף, און ער האט גאנץ דייטליך געהערט א שטימע אויף דעם בית עולם. דא האט זיך אלזא ניט געקענט האנדלען מעהר וועגען א חלום, נאר וועגען א ווירקליכער שטימע. ווען ער האט שוין געהאט אנגעצונדען זיין לעמפעל, איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר, וועלכע פיהרט צום בית עולם, האט זי לאנגזאם געעפענט און ארויסגעשטעקט זיין קאפ, טאמער וועט ער נאך א מאל הערען די שטימע. ער האט אבער מעהר קיין שטימע ניט געהערט. ער איז געשטאנען א האלב פארטומעלטער און האט ניט געוואוסט וואס צו טאן. אויפוועקען זיין הויז־געזינד האט ער ניט געוואלד, טאמער איז דאס טאקע א חלום, און אליין שטעהן איז שטיבעל האט ער אויך ניט געוואלט. ער האט באשלאסען אפצואווארטען. אויב ער וועט נאך א מאל הערען די שטימע, וועט ער שוין וויסען וואס צו טאן. און עס האט ניט לאנג געדויערט און ער האט טאקע די שטימע נאך א מאל געהערט. איצט איז ער שוין אויפגעשווידערט געווארען. דאס איז אלזא ניט קיין חלום, נאר אן אמת'ע שטימע, א שטימע פון א מת.. און אויב ניט פון א מת, וואס פאר א שטימע קען דאס זיין? איצט האט ער אין גאנצען געעפענט די טיהר וואס פיהרט צום בית עולם, האט זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן שוועל, אבצואווארטען דעם נעקסטען קלאנג פון דער שטימע. אין א פאר מינוטען שפעטער האט ער טאקי געהערט א קלאנג פון א שטימע. דער קלאנג איז געווען א שוואכער און ווי עס ווייזט אויס, איז ער געקומען פון ווייטען, פון דעם אנדערן עק בית עולם.

פאר ר' ירוחם דעם קברן איז איצט געווען קלאהר, אז א שטימע וואנדערט ארום אויף דעם בית עולם און דערשראקען ווי ער איז געווען, איז ער אבער אויך געווען נייגעריג אויסצוגעפינען פון וואנען די שטימע קומט. ער האט אויפגעוועקט זיין העלפער, און האט איהם געבעטען ארויפצוכאפען אויף זיך א בגד און איהם נאכפאלגען אויף דעם בית עולם. דער העלפער, א גראבער מגושם'דיגער איד איז די זאך אזוי משונה'דיג פארגעקומען, אז ער האט צו־ערשט געגלויבט, דאס ירוחם איז אראפ פון זינען, אבער באלד האבען זייביידע געהערט א שטימע פון א ווייטען ווינקעל פון בית עולם. כמעט ביידע האבען געציטערט פאר שרעק, האבען זיי אנגעצונדען די ליכטארניע און זיך ארויס־געלאזען אויף דעם בית עולם נאכיאגען די שטימע. ר' ירוחם איז געווען ענט־

שלאסען אויסצוגעפינען ווער און וואס, אפילו ווען זיין נייגער זאל איהם קאסטען דאס לעבען. זיין העלפער האט איהם געמוזט פאלגען.

די נאכט איז געווען איינגעהילט אין געדיכטער פינסטערניש. און דערצו האט נאך געיאגט א ווילדער שטורם־ווינד דורך די רייהען קברים. ר׳ ירוחם׳ן האט זיך אויסגעוויזען, אז די שטימע קומט פון יענער זייט בית עולם. און ווען ער איז אוועקגעלאפען צום אנדערן עק פון בית עולם, פאלגענדיג דעם עכא פון דער שטימע, האט ער די שטימע דערהערט פון א גאנץ אנדערער ריכטונג. ער איז דאן מיט זיין העלפער געלאפען אין דער אנדערער ריכטונג, און ווען ער איז דארטען אנגעקומען, האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז די שטימע קומט פון א שטעלע לעבען דער הקדש שטיבעל. זיי זיינען ביידע געלאפען צוריק צום הקדש, זיך יאגענדיג נאך דער שטימע. דער ווינד האט געקענט שנעלער בלאזען, ווי זיי האבען געקענט לויפען, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם ארט, וואו זיי האבען געגלויבט, אז זיי האבען די שטימע געהערט, האט דער ווינט פארטראגען די שטימע אין אן אנדער ריכטונג. ביידע האבען אבער די שטימע, א קליינע אבער א קלאהרע און וויינענדיגע שטימע גאנץ דייטליך געהערט. זיי האבען זיך אזא לאנגע צייט נאכגעיאגט נאך דער שטימע ביז זיי זיינען ביידע געפאלען מיעד און אטעמלאז אויף דעם דיקען גראז פון אן אלטען קבר. ר׳ ירוחם׳ס העלפער איז שיעור געשטארבען פאר שרעק און האט געציטערט ווי א בלאט. ר׳ ירוחם איז אויך געווען דערשראקען אבער ער האט געהאט מעהר מוט. אלערליי שרעקליכע געדאנקען זיינען דורכגעלאפען דורך זיין קאפ. אפשר איז דאס גאר א טייוועל׳ס־שפיעל פון שדים ? אפשר האבען די אידען אין דער שניידערשער קלויז דאך רעכט.. ער איז געלעגען רוהיג און מיט אויסגעשטרעקטע אויערן. ער האט געוואלט אויסגעפינען פון וואנען דער קול קומט, אבער דער ווינט האט פארטראגען דעם קול, איהם געיאגט אין אלע ריכטונגען און עס איז געווען אונמעגליך נאכצושפירען פון וואנען ער הויבט זיך אויף. באלד האט זיך אבער דער ווינד בארוהיגט. ר׳ ירוחם האט געהאפט, אז איצט וועט ער באלד אויסגעפינען פון וואנען דער קול קומט, אבער ווען דער ווינט האט זיך בארוהיגט איז די שטימע פארשטומט געווארען. איצט איז איהם שוין פארגעקומען ווי ער וואלט אליין געמאכט א גרויסען טעות. אפשר איז דאס געווען א שפיעל פון נאכט־ווינד ? ווער ווייסט ? אלסדינג קען פאסירען. ווען ער האט געהאט בדעה צו זאגען זיין העלפער, אז ער האט געהאט א טעות, און מען דארף צוריקגעהן אין שטיבעל, האט ער אבער ווידער דערהערט די שטימע, און דאס מאל האט ער שוין געהערט קלאהר און פון וואנען די שטימע קומט. זי איז געקומען פון דעם ווינקעל ניט ווייט פון הקדש שטיבעל, וואו דער ארון שטעהט. ר׳ ירוחם און זיין העלפער האבען זיך באלד אוועקגעלאזט צום ארון, וועלכער איז אלע מאל געשטאנען ניט ווייט פון שטיבעל. וואס נעהנטער זיי זיינען געקומען צום ארון אלץ דייטליכער האבען זיי געהערט די שטימע, און זיי האבען זיך איבערציינגט, אז דאס איז א שטימע פון א לעבעדיגען נפש. די שטימע איז געווען קליין אבער קלאהר, און פול מיט יאמער.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ארון און ר׳ ירוחם האט אויפגעהויבען זיין ליכטארניע איבער דעם ארון האט ער דערזעהן א טויטע פרוי אין ארון. און לעבען איהר א קינד, וואס איז ניט לאנג געקומען אויף דער וועלט. די מו־

טער איז געווען טויט, און דאס קינד האט געלעבט. אויף מארגען האט דער דאקטאר דערצעהלט, אז ער האט אין מיטען פאגראם געזעהן א פרוי, דאכט זיך א שוואנגערע לויפען איבער דעם בריק, און פארשווינדען צום בית עולם צו.. פון פאגראב־שרעק איז זי אראפ פון זינען און צוליעב איהר מוטער־לאגיס האט עס איהר געטריבען אין אן ארט פון זיכערהייט. וואס איז זיכערער ווי דער ארון אויף דעם בית עולם ?....

נח'קע דעם משוגענעם'ס טראגישער סוף.

צו אלע גרויסע אינסטיטוציעס אין שטעדטעל האט אויך געהערט נח'קע דער משוגענער. נח'קע איז ניט געווען אן אנגעלאפענער אין שטעדטעל, ווי איינינע משוגעים, וועלכע האבען נאך פאר איהם געקיניגט אין דער אלטער באד. נאר ער איז געווען א בר אוריין. זיינע אבות אבותיו זיינען געווען איינגעפונדעוועטע בעלי בתים אין שטעדטעל, און ער איז געבארען געווארען מיט א גאלדענער לעפעלע אין מויל, אבער זיין משוגעת האט זיין פאמיליע רואינירט, און מיט דער צייט איז ער געבליבען דער איינציגער איבערלעבענדער מיטגליעד פון זיין פאמיליע. אזוי ווי אלע אין שטעדטעל האבען געוואוסט, אז ער איז א יחסן, דער זוהן פון א גביר און א למדן און דער איניקעל פון א גביר און א למדן, האט מען מיט איהם געהאט מעהר איינזעהעניש ווי מיט אן אנדער משוגענעם, און איהם האט קיין מאל ניט געפעהלט א בגד אדער א ביסען ברויט.

נח'קע איז געווען א איד פון א יאהר פערציג. ער איז געווען הויך, שלאנק, שעהן געוואקסען, מיט א שעהנער לאנגער בארד און מיט א פאאר שווארצע פייערדיגע אויגען. זיין משוגעת איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער האט ענטוועדער גאר ניט גערעדט אדער גערעדט צו זיך אליין, און ווען ער האט גערעדט צו זיך אליין, האט ער שטענדיג גערעדט פון ליעבע און פון זיין געליעבטער און האט גערעדט דייטש. נח'קע האט געהאט א שעהנעם לירישען טענאר און זיין שעהנע, מעטאלפולע און זיסע שטימע האט איהם געטריעבען צו משוגעת. דער טאטע איז געווען א רייכער מיליאנער און תבואה הענדלער. נח'קע האט אבער שוין אלס קינד געהאט א שם אלס זינגער, און איז געווען דער בעסטער משורר אין ר' שמואל דעם חזן'ס כאר. ווען ער איז עלטער געווארען, האט ער געוואלט שטודירען געזאנג און ווערען א זינגער. דער טאטע האט אבער געוואלט אז ער זאל דוקא ווערען א חזן. נח'קע איז אנטלאפען אין קעניגסבערג, האט זיך דארטען עטליכע יאהר ארומגעוואלגערט, האט זיך דערשלאגען צו דער קעניגליכער קאנסערוואטאריע פון מוזיק און האט פארשפראכען צו ווערען א גרויסער זינגער. וועגען א ניט ערקלעהרליכען גרונד איז ער פון קעניגסבערג אויסגעוויזען געווארען און איז געקומען אהיים נעהמען א פאס, אבער ער איז געווען א נעלם און האט קיין פאס ניט געקענט קריגען. דאן האט איהם דער טאטע געהאט אין די הענד. ער האט איהם געסטראשעט מיט אפגעבען פאר א זעלנער, אויב ער וועט ניט ווערען א מענש און זיך אפגעבען מיט מילנערייי און ווערען א בעל הבית ווי דער טאטע איז און ווי דער זיידע איז געווען. נח'קע האט ניט געקענט א ווארט רוסיש, און די איינציגע שפראך וואס ער האט יא געקענט, איז געווען דייטש. דער געדאנק פון געהן דיענען דעם רוסישען קייזער פיער יאהר, איז איהם עפעס ניט געפעלען און ער האט זיך דעם טאטען אונטערגע-

געבען. ער האט זיך ניט געקענט העלפען. אבער א מילנער און א תבואה הענד־לער איז ער ניט געווארען. פון אונטערדריקטען כעס און פון ערגערניש איז ער שטופענווייז אראפ פון זינען· צוערשט איז ער אריינגעפאלען אין א מעלאנ־כאליע, וועלכע דער טאטע האט געוואלט קורירען דורך קלעפ. ער האט דעם הערוואקסענעם זוהן פורכטבאר און מערדערליך געשלאגען.. גלויבענדיג אז זיין שווייגזאמקייט איז א מין צו להכעיס, און נאך איידער ער האט איהם אויפגע־הערט צו שלאגען, האט ער באמערקט, אז ער איז אין גאנצען אראפ פון זינען. א דול־הויז איז אין שטעדטעל ניט געווען און פאר דער רעגירונג האט ער גאר־ניט עקזיסטירט, ווייל ער איז געווען א „בראדיאגע" און האט אויך ניט געקענט אריינגעשפארט ווערען אין גובערניעסקען דול־הויז· דערפאר האט ער זיך גע־מוזט ארומטרייבען אין שטעדטעל ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. די שטעד־טעל האט פון איהם געמוזט ליידען, און זי האט פון איהם פורכטבאר געליטען. נח'קע האט ניט געהאט קיין באשטימטע שטונדען ווען צו שלאפען. אמאל האט ער זיך איוועקגעלעגט אין מיטען מארק אין העלען טאג און איז געשלאפען. אמאל איז ער געגאנגען אין דער אלטער באד שלאפען ביי־נאכט, און אמאל איז ער געקומען פאר מנחה אין בית המדרש, האט זיך אויסגעצויגען אויף א באנק און האט אנגעהויבען שנארכען פאר פיעלע שטונדען. ביי־נאכט איז ער לרוב געווען אויף, און איז ניט אימער געווען שטיל. ער האט ענטוועדער צו זיך אליין גערעדט אויפ'ן קול אדער ער האט געזונגען, און כאטש ער האט געהאט א שעהנע און זיסע שטימע, וואס איז געווען אנגענעהם צו הערען האט זיין זינגען אפט פערארורזאכט גרויס שרעק און אויפרעגונג.

אין די לאנגע ווינטער־נעכט, ווען דאס שטעדטעל איז געווען איינגעהילט אין פינסטערניש און ווען מען האט געקענט הערען, ווי דער ווינד זיפצט איז שוים פון דער נאכט, פלעגט נח'קע ארומוואנדערען דורך די פעראיינזאמטע גאסען און זינגען מעלאנכאלישע טרויעריגע לידער. אפט פלעגט ער זיך אפ־שטעלען פאר א פענסטער און זינגען מיט א טרויעריגער שטימע קדיש און א ניגון פון ימים נוראים און האט אזוי אויפגעריסען פון שלאף, ניט נאר די נאכט, נאך די דערשראקענע מענשען אין די הייזער· יעדער האט געוואוסט, אז דאס איז נח'קע דער משוגענער און פון דעסטוועגען האט זיך יעדער דער־שראקען, ווען זיין קול האט געקלונגען אין מיטען־נאכט. ביי־טאג דאגעגען פלעגט ער קיין מאל ניט זינגען, און וואס מענשען האבען ביי איהם געבעטען, אז ער זאל אמאל ביי־טאג זינגען האט ניט געהאלפען. א גאנצען טאג איז ער ארומגעגאנגען ענטוועדער אין גאנצען פארשוויגען אדער האט צו זיך אליין גע־רעדט· נאר ביי אלע אונפאסיגע געלעגענהייטען איז ער ווי אויף צו להכעים ערשיענען און האט אריינגעשטעקט זיין נאז. אזוי איז ער אמאל פלוצלינג ער־שיענען אין הויז פון ר' נחום וואלף גינזבורג, ווען מען האט זיך דארטען משמח געווען ביי א חתונה, האט זיך א ווייל ארומגעקוקט און האט פלוצלינג אנגע־הויבען זינגען מיט א זעהר טרויעריגען קול, "יתגדל ויתקדש שמיה רבא", אז די געסט האבען אויפגעציטערט, דער חתן איז געווארען בלייך ווי די וואנד און די כלה איז געפאלען אין חלשות. איידער מען האט געהאט די געלעגענהייט איהם ארויסצוווארפען, איז ער שוין געווען פארשוואונדען. נח'קע איז געווען א רוהיגער, אונשולדיגער מענש, אבער ער האט דורך זיינע משוגענע איינפאלען אנגעטאן דעם שטעדטעל פיעל צרות. מען האט ניט געהאט פון איהם קיין רוה

ביי־טאַכט און מען איז מיט איהם קיין מאָל ניט געווען זיכער ביי־טאָג. ווען צוויי אידען אין בית המדרש האבען זיך פאר דעם עמוד איינער דעם אנדערען אָנגע־פאַטשט, ווייל זיי האָבען זיך ניט געקענט אייניגען, ווער זאל זאָגען והוא רחום און דאווגען מעריב פאר'ן עמוד, איז נח'קע שטענדיג געווען א דריטער. ער איז עפּעס אויסגעוואַקסען פון אונטער דער ערד. בעת די פּעטש זיינען געפלויגען. האט ער זיך א כאַפּ געטהאן צום עמוד און האט אנגעהויבען זינגען מיט זיין זיסען קול והוא רחום און עס איז געווען שווער איהם פון עמוד צו באַזייטיגען. ווייל ער איז געווען א משוגענער, האט ער פאר'ן עמוד ניט געטארט דאווגען. ער האט שמואל דעם חזן אנגעטאן געברענטע צרות. דער חזן האט ניט געהאט קיין איבריגענס גרויסע שטימע און איז אויך ניט געווען קיין גרויסער מנגן. און האט אנגעהאלטען די שטעלע וועגען זכות אבות. שבת מברכים, ווען דער חזן האט געדאווענט אין בית המדרש, איז שטענדיג אויסגעוואקסען נח'קע, ווי פון אונטער דער ערד, האט זיך אוועקגעשטעלט ניט ווייט פון עמוד און האט דעם חזן אונטערגעהאלפען, און דעם חזן'ס שטימע געגען נח'קעס שטימע איז געווען ווי א סאלדאטסקער פּייקעל געגען א פידעל.. תשעה באב פלעגט ער קו־מען אויף דעם בית עולם און זינגען פריהליכע ליעדער, און קיינער האט זיך מיט איהם ניט געוואָלט אנהויבען. ערשטענס איז ער געווען א משוגענער און דאן איז ער געווען א שטאַרקער איד און האט געקענט געבען א קלאַפּ. אלע פאַרזוכען פון די דאָזאָרטצעס פון שטעדטעל איהם אריינצוגעבען אין גובערניעס־קען דול־הויז אין סובאלק, האבען זיך ניט איינגעגעבען. דער נאטשאלניק או־יעזדאַ האט גע'טענה'ט, אז אזא מענש ווי נח'קע עקזיסטירט גאר ניט, און איז קיין מאָל גאָר ניט געבאָרען געווארען. אפילו ווען עס האט זיך אמאל געמאכט. אז נח'קע האט דעם נאטשאלניק אליין איבערגעשראָקען, ווען ער איז מיט זיין פרוי געגאנגען שפּאַציערען אויסערן שטאדט, און דעם נאַטשאלניק'ס פרוי איז געוואָרען א דערציטערטע, און האט אָנגעהויבען שרייען פאר שרעק, האט דער נאַטשאלניק אלץ ניט אַנערקענט, אַז נח'קע עקזיסטירט. לויט דעם זאָקאָן האט נח'קע ניט עקזיסטירט און די שטעדטעל האָט געמוזט פון איהם ליידען, כאָטש ער האט איהר אנגעטאן געברענטע צרות.

נח'קע האט נאטירליך ניט געהאט קיין היים. ער האט זיך אויפגע־האַלטען ענטוועדער אין דער אַלטער באָד, אדער אין פּאָליש פון בית המדרש. אָדער וואו עס איז אין אַ פאַרלאָזענער כאטע, וואס איז פון קיינעם ניט באנוצט געוואָרען. נאר ווען ער האט זיך געפיהלט קראנק, ווען איהם האט עפּעס וועה געטאָן, פלעגט ער קומען צו ר' אליהו דעם שוסטער און זאָגען, אז ער געהט שטאַרבען, ווייל אלע אָפּערא־הייזער זיינען אפּגעברענט געווארען. ר' אליהו דער שוסטער, אַן אַלטער קלוגער און זעהר פריינדליכער מענש, וועלכער איז אמאָל געווען אַ גאַנצע בן־בית אין הויז פון נח'קע'ס פאטער, האט שוין גע־וואוסט, אז ווען נח'קע קומט און הויבט אָן רעדען פון שטאַרבען. פעהלט איהם עפּעס, און ער האט קיין מאָל ניט פארפעהלט אריינצורופען דעם רופא אדער דעם פעלדשער און קריגען פאר נח'קען א רעצעפּט אדער סתם באַבּסקע רפואות.

נאָך ימים טובים איז נח'קע געקומען צו ר' אליהו'ן און האט אנגע־הויבען וויינען. ווי שטענדיג האט ער געזאגט, אז ער געהט שטאַרבען און האט געוואלט, אז ר' אליהו זאל איהם צו זאגען דאס, ווען ער וועט שטאַרבען זאל

דער גאַנצער כאַר פון דעם חזן געהן אויפ'ן בית עולם און זינגען לעוואַנדאַווער־סקי'ס קדיש. אזוי ווייַנענדיג און האט זיך נח'קע צוהוסט און ר' אליהו האט געמיינט, אז נח'קע וועט שוין דעם אטעם ניט כאַפּען, און וועט דערשטיקט ווע־רען הוסטענדיג. אַזאַ הוסטען האט דער אַלטער ר' אליהו נאך קיין מאָל ניט גע־הערט. אָבער נח'קע איז דאך געקומען צו זיך, און האט זיך בארוהיגט. ר' אליהו, וועלכער האט פאַרלאָרען צוויי יונגע זיהן, בארשטענארבייטער, און האט פארשטאַנען אויף א הוסט, האט באַלד באמערקט, אז נח'קע איז א קאַנ־דידאַט פאַר ר' ירוחם דעם קברן. ער איז געווען א דושלעוואַער און וואהרשיינ־ליך אין די לעצטע שטופען פון שווינדזוכט. נח'קע איז ארומגעגאַנגען האלב נאַ־קעט זומער און ווינטער, האט זיך אַרומגעוואַלגערט אין פייכטקייט און שמוטץ און געוואָרען א טשעכאָטעטשניק. דער פעלדשער איז באַלד געקומען און האט באשטעטיגט, אז נח'קע ליידעט פון שווינדזוכט, און ער איז א געפאהר פאַר דער שטאָדט, ווייל ווי ער טרייבט זיך ארום, און ווי ער לעבט, קען ער די קראַנק־הייט אָנשטעקען, ספּעציעל צווישען קינדער, וועלכע האבען ליעב געהאט זיך מיט איהם צו שפּיעלען. ר' אליהו האט דערפאַר שוין נח'קען ניט מעהר אוועק־געלאָזען. ער האט איהם געמאכט א געלעגער פון שטרוי אויף דעם בוידעם פון זיין הייזקע לעבען קוימען, און האט פאַרזוכט איהם דאַרטען צו האלטען. עט־ליכע טעג איז ער דאַרטען געלעגען איינגעהילט אין אַלטע באַלאַטען און גע־הוסט. ר' אליהו'ס אידענע האט איהם געגעבען יעדען טאג מילך און וואַרימע געקעכטס, און ביידע אַלטיטשקע האבען געהאפט, אז ער וועט דאַרטען בלייַ־בען ביז ער וועט אויסהויכען זיין לעצטען אטעם. כאטש ר' אליהו איז אליין גע־ווען אַ גרויסען עני מרוכה, האט ער אליין געוואָלט טראגען די לאַסט און האט ביי קיינעם קיין זאך ניט געבעטען. ער איז געווען באַרייט צו טיילען מיט דעם משוגענעם, וועלכער איז געווען טויט קראַנק זיין לעצטען ביסען ברויט, אַבי פאַרהינדערען אז ער זאָל ניט ארומלויפען אויף די גאַסען אָדער אין בית המדרש און פאַרשפּרייטען די קראַנקהייט.

אבער שוין אין עטליכע טעג ארום, איז נח'קע פאַרשוואונדען פון ר' אליהו'ס בוידעם. מען האט איהם ארומגעזוכט איבער דער אַלטער באַד, אין הקדש, אין די כאַטעס, וואו ער האט זיך אַמאָל אויפגעהאַלטען, און מען האט איהם ניט געפונען. אין שטעדטעל האבען דאן אַלע געגלויבט, אז ער איז ארומ־בלאַנדזשענדיג געפאַלען טויט, און אז פריהער אָדער שפּעטער וועט מען זיין טויטען קערפּער געפינען און איהם ברייַנגען צו קבר ישראל. עס זיינען אוועק טעג און וואָכען, און פון נח'קען איז נאך אַלץ קיין שפּור ניט געווען. אַלע אין שטעדטעל האבען געוואוסט, אז זיינע טעג זיינען געצעהלט. אז ער איז פאַר די לעצטע פופצעהן יאהר געווען א לאַסט פאַר זיך און א לאַסט פאַר דער וועלט. און פון דעסטוועגען האבען אַלע געהאַט גרויס צער פון זיין פאַרשווינדען. יע־דער האט געהאַט מיט איהם מיטלייד און יעדער האט אויסגעדריקט די האָפ־נונג, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט מען איהם געפינען לעבעדיג אָדער טויט. ווייל נח'קע האט ניט געהאַט וואו צו געהן און פון זיין משפחה איז שוין אין שטעדטעל קיין זכר ניט געבליבען. טאַטע מאַמע זיינען געשטאָרבען פאַר צער. און די צוויי ברידער זיינען אוועק פון שטעדטעל און מען האט פון זיי קיין מאָל ניט געהערט. זיי האבען זייער ברודער ניט געקענט העלפען און זיי האבען ניט געוואָלט זעהן יעדען טאג זיין צער און דורכלעבען יעדען טאג אַזעלכע

חרפות פון זייער גייסטעס־קראנקען ברודער. נח'קע איז געווען עלענד ווי די נאכט, וועלכע ער פלעגט אפט דורך זיין זינגען אויפרייסען פון שלאף, און איז געבליבען אין שטעדטעל אהן יעדען קרוב און גואל. דער אלטער שוסטער איז געווען זיין איינציגער באשיטצער.

מען וואלט אפשר קיין מאל ניט געוואוסט, וואס פון נח'קען איז געווארען, און ווי ער האט פארבראכט זיינע לעצטע טעג, ווען ניט א בריעף פון נאטשאלניק אויעזדא צום קאזיאנעם רב אין וועלכען דער נאטשאלניק האט איהם מיטגעטיילט, אז אן אפיציעל ניט עקזיסטירענדע אידישע פערזאן פון דעם שטעדטעל איז געבראכט געווארען אין גובערניעסקע דול־הויז געשמידט אין קייטען. דער נאטשאלניק האט פון דעם קאזיאנעם רב געוואלט וויסען, ווער דינע אפיציעל ניט עקזיסטירענדע פערזאן איז, אויב ער האט נאך קרובים אין שטעדטעל, וועלכע זיינען בארייט צו קומען אין סובאלק און עפעס טאן פאר דעם משוגענעם, וועלכער געפינט זיך אין די לעצטע שטאדיען פון שווינדזוכט, און וועלכער איז אויך שולדיג אין א] אונגעהערטען פארברעכען, פאר וועלכען מען קען איהם אבער ניט באשטראפען, ווייל ער איז א משוגענער.

אזוי ווי נח'קע האט אין שטעדטעל מעהר קיין קרוב און גואל ניט געהאט, איז קיינער ניט געפאהרען אין סובאלק, און ער איז אין דעם דארטיגען דול־הויז געשטארבען און איז ניט געקומען צו קבר ישראל. וואס זיין פארברעכען איז געווען, ווי אזוי ער איז געקומען אין גובערניעסקען דול־הויז, ווער עס האט איהם ארעסטירט, איז קיין מאל ניט באקאנט געווארען. מען האט נור געוואוסט, אז אין זיין יוגענט האט נח'קע זיך פארליעבט אין א שיקסע, מיט וועלכער ער האט זיך געהאט באקענט אין דייטשלאנד, און אז די שיקסע איז געווען די טאכטער פון א דייטשען גוטס־באזיטצער, ניט ווייט פון דער גרענעץ, און אז דאס איז געווען איינע פון די אורזאכען, פארוואס זיין פאטער האט איהם ניט ערלויבט צוריקצופאהרען אין קעניגסבערג. עס וואלט איהם ניט געארט, ווען ער וואלט געווארען א זינגער, אבער ער האט ניט געוואלט, אז זיין זוהן זאל ווערען א משומד אדער חתונה האבען מיט א שיקסע. אין שטעדטעל האט נח'קע קיין פארברעכען קיין מאל ניט באגאנגען, און אין שטעדטעל האט מען געטראכט, אז אפשר האט ער אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען באגאנגען א פארברעכען געגען זיין אמאליגע געליעבטע. דאס זיינען אבער אלץ געווען סברות. עפעס ריכטיגעס און באשטימטעס האט מען ניט געוואוסט, און דער רעטזעל איז קיין מאל ניט געלעזט געווארען.

וואס אלעמען האט אין שטעדטעל אם מייסטען פארדראסען איז, וואס נח'קע איז ניט געקומען צו קבר ישראל, און וואס עס איז קיינער ניט געווען וועלכער זאל נאך איהם זאגען קדיש.

ווען זיין טרויעריגער סוף איז אין שטעדטעל באקאנט געווארען, האבען אלע געזיפצט און געזאגט: דאס קומט דערפון, וואס א איד טעמט זיך אריין אין קאפ צו ווערן א קריסטליך דייטשער כלי־זמר. ווען ער וואלט געזעסען און געלערנט, וואלט ער ניט משוגע געווארען, וואלט געלעבט ווי א איד און וואלט געשטארבען ווי א איד. אלע צרות קומען אויף אידען פון ניט וועלען לערנען.

אבער נאך מעהר ווי דאס שטעדטעל איז געווען טרויעריג איבער דעם טראגישען טויט פון נח'קען איז עס געווען נאך טרויעריגער, וואס ס'איז געבלי־

בען אהן א משוגענעם, עס האט נעהאט א צווייטען משוגענעם. יודקע, וועלכער איז אבער פרייוויליג אוועק פון שטעדטעל, נאכדעם ווי ער האט אין בית המדרש אפיציעל גענעבען די ידיעה, אז ער געהט אוועק פון שטעדטעל. מיט נח'קעס טויט איז דאס שטעדטעל געבליבען אין גאנצען אהן א משוגענעם, און יעדער האט דאס שטארק געפיהלט, קיינער האט זיך קיין מאל ניט געקענט דער־מאהנען די צייט, ווען דאס שטעדטעל איז אין גאנצען געווען אהן א משוגענעם. די אינגלאך אויפ'ן שוהל־הויף האבען זיך ניט געהאט מיט וועמען צו שפיע־לען און די אלטע אידען אין באד האבען גיט געהאט, וועד עס זאל זיי רייבען מיט'ן בעזימעל, און די אלטע ווייבער האבען ניט געהאט אז וועמען צו טאן א מצוה און געבען אפצועסען.

ווען עס וואלט זיך אין שטעדטעל נעפונען א מענש צו ברייגנען א משוגענעם פון אן אנדער שטאדט, וואלט מען איהם געווען דערפאר זעהר דאנקבאר, ווייל א שטעדטעל אהן א משוגענעם איז עפעס ווי א דאך אהן א קוימען.

די באָרד אלס קרוין.

אין שטעדטעל איז געווען איין איינציגער צירולניק און ער האט זיך מפרנס געווען ניט פון די אידען נאָר פון די גוים· קיינער אין שטעדטעל האט זיך ניט געגאָלט די באָרד אַ חוץ די העלפערס ביי די קצבים, און אַ פּאָאַר הפקר יונגעז. אפּשערען די האָאר פון קאָפּ, איז נים געווען די ספּעציאַליטעט פון דעם צירולניק. די מאַמעס זיינען געווען צירולניטצעס פאר זייערע קינדער און אויך די עלטערע מענשען האבען געקאנט האלטען אין האנד א צירולניקס שער. צום צירולניק זיינען געקומען גוים, דער בירגער־מייסטער, דער נאטשאל־ניק אויעזדא, אנדערע קלענערע טשינאָווניקעס, רייכע פּויערים פון די ארומיגע דערפער און ערב יום טוב אויך די בעלי בתים פון שטאָדט. א גאנץ יאהר האט מען ביים צירולניק געזעהן ווייניג וואס אידען, א חוץ ר׳ גבריאל דער ראש הקהל, א שעהנער איד מיט א לאַנגער שוואַרצער באָרד. ער איז געווען דער איינציגער איד אין שטאדט וועלכער פלעגט געהן צום צירולניק אלע פּאָאר וואכען, און דער צירולניק האט איהם אפּגעגעבען זעהר פיעל צייט. ר׳ גבריאל׳ס באָרד איז שטענדיג געווען ניט נור געקעמט נאָר אויך פיין צוגעסטו־קעוועט, און אין שטעדטעל, האט מען צוגערשט אפּט דערפון גערעדט און זיך געוויצעלט. באזונדערס די עלטערע אידען האבען דאס ניט געקענט ליידען. אָבער דערפאָר האָט ר׳ גבריאל נושא חן געווען ביי די ווייבער און ביי דער יונגוואַרג· אַזוי ווי ער איז געווען אין שטעדטעל זעהר געאַכטעט, האט קיינער ניט געוואַגט איהם צו זאגען אין די אויגען, וואס מען דענקט פון זיין שפּיעלען זיך מיט דער באָרד און זי אפּהיטען ווי אַן אוצר. ר׳ גבריאל איז געווען דער ראש הקהל, ניט ווייל ער איז געווען איינער פון די דאזאַרטצעס פון שטאָדט. אָדער ווייל ער איז געווען דער גביר פון שטאָדט אָדער דער גרעסטער למדן אין שטאָדט. נאָר ווייל ער איז געווען זעהר אַ בכבוד׳יגער איד. זיין גאנג איז געווען ווי פון אַ ראש הקהל, פול מיט ווירדע און שטאָלץ. זיינע באַוועגונגען זיינען געווען ווי פון אַ ראש הקהל, לאַנגזאַם און פייערליכע· ווען ר׳ גבריאל איז געגאַנגען אין דער פריה פון בית המדרש האבען איהם אלע געזאגט א פריינדליכען גוט מאָרגען און ער האט געענטפערט דעם גרוס מיט א קאַלטער. מאַיעסטעטישער פייערליכקייט. ער האט קיין מאָל ניט געשמייכעלט, ער האט קיין מאָל ניט גערעדט שנעל, ער האט קיין מאָל ניט ארויסגעוויזען קיין כעס אָדער אויפרעגונג, און האָט זיך שטענדיג אויפגעפיהרט, ווי אַ ראש הקהל דאַרף זיך אויפפיהרען. ער איז געווען דער איד אין שטעדטיל צו וועמען אלע פלעגען קומען בעטען עצות, און ער האט קיינעם ניט אפּגעזאגט, נאָר עס האט גענומען אַ ביסעל צייט איידער ער האט געגעבען די עצה. ער האט זיך אלע מאָהל רו־היג צוגעהערט, זיך דאָן דעם גאנצען ענין לאַנגזאַם איבערגעלעגט, דאָן פאַר־

קארטשעט דעם שטערן און געקעמט די לאנגע שווארצע באָרד מיט די פינף לאנגע און שמאהלע פינגער פון זיין רעכטער האנד און האט געמאכט א זעהר פייערליכע מיענע. ערשט דאן האט ער ארויסגעזאגט זיין מיינונג און געגעבען אן עצה וואס צו טאן און מען האט איהם שטענדיג געפאלגט. ער האט ארויס־געזאגט זיין ווארט לאנגזאם און מיט דער זיכערהייט פון אן אורים ותומים. און קיינער האט ניט געוואגט איהם צו ווידערשפרעכען, דען ער איז געוועזן דער שעהנסטער און פיינסטער איד אין שטעדטעל, און ער האט געגאלטען אלס דער קלינסטער און איבערלעגטעסטער איד. א קליינינקייט ר׳ גבריאל, דער גרעס־טער הדרת פנים מיט דער שעהנער באָרד און מיט דער פירשטליכער האלטונג! איהם האבען אלע רעספעקטירט. אפילו ווען די צוויי סטראזשניקעס אין שטע־טעל זיינען געוועזן שכור און האבען ניט געקענט שטעהן אויף די פיס פון לוי־טער שכרות, האבען זיי קיין מאל ניט פארפעהלט צו זאגען צו ר׳ גבריאל א פריינדליכע "זדראסטוואוטע" ווען זיי האבען איהם דערזעהן. ווען דער נאט־שאלניק אויעזדא האט ארויסגעגעבען זיין שרעקליכע גזרה פון טשיסטאטא. און מען האט געדארפט האבען א מאן, וועלכער זאל זיך מיט איהם זעהן, און ביי איהם פועל'ן אז ער זאל ארונטערנעהמען די גזרה, האט מען קיין בעסע־רען ניט געפונען ווי ר׳ גבריאל. מען האט געוואוסט, אז דער נאטשאלניק וועט איהם אזוי לייכט ניט קענען אפזאגען, און דער אמת איז געוועזן, אז דער נאטשאלניק האט איהם זעהר רעספעקטירט און אויך דעם נאטשאלניק'ס פרוי האט פאר איהם געהאט א פריינדליך ווארט. דערפאר איז ער געוועזן דער טאט־זעכליכער ראש הקהל, כאטש קיינער האט אים ניט געוועהלט אדער באשטימט פאר דעם אמט.

ר׳ גבריאל איז ניט געוועזן קיין גביר. מען האט קיין מאל ניט גע־וואוסט, צי ער איז רייך צי ניט, אבער מען האט געוואוסט, אז ער איז געוועזן א מעקלער, און האט געהאנדעלט מיט אלסדינג וואס האט זיך געמאכט. ער איז געוועזן א מעקלער אויף הייזער, אויף פערד, אויף סחורה, און באזונדערס אויף גענז און האט פון זיין מעקלעריי געהאט א פיינע פרנסה. אפילו ווען ער איז ניט געוועזן דער אייגענטליכער מעקלער אין א געוויסען משא ומתן, האט ער אלץ געקראגען די מעקלעריי, דען ווער וועט עס געהן האבען א ויכוח אדער גאר א דין תורה מיט ר׳ גבריאל דעם ראש הקהל? ער האט געקענט טהאן א טובה, און דאן האט זיך קיינער ניט געוואגט מיט איהם איינצורייסען. פאר איהם האט יעדער געהאט אבשיי. ער האט נור געדארפט אויפהויבען א ביסעל די קאפ און אריינשטעקען די פינף פינגער פון זיין רעכטער האנד אין זיין לאנגער, שעה־נער באָרד און ער האט אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט אויספיהרען. מען האט פאר איהם געהאט מעהר אבשיי ווי פאר דעם רב און פאר דעם דאק־טאר, כאטש ער איז גאר ניט געוועזן קיין למדן און איז געוויס ניט געוועזן א מענש מיט וועלטליכער בילדונג. ער האט מסתמא פארשטאנען פירוש המלות. און איז אויך געוועזן דער בעל קורא פון קלויז אבער א למדן איז ער ניט גע־וועזן. אבער די ניט־לומדים האבען איהם געהאלטען פאר א גרויסען למדן און די אלטמאדישע אידען האבען איהם געהאלטען פאר א גרויסען משכיל און הא־בען איהם באוואונדערט. ער איז אין זייערע אויגען געוועזן דער איינציגער משכיל אין שטעדטעל, וועלכער איז געוועזן אן עהרליכער איד. דאס האט אויך דערצו געפיהרט, אז אלע זאלען האבען צו איהם פארטרויען, און אלע אידען

אין שטעדטעל האבען מאקי געשווארען אויף זיין עהרליכקייט און אנשטענ־דינקייט. אויב ער איז ניט געווען קיין למדן און קיין משכיל, איז ער אבער גע־ווען דער חשוב'סטער איד אין שטעדטעל און מיט איהם האט קיינער קיין ליצנות ניט געטריבען. אין זיין געגענווארט האט מען ניט גערעדט קיין רכילות און לשון הרע און מען האט ניט ארויסגערעדט קיין מיאוסע ווערטער, און גרויס איז דער אבשיי פאר איהם געווען.

אין ר' גבריאל דער ראש הקהל געווען א קלוגער איד, איז ער געווען א חריף, איז ער געווען א מאן מיט פיעל שכל? דאס האט אייגענטליך קיינער ניט געוואוסט. מען האט פון איהם קיינמאל ניט געהערט אן איבעריג קלוג ווארט, אזוי ווי מען האט פון איהם קיין מאל ניט געהערט קיין נארישקייט אדער קיין אונאיבערלעגטעס ווארט. מען האט אויך ניט געוואוסט, צי ער איז געווען זעהר פרום, אבער מען האט געוואוסט, אז ער איז א איד מיט שטאאט. אין בית המדרש האט ער געהאט א שטאדט לעבען רב, אין קלויז האט ער געהאט א שטאדט אין מזרח. ער איז קיין מאל ניט אויסגעגאנגען שמונה עשרה פאר דעם רב. ער האט אפט ארייגעקוקט אין א ספר אבער צי ער איז געווען א למדן האט מען ניט געוואוסט, ווייל ער האט ניט געהערט צו דער חברה ש"ס און האט אייגענטליך צו קיין חברה ניט געהערט. די גאנץ קלוגע אידען אין שטעדטעל האבען געהאט זייערע אייגענע מיינונג וועגען ר' גבריאל, און ווען ער איז ניט געווען דערביי, האבען זיי געזאגט, אז עס זיינען פארהאן אידען, וועלכע הא־בען זייער שכל אין מח, און פאראן אידען וועלכע האבען זייער שכל אין בארד. און ר' גבריאל האט געהערט צו די אידען, וועלכע האבען פיעל שכל, אבער ניט אין מח נאר אין בארד... דאס איז אבער אויך ניט געווען אין גאנצען אמת. ווייל ר' גבריאל דער ראש הקהל האט אויך געהאט שכל אין מח. דאס האט מען געזעהן פון די שידוכים וואס ער האט געמאן פאר זיינע טעכטער.

ר' גבריאל האט געהאט איין זוהן און דריי טעכטער. זיי זיינען ניט געווען קיין גרויסע שעהנקייטען, כאטש מען קען ניט זאגען, אז זיי זיינען גע־ווען מיאוס. זיי זיינען געווען מיידלאך ווי טויזענד אנדערע, און ווען זיי וואל־טען ניט געווען גליקליך אין אויסקלייבען אזא פאטער, א חשוב'ען און בכבוד־טען אידען, וואלטען זיי ענטוועדער גרוי געווארן איידער זיי וואלטען געקרא־גען פאסענדע מענער אדער זיי וואלטען חתונה געהאט מיט ארימע ישיבה בחורים. ר' גבריאל האט אבער געקראגען די שעהנסטע איידימס פאר זיינע טעכטער. די עלטסטע טאכטער, ברײנקע, האט חתונה געהאט מיט א זוהן פון אן אויפגעקומענעם גביר פון שטעדטעל, וועלכער איז געווען פריי פון פריזיוו. א צווייטע טאכטער האט חתונה געהאט מיט דעם זוהן פון דיין, וועלכער האט גע־האט א גרויסע אייזענקראם און איז שוין פאר דער חתונה געווען אן עושר און די אינגסטע טאכטער האט חתונה געהאט פאר אן עילוי, וועלכער איז געווען סיי א מוסמך און סיי א געענדיגטער פון א גימנאזיע און האט שפעטער שטו־דירט אפטייקער. דער אינגסטער איידים איז געווען דער גראטענסטער, און ער האט געמיינט, אז ער פאלט דא אריין אין א שמאלצגרוב און וועט כאטש קריגען די צוואנציג טויזענד רובעל נדן. דער חתן האט ביז דעם טאג פון די תנאים גאר ניט געוואגט צו ריידען פון נדן, און איז דעם אווענד ווען די תנאים זיינען געשריבען געווארען און דער חתן האט עפעס יא געפונען מוטה צו ריידען וועגען נדן, האט ר' גבריאל פארקארטשעט זיין הויכען שטערן. אויפגעהויבען

די קאפּ און אריינגעשטעקט די פינף פינגער פון זיין רעכטער האנד אין זיין
לאנגע שעהנע באָרד און געזאגט צום יונגען מאן לאנגזאם און פייערדיג: ר׳
גבריאל׳ן דארף מען ניט דערמאהנען אן זיין התחייבות צו קינדער און ביי ר׳
גבריאל׳ן האט נאך קיינער קיין זאך ניט געמאהנט, ווייל ער איז קיינעם קיין
גראשען ניט שולדיג, און דו מיין זוהן וועסט אויך קריגען אלסדינג וואָס עס
קומט דיר, און רייד נישט קיין נארישקייטען, דער יונגער מאן איז געווען ווי
באצויבערט פון ר׳ גבריאל׳ס ווערטער און האט שוין פון נדן קיין ווארט ניט
גערעדט. נאך דער חתונה האט ער געקראגען א פּאָאר הונדערט רובעל צו פאה־
דעל אין ווארשא שטודירען, און ר׳ גבריאל האט געגעבען דעם יונגען איידים
די עצה טובה ניט אויפצועסען דעם נדן, נאר זיך מפרנס זיין אין ווארשא פון
נעבען שטונדען.. אזוי האט טאקע דער יונגער איידים געמוזט טאן .

ר׳ גבריאל האט נאטירליך געהאט א פרוי און האט אויך געהאט א
שעהנע פאמיליע, אבער אין שטאָדט האט מען נור געוואוסט פון ר׳ גבריאל,
פון זיין ווייב האט מען קיין מאל ניט גערעדט, עפּעס אזוי ווי זי וואלט גאר
ניט געלעבט און פון זיינע קינדער האט מען אויך ניט פיעל גערעדט. נור זיין
נאמען האט געשיינט.

דעם גרעסטען כבוד האט איהם די שטעדטעל אפּגעגעבען, ווען דער
גובערנאטאָר איז דורכגעפאָהרען דורכ׳ן שטעדטעל און מען האָט געדאַרפט
אויסקלייבען א קאמיטעט, וואס זאל געהן דעם גובערנאטאר באגריסען אין נא־
מען פון שטאדט. ווידער האט מען אויסגעקליבען ר׳ גבריאל׳ן און ער איז פון
דעם כבוד גאר ניט נתפעל געווארען. ער האט געוואוסט אז דער כבוד קומט
איהם. ווען דער גובערנאטאר איז אנגעקומען אין שטעדטעל און האט אויפגע־
נומען די פארטרעטער פון שטאָדט, א גרופּע פון פינף בעלי בתים, איז איהם
אויך באַלד איינגעפאַלען די געשטאלט פון ר׳ גבריאל און ער האָט איהם באַלד
אריינגעצויגען אין א געשפּרעך. ער האט איהם געשטעלט פראגען און ר׳
גבריאל האט אויף די פראגען געענטפערט קורץ און ווירדיג און דער גובערנא־
טאר האט אויך געהאט דעם איינדרוק אז דיזער שעהן געוואקסענער איד מיט
דער שעהנער לאנגער בארד איז זעהר קלוג און א גאנצער שטאאטסמאן. אין
שטעדטעל האט מען שפּעטער פיעל גערעדט פון דעם כבוד וואס ר׳ גבריאל האט
געהאט, ווען דער גובערנאטאר אליין האט איהם אריינגעצויגען אין א לענגערען
געשפּרעך און יעדער איז נאטירליך געווען שטאלץ אויף דעם ראש הקהל און
האט נאך פאר איהם געהאט מעהר אָבשיי ווי פריהער. אלע כיבודים וואס א
חשוב׳ער בעל הבית האט געקענט קריגען אין בית המדרש אדער אין קלויז.
האט ר׳ גבריאל געקראגען, שלישי און מפטיר יונה יום כיפור, און אלע האבען
געוואוסט, אז דיזע כיבודים קומען איהם, דען אויב ניט איהם וועמען דען?
ר׳ גבריאל האט אויך געוואוסט זיין ווירדע אנצוהאלטען. מען האט פון איהם
קיין מאָל ניט געהערט א הויך וואָרט אדער א ניט שעהנעם ווארט און ער האט
זיך קיין מאָל ניט געמישט אין יענעמס עסקים, און האט קיין מאל ניט געענט־
פערט, ווען מען האט איהם ניט געפרעגט, און האט אויסגעמידען מחלוקת. קיי־
נער האט זיך מיט איהם קיין מאָל ניט געקריעגט און אפילו די אינגלאך אין
בית המדרש וועלכע האבען פאר קיינעם קיין דרך ארץ ניט געהאט אויסער פאר
דעם רב, האבען פאר איהם געהאט גרויס דרך ארץ. ווען ער איז אריינגעקומען
אין בית המדרש אדער אין קלויז פאר מנחה און האט געפונען אינגלאך וועלכע

שטיפעז און טהוען אז מעשים, האט ער נור אויף זיי געדארפט געבען א ק״ס, אז זיי זאלען זיך אוועקזעטצען רוהיג אדער אין גאנצען ארויסגעהן פון בית המדרש. פאר ר׳ גבריאל׳ן האט דער בעקער געבאקען מצה שמורה צו דערזועלבער צייט, ווען ער האט געבאקען פאר׳ן רב, ער האט שטענדיג געהאט דעם שעהנסטען אתרוג, און ווען מען איז געגאנגען פון בית המדרש מחדש זיין די לבנה איז ער געשטאנען אין דער ערשטער רייהע מיט דעם רב, און ביי א ברית אין שטעדטעל האט ער געקראגען די גרעסטע כיבודים. ווען עס איז אויסגעקומען פארבייצוגעהן די קראמען אויף דעם מארק, ווען די קרעמער זיינען געזעסען אויף ביינקלאך פאר זייערע קראמען און האבען געשמועסט, זיינען זיי שטענדיג פאר איהם אויפגעשטאנען און האבען איהם געזאגט א הארציגען גוטען טאג אדער גוט מארגען.

ר׳ גבריאל, כאטש ניט קיין עושר, ניט קיין למדן, ניט קיין משכיל און ניט קיין יחסן, איז געווען דער אונגעקרוינטער קעניג פון שטעדטעל. ער איז ניט געווען קיין דאזאר און דאך איז ער געווען דער ראש הקהל, ער איז ניט געווען דער גבאי פון בית המדרש און איז דאך געווען דער בעל הבית פון בית המדרש. ער האט ניט געקענט קיין רוסיש און איז געווען באפריינדעט מיט נאטשאלסטווא, און זיין עצה איז געווען די איינציגע מעגליכע עצה, און זיין ווארט איז געווען געזעטץ. ער איז געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל וועמען קיינער האט ניט געוואגט צו ווידערשפרעכען, ניט יונג און ניט אלט. ער האט זיך מיט קיינעם ניט גע־חבר׳ט און יעדער איז געווען זיין פריינט. און ער איז געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל, וועלכער איז שטענדיג געגאנגען איינער אליין, אהן באגלייטונג. און געגאנגען איז ער שטאלץ, לאנגזאם, פייערליך, ווי א קעניג געהט צום טהראן. ווען די גרויסע שרפה איז אויסגעבראכען, און דער פייער האט זיך אזוי שנעל פארשפרייט, אז די מענשען אין די דערבייאיגע געסלאך האבען זיך געפונען אין געפאהר און די מהומה און פארווירונג איז געווען אזוי גרויס, אז קיינער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן אחוץ לויפין אין שוהל און זאגען תהלים, האט זיך ר׳ גבריאל ארויפגעלאזען אין דער באינע געסעל, וואו די שרפה איז אויסגעבראכען, און האט אנגעהויבען קאמאנדירען, אז אלע האבען געוואוסט, אז ווען ניט ער וואלט דאס גאנצע שטעדטעל אוועק מיט׳ן רויך. איהם האט מען געפאלגט און ער האט געהאלפען דאס פייער אויסלעשען. ווען ער האט געהייסען געהן צום ברונען און ברייגנען וואסער און גיסען, האט מען דאס געטאן. ר׳ גבריאל האט געקענט קאמאנדירען. ווייל איהם האבען אלע געפאלגט און צו איהם האבען אלע געהאט דעם גרעסטען צוטרויען, ביז עס איז געקומען איבער איהם אן אונגליק, וואס האט איהם רואינירט און געטריבען אין א פריהצייטיגען טויט.

באלד נאך דער שרפה איז ר׳ גבריאל קראנק געווארען און איז ניט ארויסגעגאנגען פון שטובי בעת דער שרפה ווען מענשען זיינען ארומגעלאפען מיט נאשטשעס און שטעקענס, האט ער זיך אין דער מהומה אנגעשלאגען אז א נאשטשע און אנגעשלאגען האט ער זיך גראדע אין פנים. די לינקע באק איז איהם געשוואלען געווארען און דער געשווילעכץ האט זיך ענטוויקעלט צו א געשוויר, וואס האט איהם פארשאפט פורכטבארע שמערצען. דער דאקטאר האט געראטען דעם געשוויר באלד צו עפענען. אבער כדי דאס צו טאן האט מען איהם געמוזט אפגאלען די בארד. ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, אז

דער געשוויר געווען א מין קרעבס. ר׳ גבריאל איז אבער געווען א שטארקער איד און האט זיך באלד ערהאלט פון דער אפעראציע. ווען די וואונד האט זיך שוין געהאט האלב אויסגעהיילט, האט ער זיך ווידער געוויזען אויפ׳ן גאס. פיעלע האבען איהם גאר ניט ערקענט און האבען איהם ניט געגריסט און די וועלכע האבען איהם יא דערקענט האבען געשמייכעלט און האבען איהם אויך ניט געגריסט. ווען ער איז אריינגעגאנגען פאר מנחה אין בית המדרש און האט דארטען געפונען די קינדער שטיפענדיג און מאכען א ספעקטאקל, איז ער צו זיי צו און האט זיי געגעבען א ווינק, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, אז זיי זאלען זיין רוהיג און די קינדער האבען זיך פון איהם אויסגעלאכט. קיינער איז פאר איהם מעהר ניט אויפגעשטאנען און קיינער איז צו איהם ניט געקומען פרעגען עצות. ער אליין האט זיך אויך א ביסעל געביטען. ער איז שוין געגאנגען א ביסעל איינגעבויגען און איז געגאנגען שנעל. אלע בעקאנטע פון פריהער, וועלכע האבען פאר איהם געהאט אזוי פיעל דרך ארץ, האבען איהם איצט איינפאך איגנארירט. זיין פנים און דער באָרד איז יעדען אויסגעקומען אפשטויסענד מיאוס, און פיעלע האבען איהם דירעקט אויסגעווימען. און אפילו ווען זיין באָרד האט ווידער אנגעהויבען וואקסען: איז ער געבליבען אויסגעשפיעלט און געווארען אוים ראש הקהל און אוים קעניג פון שטעדטעל. דאס האט איהם פורכטבאר געקרענקט, און וואס מעהר עגמת נפש ער האט געהאט אלץ מעהר האט ער פארלארען פון זיין פריהערען שטאלץ און פייערליכקייט און פון דעם אמאליגען ר׳ גבריאל דעם ראש הקהל, דעם שעהנעם אידען מיט דעם גרויסען הדרת פנים איז געווארען אן איינגעבויגענער, געבראכענער אידעל וועגען וועלכען קיינער האט זיך מעהר ניט געקימערט, און וועמען קיינער האט קיין דרך ארץ מעהר ניט אפגעגעבען. אנשטאט ר׳ גבריאל האט מען איהם אנגעהויבען רופען גבריאל דער בעל גאוה, און מען האט זיך פון איהם אויסגעלאכט. לאנג האט ר׳ גבריאל דעבּ צער ניט אריבערגעטראגען, און ווען זיין באָרד האט אנגעהויבען שנעל וואקסען, איז ער — איידער זי איז נאך אין גאנצען אויפגעוואקסען, אוועק אויף דעם עולם האמת אין באגלייטונג פון א קליין הייפעלע מענשען.

נאך זיין טויט האט מען זיינע טעכטער א נאמען געגעבען די באָרד׳ס טעכטער.

וועגן אַ האלבען רובעל.

„עס איז אמת, אז איהר זייט א פיינער מאן, אַ עהרליכער און אַ פארדיענער און ניט קיין הולטאי, אבער איך קען און וועל ניט ווערען אייער ווייב, אפילו ווען איהר זאָלט מיר צוצאָהלען א מיליאן רובעל". אזוי האט גע'טענה'ט באשקע די אלמנה צו א יונגען מאן, וועלכער האט זיך צו איהר ערקלעהרט אין ליעבע, און וועלכער האט געזאגט, אז אויב באשקע ווערט ניט זיין פרוי, וועט ער זיך אליין גראָבען א קבר אויף דעם בית עולם און וועט זיך אין איהם ארייגווארפען.

באשקע די אלמנה איז ניט געווען א היימישע ווייבעל, נאר איז געווען א שנור אין שטעדטעל. זי איז אליין גאר געווען פון אן אנדער שטעדטעל. און איז אָנגעקומען אלס שנור פון א רייכען שווער. די הויפט־זאך איז געווען דער שווער, ווייל דעם שווער'ס זוהן, דאס הייסט באשקע'ס מאן, איז ניט געווען קיין גרויסער מאן און קיין גאנצער מאן אויך ניט. ער איז געווען קראנק און שוואך און דערצו איז ער נאך געווען א ביסעלע טויב׳ זיין בעסטע מעלה איז געווען, וואס ער איז געווען דער זוהן פון א רייכען טאטען. דער טאַטע איז געווען א רייכער ושנית־קרעמער און האט נאך דערצו אין יעשען געהאנדעלט מיט גענז, דאָס הייסט ער האט עקספארטירט צעהנדליגע טויזענדע גענז אין פרייסען און איז געווען פאררעכענט אלס גביר אדיר׳ אין שטעדטעל איז א גביר אדיר געווען א איד וועלכער פארמאגט עטליכע הונדערט טויזענד רובעל, און אויב ער האט ניט אזוי פיעל געלד, זאגען די אנדערע, אז ער האט אזוי פיעל. וואָס איז נוגע באשקע דער אלמנה'ס שווער, האט די שטעדטעל באשלאָסען, אז ער האט צוויי הונדערט טויזענד קארבען, אויב ניט מעהר, און א גרויסען טעות האט דאָס שטעדטעל ניט געהאט, דען ווען באשקע'ס שווער איז געשטארבען איז ער געבליבען א בעל חוב אין צוויי הונדערט טויזענד קארבען. צום גליק זיינען די בעלי חובות געווען ניט מענשען פון שטעדטעל.

באשקע'ס מאן האט ניט לאנג געלעבט. לויט דער מיינונג פון פעלדשער האט ער גאר ניט געדארפט לעבען און האט גאר ניט געדארפט געבארען ווערען, ווייל ער איז געווען אַ לאסט פאר זיך און אַ לאסט פאר דער וועלט. אָבער ער איז באגאנגען די דומהייט און דאס אונרעכט און איז יא געבארען געוואָרען, אָבער לאנג האט ער זיך אויף דיזער וועלט ניט ארומגעטריבען. אין גאַנצען זיעבען און צוואנציג יאהר, און זיין אלמנה באשקע האט גע'ירשענט א פאָאר הייזקעס וואס זיינען אויף איהר נאָמען געווען פארשריבען און א וואַסערע אכט הונדערט רובעל בארגעלד. אזוי ווי זי האט קיין קינדער ניט געהאט. האָט זי זיך געקענט ערנעהרען מיט דעם, וואס ער, איהר קראנקער און שוואכער

מאַן האָט איהר איבערגעלאָזט, און זי איז געווען מעהר אָדער ווייניגער אונ־
אָבהענגיג. זי איז געבליבען אין שטעדטעל אויך נאָך דעם טויט פון איהר מאַן.
ווייל זי האָט זיך געשעהמט צו פאָהרען אַהיים, אין זעזמער, אַ שטעדטעל ניט
ווייט פון קאָשודאָר און ניט ווייט פון זאַסלי, אַזוי צווישען קאָוונאָ און ווילַ־
נאָ. אין איהר שטעדטעל האָט מען געוואוסט, אַז זי געהט חתונה האָבען מיט אַ
פאַרזעהעניש און מיט אַ מאַן, וועלכער שטעהט מיט איין פוס אין קבר, אָבער
זי האָט זיך צו קיינעם ניט צוגעהערט און האָט דעם שידוך געטאָן, ניט גאַנץ
מיט דער צושטימונג פון די עלטערן, ווייל זי האָט געגלויבט, אַז זי פאַלט
אַריין אין אַ שמאַלצגרוב. איהר מאַן איז בעטראַכט געוואָרען אַלס דער איינ־
ציגער זוהן פון אַ מיליאָנער, און באַשקע האָט ליעב געהאַט אַ מיליאָן, און
נאָך בפרט מיליאָנען. ווען פון די מיליאָנען האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט, און
זי האָט נאָך דעם מאַן אויך פאַרלאָרען אַ פּאָאַר יאָהר נאָך דער חתונה, האָט זי
שוין באַשלאָסען צו בלייבען אין דעם שטעדטעל, וואו זי איז אַנגעקומען פאַר
אַ שנור, און וואַרטען פאַר אַ צווייטען באַשערטען. זי איז געווען בילד־שעהן.
אַן אמת׳ע יפת תואר, זי איז געווען יונג, אין גאַנצען אַכט און צוואַנציג יאָהר.
און זי האָט אַ ביסעל געלד אויך געהאַט, און זי האָט געהאַט רעכט צו ערוואַר־
טען אַ צווייטען באַשערטען, וועלכער וועט איהר זיין לעבגער באַשערט ווי דער
ערשטער באַשערטער.

באַשקע וואָלט גאָר ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטען אויף אַ צווייטען באַ־
שערטען. אין שטעדטעל זיינען אויף איהר געווען גענוג בעלנים, ערנסטע יונ־
גע־לייט און לצים, לעדיגעהער און בחורים מיט געשעפטען און געלד, אָבער
ווער עס האָט זיך מיט איהר אַ ביסעל נאָהענטער בעקאַנט, האָט זיך מיט איהר
ניט לאַנג געהאַלטען. באַשקע האָט לייכט געקענט צוציהען מענער, אָבער האַל־
טען האָט זי זיי ניט געקענט וועגען צוויי טעמים, ערשטענס ווייל זי איז גע־
ווען שרעקליך פרום, פאַנאַטיש פרום, און צווייטענס ווייל זי איז גע־
ווען שרעקליך קאַרג. כאָטש זי איז אין גאַנצען געווען אַכט און צוואַנציג יאָהר
און האָט ניט אויסגעזעהן עלטער ווי צוויי און צוואַנציג, ווייל זי האָט געהאַט
אַ רונדען פּנים און אַ העלע געזיכטס־פאַרב, האָט זי געטראָגען אַ שייטעל.
וואָס האָט זיך נעפאַסט פאַר אַ באָבען. זי איז יעדען שבת געגאַנגען אין שוהל.
און איהר ליכט־בענטשען איז געווען אַ שם דבר. זי איז ניט נור געווען פרום
פאַר זיך נאָר אויך פאַר אַנדערע און זי האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלען זיין אַזוי
פרום ווי זי. און דאָס איז די יונגע מענשען, מיט וועלכע זי האָט זיך געקענט
גאָר ניט נעפעלען. דעם רב׳ס זוהן האָט איהר אַ נאָמען געגעבען די טשו־
ראַטשקע און דערביי איז זי געבליבען, ווייל זי איז געווען אַ זעהר קאָמישער
מענש אַזוי ווי איהר שעהנקייט האָט אַנגעצייגען די מענער, אַזוי האָט איהר
איבערגעטריבענע, און אָפט נאַרישע פרומקייט פאַרשטויסען די מענער און
אַזוי שנעל, ווי אַ יונגער מאַן האָט זיך מיט איהר נעהנטער בעקאַנט, האָט ער
זי אוועקגעוואָרפען, ווייל די יונגוואַרג אין שטעדטעל איז ניט געווען אַזוי גע־
וואַלדיג פרום. די יונגוואַרג איז אין ערגעץ ניט פרום, ווייל דער ענין פון יע־
נער וועלט איז אַן עסק פאַר עלטערע מענשען. אַזוי לאַנג ווי דאָס יונגע בלוט
קאָכט, טראַכט דער מענש ניט פון יענער וועלט און איז ניט איבריגענס פרום.
דאָן איז די ליטווישע שטעדטעל סתם ניט געווען פרום. אין שטעדטעל האָט
מען פיעל געלערנט, אָבער מען האָט ניט פיעל געדאַווענט, און ווען מען האָט

יא געדאַווענט, האָט מען זיך געאײַלט שנעל אָפּצודאַווענען. אויב די מענער
זײַנען ניט געווען איבעריגענס פרום, זײַנען די אינגערע פרויען געווים ניט גע־
ווען פרימער ווי מען דאַרף זײַן, און ווען מען האָט געזעהן אַ שעהנע, יונגע
ווייבעל, וועלכע איז אַזוי פאַרקאַכט אין פרומקייט, האָט מען געגלייבט, אַז זי
איז עפּעס ניט אין גאַנצען קלאָהר, אַז אירגענד וואו אין איהר מח באַוועגט
זיך אַ שרייפעלע ניט ריכטיג. באַשקע די אַלמנה איז אַבער געווען פירכטער־
ליך פרום. זי איז געשטאַנען שמונה עשרה אין עזרת נשים אַזוי לאַנג ווי דער
רב, און זי האָט עפּעס גערעדט מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ איבערגע־
בענהייט און התפּעלות אַז די אַנדערע ווייבער אין עזרת נשים האָבען פון
איהר געלאַכט. עס האָט נאַטירליך אין שטעדטעל ניט געפעהלט קיין לאַנגע
צינגער. און דיזע לאַנגע צינגער האָבען פאַרשפּרייט אַלערליי רכילות איבער
באַשקע די אַלמנה. זיי האָבען געזאָגט, אַז זי איז אַזוי שרעקליך פרום, ווייל זי
האָט אַמאָל געזינדיגט, ווייל זי וויל טאָן תשובה און אַזוי ווייטער, אַבער דאָס
איז ניט געווען אמת. באַשקע האָט קיין מאָל ניט געזינדיגט און האָט ניט גע־
דאַרפט טאָן קיין תשובה, נאָר זי איז געווען נאַטירליך פרום, און נאָך מעהר ווי
זי איז געווען פרום, איז זי געווען פאַנאַטיש, און דיזער פאַנאַטיזמוס האָט פאַר־
טריבען די מענער. לרוב שעהנע יונגע בחורים. דאָן האָט באַשקע געהאַט נאָך
אַ שרעקליכען חסרון, זי איז געווען קאַרג, און איהר קאַרגקייט איז געווען אַזוי
טיעף איינגעוואָרצעלט ווי איהר פרומקייט אָדער פאַנאַטיזמוס. אין שטעד־
טעל האָבען די מענשען געהאַט זייערע אייגענע השגות פון געלד, אָבער באַזונ־
דערס קאַרג איז קיינער ניט געווען. יעדער האָט געגעבען אַ ישיבה בחור אַ טאָג.
יעדער האָט געגעבען אַ מגיד פינף קאָפּיקעס, אַ משולח צעהן און צוואַנציג קאָ־
פּיקעס, און ווען מען האָט געקליבען מעות חטים, האָט מען געגעבען פינף־צעהן
און צוואַנציג רובעל. אפילו אַ פּעכאַטנער מגיד איז ניט אַוועקגעפאָהרען פון
שטעדטעל אָהן עטליכע רובעל. אַ גרויסער מגיד האָט געקראָגען צעהן און פופ־
צעהן רובעל. די איינציגע קאַרגע פּערזאָן אין שטעדטעל איז געווען באַשקע די
אַלמנה. איהר קאַרגשאַפט איז געווען אַזוי אָהן אַ מאָס, ווי איהר פרומקייט.
איבער אַ יאָהר האָט זי געלעבט צוזאַמען מיט איהר שוויגער, און אין שטעד־
טעל האָט מען דערצעהלט, אַז זי גיט איהר שוויגער ניט ריכטיג אָפּצועסען.
כאָטש די אַלטע פרוי האָט פאַרבראַכט אַ לעבען אין עשירות און וואוילטאָג.
די קצבים אין שטעדטעל האָבען פאַר באַשקע'ן געציטערט און האָבען זיך אָפּט
פאַרנומען איהר קיין פלייש ניט צו פאַרקויפען. איידער זי האָט איינגעקויפט
ביים קצב וואָס זי האָט געדאַרפט, האָט זי זיך מיט איהם דריי שעה געדונגען
און האָט איהם איינפאַך די גאַל אַרויסגענומען. דער ישיבה בחור, וואָס האָט
ביי איהר דיענסטאָג געגעסען איז קיין מאָל ניט אַוועק אַ זאַטער. ווען אַ שכנה
איז געקומען לייהען אַ ביסעל זאַלץ, האָט באַשקע געצעהלט די זאַלצקערנער
און האָט זיך אַלע מאָל בעדונגען, אַז אין דער און דער שעה מוז זי קריגען די
זאַלץ צוריק. ווען אַ שכנה איז אַריינגעקומען לייהען אַ שוועבעלע, האָט באַשקע
גענומען אַ שאַרפען מעסערעל און האָט די שוועבעלע צושניטען אין צוויי אָדער
אין דריי קליינע און דינע שפּענדעלעך און געגעבען דער שכנה איינעם פון די־
זע שפּענדעלאַך. אַזוי ווי זי איז געווען פרום פאַר זיך און אַנדערע, אַזוי איז
זי געווען קאַרג פאַר זיך און פאַר אַנדערע. זי האָט אַליין גענעהט איהרע קליי־
דער און זי איז ניט געווען קיין גרויסע שניידערקע. זי האָט אַליין געוואַשען.

אליין געבאקען, אליין געפּאַכט, אלץ אליין און ווען אן ארימאַן איז ארייגגע־
קומען אין הויז האט זי איהם געגעבען א גראשען און איהם אנגעזאגט, אז
ער זאל ניט וואגען צו קומען נאך א מאל פאר ראש חודש. איהר קארגשאפט
האט גאר ניט געהאט קיין מאָס און גרענעץ און ווען די בחורים האבען דאס
אויסגעפונען, האבען זיי זי באלד אוועקגעווארפען.

נור איין איינציגער בחור, און דוקא איינער, וועלכער איז געווען סיי
א פארדיענער און סיי פריי פון פריזיוו, נתן דעם זייגערמאכער'ס זוהן, וועל־
כער איז געווען פארליעבט אין באשקע'ן ביז איבער די אויערען, האט זיך פון
איהר ניט געוואלט אפּטשעפּען, אפילו ווען ער האט אויסגעפונען איהרע
שרעקליכע חסרונות. ער האט באשקע'ן געליעבט מיט לייב און זעעלע, עפּעס
אזוי ווי זי וואלט איהם פאר'כישופ'ט, אבער זי האט איהם ניט נור ניט גע־
ליעבט, נאר זי האט איהם געהאסט. זי האט פון איהם ניט געוואלט וויסען.
ווייל ער איז ניט געווען פרום און ווייל ער איז געווען אן אויסברעננער. פאר
זיין אן אויסברעננער האט זי איהם נאך מעהר געהאסט, ווי פאר ניט זיין קיין
פרומער, אבער זי האט עס איהם ניט געזאגט, און זי האט עס אפשר אליין
ניט פארשטאנען. חיים איטשע, אזוי האט געהייסען נתן דעם זייגערמאכער'ס
זוהן, איז געווען א בוכהאלטער ביים גביר פון שטעדטעל און האט געקראגען
פופצעהן רובעל א וואך. ער איז ניט נאר געווען דער בוכהאלטער, נאר אויך
דער אייגענטליכער פיהרער פון געשעפט, א בארשטענפאבריק און זיין בעל
הבית איז פון איהם געווען אזוי צופריעדען, אז יעדעס מאהל, ווען ער איז
צוריקגעקומען פון דער לייפציגער מעססע, האט ער איהם מיטגעבראכט א
שעהנע מתנה. חיים איטשע, א שעהן געוואקסענער יונגער מאן, וועלכער האט
שטענדיג געהאט א שמייכעל אויף די ליפען, איז געווען שטערבליך פארליעבט
אין באשקע'ן, און וואס מעהר ער האט צו איהר געשמייכעלט, געמאכט צו
איהר חן'דעלאך, איהר געקויפט מתנות, אלץ מעהר האט זי איהם געוויזען א
זויערען פנים. און אלץ וועניגער האפנונג האט זי איהם געגעבען. אז זי וועט
אמאל ווערען זיין פרוי. די שעהנע באשקע האט טאקע מיט איהם ניט גע־
שפּיעלט טעאטער נאר האט איהם טאקע אמת פיינט געהאט. זי האט זיך אפט
אליין ניט געקענט ערקלעהרען, פארוואס זי איז אזוי אפּגעניינגט געגען איהם.
שליסליך זיינען אויך די אנדערע בחורים, וועלכע האבען זיך צו איהר גע־
שארט, ניט געווען קיין גרויסע פרומאקעס און זיינען אויך געווען אויסברענ־
גער. זיי האבען זיך אויך ארומגעווארפען מיט דיטקעס און אפט מיט גילדענס.
און דאך האט זי זיי געקענט אריבערטראגען און אייניגע פון זיי זיינען איהר
געווען זעהר סימפאטיש, כאטש זי האט קיינעם ניט איבערינגנס ליעב געהאט.
ווייל זי איז געווען א קארגע, און האט אפילו געקארגט מיט א שמייכעל, אבער
חיים איטשע'ן האט זי דירעקט געהאסט. אפט האט זי זיך געוואונשען, אז ער
זאל איהר זיין א ביסעל סימפאטיש, דען זי איז געווען איבערצייגט, אז ער איז
ווירקליך אין איהר פארליעבט, אבער זי האט געטראגען געגען איהם א געוויסע
שנאה, וועלכע זי האט ניט געקענט באצווינגען. די אייגענטליכע און אמת'ע אור־
זאכע פון דער שנאה איז ניט געווען זיין ניט פרומקייט אדער זיין אויסברענ־
געריי, נאר זיין שמייכעל. דאס האט זי געהאסט מיט א טויטליכען האס, און
האט קיין מאל ניט פארשטאנען, ווי אן עהרליכער מענש קען שטענדיג טראָ־
גען א שמייכעל אויף די ליפען און צו אלעמען שמייכלען, און צו אלעמען זיין

פריינדליך. דאָס איז איהר ערשיענען אלס די גרעסטע אויסבּרענגעריי, אלס די גרעסטע הולטאיסטווא.

וואָס מעהר זי האט חיים איטשע'ן געהאסט און פון זיך אפּגעשטויסען, אלץ מעהר האט ער זי געליעבּט און פאר איהם איז עס געווען קלאהר. אַז אויבּ באשקע ווערט ניט זיין פרוי, איז זיין לעבּען ניט ווערט קיין צוויי קאָפּיקעס. נור מיט איהר קען ער לעבּען און אטהעמען. אהן באשקע'ן מוז ער אונטערגעהן. ער האט ניט נאר אזוי געטראכט, נאר ער האט עס איהר געזאגט. ווען ער האט נור געהאט א געלעגענהייט מיט איהר צו ריידען אונטער פיער אויגען. וואס מעהר ער האט איהר פארזיכערט, אז זיין גליק הענגט אפּ פון איהר, וואס מעהר ער איז איהר געפאלען צו די פיס און זיך בּיי איהר געבּעטען רחמים, אז זי זאל איהם אויפהויבּען, אלץ מעהר האט זי איהם צוריקגעוויזען.

אין א שבת צו נאכט, איז ער צו איהר אוועק מיט דער כוונה מיט איהר נאָך א מאל צו ריידען, און אויסצוגעפינען אויבּ זי איז ניט א בּיסעל ווייכער געוואָרען. בּאלד נאָכדעם ווי ער איז אריין צו איהר אין שטוב, און האט זיך. ניט געבּעטענערהייד אוועקגעזעצט אויף א סאפּקע, איז אויך אריין א שכנה און האט געבּעטען לייהען א שוועבּעלע. באשקע האט, ווי איהר שטייגער צו־שפּאלטען א שוועבּעלע אין צוויי טיילען און האט איין טייל געגעבּען דער שכנה. חיים איטשע האט דאס בּאמערקט, און האט זיך פארטראכט. ווען די שכנה איז ארוים, און ער איז מיט איהר אליין געבּליבּען אין שטוב, האט ער פּלוצלינג, ניט ריידענדיג א וואָרט, ארויסגעכאפּט א רובּעל פון זיין טייסטערל און די בּומאזשקי צוריסען אין צוויי העלפט. איין העלפט האט ער געגעבּען באשקע'ן, וועלכע האט איהם אנגעקוקט ווי א משוגענעם און מיט דער צווייטער העלפט האט ער גענומען פאררויכערען א פּאַפּיראס. ער איז געשטאנען לעבּען טיש, וואו דער לאמפּ שטעהט און האט געוואלט בּיים לאמפּ אנצינדען דעם האלבּען פּאפּיר־רובּעל, און מיט איהם פאררויכערען. ווען באשקע האט דאָס דערזעהן, האט זי א געשריי געגעבּען: "חיים איטשע, וואס טהוט איהר, גאט איז מיט אייך, עס איז דאך געלד, א האלבּער רובּעל. פופציג קאפּיקעס..... פופציג קאָפּיקעס..." זי איז צו איהם צוגעלאפען און פון זיין האנד געוואלט ארויסכאפּען דאס שטיקעל פּאפּיער, און וואס מעהר זי האט געוואלט ארויסכאַפּען דעם האלבּען רובּעל, אלץ נעהנטער האט ער דאס שטיקעל פּאפּיר געבּראכט צום לאמפּ בּדי צו פאררויכערען זיין פּאפּיראס. אָבּער בּאלד האט זי געהאלטען זיין ארעם פעסט אין איהר האנד און האט ניט אפּגעלאָזען. ער האט אָבּער מיט געוואלד זיין אָרעם ארויסגעריסען פון איהר האנט און ווידער געבּראכט דאס שטיקעל פּאפּיר נאָהענט צום לאמפּ. זי איז געוואָרן אַז אויפגעטרייסעלטע, זי האט געזעהן ווי אט, אָט ווערט א רובּעל, א גאנצער רובּעל, הונדערט קאפּיקעס צוויי הונדערט גראשענס.· פארניכטעט, אומזיסט פארניכטעט. זי האט געציטערט ווי א בּלאט אין שטורמווינד און אין איהר פּנים האבּען זיך אנגעהויבּען בּייטען אלערליי קאָלירען· ער האט כלומרשט אויף איהר ניט געקוקט און האט צוגעלעגט דאס שטיקעל פּאפּיר צום צילענדער פון לאמפּ כדי עס אנצוצינדען. אין דיזען אויגענבּליק האט זי זיך מיט דעם צארן פון א טיגער אויף איהם א וואַרף געטאן און האט ווידער געכאפּט זיין ארעם און איהם געהאלטען פעסט אין איהר האנד. איצט איז שוין פאר איהם ניט געווען אזוי

לייבט זיך פון איהר אָרעם אַרויסצורייסען. אנשטאט צו פארזוכען זיין ארעם פון איהר האנד צו באפרייען, האט ער זי אליין אוועקגעשטופט פון טיש.

ווען זיי זיינען ביידע געשטאנען אין מיטען שטוב, האט זי איהם אָנגעקוקט שארף אין די אויגען און איהם געזאגט: „חיים איטשע, איהר וועט ניט פַארבּרענגען דעם האלבּען רובּעל, איהר טאָרט עס ניט טאן, איהר וועט עס ניט טאָן". אנשטאט צו ענטפערען יא אדער ניין, האט ער זיך גענומען ווי־דער רייסען צום טיש, וואו דער לאמפּ איז געשטאנען און האט געזאגט: "באשקע"—און ארויסרייסענדיג זיין אָרעם פון איהר האנד און אוועקלייגענדיג דעם האלבּען רובּעל אויף דעם ציילינדער פון לאמפּ—וועסט מיט מיר חתונה האָבּען... און אויבּ ניט.." און באשקע האט נאד באוויזען ווידער אוועקצושלע־פּען חיים איטשע'ס אָרעם פון לאמפּ און איהם א שטויס טאָן אז ער איז גע־פאלען אויף'ן סאפקע און זי מיט איהם; און האלטענדיג א טייל פון דעם שטי־קעל פּאפּיר, וואָס ער האט געהאט אין זיין האנד, האט זי קעמפּפענדיג פאר אָטעם געזאגט: „גיבּ מיר דעם האלבּען רובּעל, גיבּ מיר, מיר וועלען חתונה האָבּען.....!"

דער פרומער אפיקורס.

אלע האבען געוואוסט, אז ווען ר׳ ברוך דער בייגעל־בעקער וועט לאחר מאה שנים צומאכען די אויגען, וועט מען איהם מספיד זיין. עס איז זעהר זעלטען פארגעקומען אין שטעדטעל, אז מען זאל א נפטר מספיד זיין. א הספד האט מען נור געמאכט אויף א גרויסען למדן, און אמת גרויסע לומדים זיינען אויך אין שטעדטעל געווען דין געזייט. כדי צו זיין א גרויסער למדן האט מען ניט נור געדארפט זיין א בקי אין ש"ס און פוסקים, נאר מען האט אויך געדארפט זיין א חריף, אדער וועניגסטענס האבען א גוטען קאפ צו זיין א בקי האט מען געדארפט זיין א גרויסער מתמיד און אין שטעדטעל האט יעדער איד געהאט זיין פעקעל, און כאטש מען האט אין שטעדטעל פיעל גע־לערנט, צווישען מנחה און מעריב, שבת נאך א האלבען טאג און אלע אין דער פריה נאך דעם דאוונען, איז דאס אלץ ניט געווען דער סארט לערנען פאר א גרויסען בקי. עס זיינען אבער געווען אין שטעדטעל א מנין אידען וועלכע זיינען געווען גרויסע מתמידים, דאס הייסט זיי האבען ניט נאר געלערנט ביז מנחה למעריב, און אין דער פריה נאך דעם דאוונען, נאר זיי האבען געלערנט דעם גרעסטען טייל פון דער נאכט און א האלבען טאג. און צווישען דיזע לומדים איז אויך געווען ר׳ ברוך דער בייגעל־בעקער. דערצו האט נאך ר׳ ברוך געהאט א טייערע קאפ. ער איז געווען א חריף און פאר זיינע חריפות האבען אלע לומדים אין שטעדטעל געציטערט. אויך איז ר׳ ברוך געווען זעהר א פרו־מער איד. ער האט ניט אפגעדאווענט, נאר געדאווענט, בכונה און מיט התלהבות. לאנגע ציינגער אין שטעדטעל האבען אמאל פארשפרייט א קלאנג, אז ר׳ ברוך איז א חסיד, ווייל ער האט ניט נאר געדאווענט מיט התלהבות, נאר ער האט אויך געטראגען די הויזען אין די כאלעוועס פון זיינע שטיוועל, און דאס טוען נור חסידים, אבער ר׳ ברוך איז געווען אן אמת׳ער, כשר׳ער מתנגד און האט פון חסידות אפילו קיין מאל ניט געטראכט. זייענדיג א גרויסער למדן און א גרויסער ירא שמים, איז ער באטראכט געווארען אין שטעדטעל פאר א מין הייליגען מענשען, און ווען אזא מענש שטארבט, מאכט מען אויף איהם א הספד.

צו אלע זיינע גרויסע מעלות האט ר׳ ברוך געהאט נאך א מעלה, ער איז געווען דער גרעסטער קבצן אין שטעדטעל, און יעדער האט מיט איהם גע־האט א געוויסען מיטלייד. צייט מענשען געדענקען, איז ער געווען א בייגעל־בעקער, דאס הייסט אין זיין קליינער בעקעריי האט מען געבאקען בייגעל. ער אליין איז זעלטען געשטאנען ביים אייוועז. דאס האט געטהאן זיין ווייב. ער איז געזעסען אין בית המדרש און געלערנט. ווען די ערשטע ווייב איז איהם אפ־געשטארבען און איהם איבערגעלאזען פיער ניט דערוואקסענע קינדער, האט ער

צום צווייטען מאָל חתונה געהאט מיט א שטיקעל קרובה, אן עלטערע מיידעל. וועלכע האט ביי איהם געוואוינט און געהאָלפען דער ערשטער ווייב קנעטען די טייג פאר די בייגעל. זיין צווייטע ווייב איז געווען א קליינינקע און דארע אידענע, אויסגעארבייט, שוואך און ניט קיין קליינע מיאוסקייט. נאכדעם ווי ער האט מיט איהר חתונה געהאט, האט זי געדארפט טאן די ארבייט, וואס זי האט פריהער געטאן, זיין א דיענסט צו די קינדער און ניט נור קנעטען די טייג, נאר אויך שטעהן ביים אייוועז און באקען די בייגעל. לאנג האט זי דאס ניט אויסגעהאלטען· א פאאר יאהר נאך דער חתונה איז זי איהם אפגעשטארבען, איבערלאזענדיג צוויי קינדער. איצט האט ער שוין געהאט זעקס קינדער. און ניט ווילענדיג האט ער ווידער געמוזט חתונה האבען כדי צו האבען א מאמע פאר די זעקס יתומים. זיין דריטע ווייב איז אויך ניט געווען קיין גערעטעניש. זי איז געווען אן עלטערע מיידעל און די טאכטער פון א ישובניק. זי איז אבער געווען געזונט און שטארק און שוין א יאהר נאך דער חתונה האט זי איהם באשערט מיט א צווילינג, צוויי מיידלאך, או דאן האט זי איהם, איהר לומדישען מאן יעדעס יאהר מזכה געווען ענטוועדער מיט א ברית אדער מיט א מזל טוב· איידער ר׳ ברוך איז אלט געווארען פופציג יאהר, איז ער אזוי ווייט ווי קינדער זיינען נוגע, געווען דער רייכסטער מאן אין שטאדט און אלע בעזדיעטניקעס האבען איהם מקנא געווען.. ער האט געהאט א שטוב מיט קינדער אין עלטער פון איין יאהר ביז אכצעהן יאהר, און אלע האבען זיי האלט געהאט די בייגעל. וואס מען האט אין זיין אייוועז געבאקען. אחוץ די בייגעל האבען די קינדער גאר ניט געהאט, ניט קיין בגד און ניט קיין שוך. ווען די קינדער פון דער ערשטער ווייב זיינען אונטערגעוואקסען, האט ער זיי אנגעהויבען צו טראנספארטירען אין אמעריקא, אין שטוב איז אבער די צאהל קינדער ניט געווארען וויינינגער. פאר יעדען קינד וואס איז אוועק אין אמעריקא איז איהם צוגעקומען נאך א קינד, און א מאָל א צווילינג, און אין שטעדטעל האט מען גענומען ריידען פון ר׳ ברוך דעם בעקער'ס פלאָד... צום גליק פאר ר׳ ברוך דעם בייגעל־בעקער זיינען די קינדער ביי איהם קיין מאָל ניט קראנק געווארען. כאטש זיי האבען ניט געקראגען איבעריגענס פיעל צו עסען, און כאטש זיי זיינען ארומגעלאפען האלב נאקעט און אויפגעוואקסען אין ארימקייט און שמוץ, האבען זיי אלע געהאט רויטע בעקעלאך און זיינען אלע געווען מונטער, פריש און געזונט. דער רופא אין שטעדטעל און אויך דער פעלדשער האט עס א ביסעל פארדראסען, נאר זיי האבען פארביסען די ליפען און געשוויגען.

די בעקעריי האט ר׳ ברוך'ן קיין עשירות ניט אריינגעבראכט. ערשטענס האט ער געהאט א קליינעם אייוועז און האט ניט געקענט באקען פיעל בייגעל און צווייטענס זיינען זיינע בייגעל ניט געווען די בעסטע אין שטאדט און די נבירים פון שטעדטעל האבען ביי איהם קיין בייגעל ניט געקויפט. זייערע קונדען זיינען געווען די מארק־אידענעס· זיי האבען ביי איהם געקויפט די בייגעל און זיי דאן פארקויפט צו די פויערים אויפ'ן מארק אדער צו די בעלי עגלות אדער סתם צו ארימעלייט וועלכע קויפען א בייגעל אויפ'ן מארק.

ווי ר׳ ברוך, א קליין אידעלע, א חלוש, האט מפרנס געווען אזוי פיעל קינדער איז פאר אלעמען אין שטעדטעל געווען א רעטעניש. אמת, ער האט געהאט זייטיגע הכנסות. ער איז געווען א בעל קורא אין רב'ם קלייזעל און האט געקראגען יעדען פורים דריי רובעל קריאה געלד. ערב סוכות האט ער געהאנ־

דעלט מיט אתרוגים, ער האט פארקויפט הושענות, וואס זיינע קינדער האבען פאר איהם נעריסען. ער האט אמאל אונטערגעהאנדעלט מיט פעלכלאד און פארדיענט עטליכע רובעל, און פון צייט צו צייט האט ער צוזאמענגעפיהרט א שידוך און געקראגען עטליכע רובעל, צעהן אדער פינף און צוואנציג, און עס איז שוין פארגעקומען אז דער רב אדער דער דיין האט איהם צונעצווינגען צו א שאלה אדער צו א דין תורה און דאן האט ער אויך געקראגען עטליכע רובעל. דאס איז אבער געווען איין מאל אין א יובל. אין דערהיים זיינען געווען זעכצעהן מיילער מיט געזונטע, יונגע צייהנער, וועלכע האבען געוואלט עסען און זיינע קינדער האבען געהאט א גוטען אפעטיט. קיינער האט זיי ניט געדארפט איינריידען אדער זיך ביי זיי בעטען אז זיי זאלען עסען. זיי האבען אלסדינג פארשלונגען, וואס איז געקומען אונטער זייערע הענד, אלטע ביינעל, ראזעווע ברויט, קאלטע בארשטש, קעפלאך הערינג, און אלסדינג האט זיי וואויל באקומען. און אנצושטאפען אזעלכע אכטצעהן מיילער איז ניט געווען קיין קלייניגקייט. דאגות פרנסה און צרות פון די קינדער האבען איהם ניט געלאָזען לערנען. ער האט געהאפט, אז ווען עטליכע קינדער וועלען אוועק קיין אמעריקא און וועלען אנהויבען שיקען געלד, וועט זיין לאגע ווערען א בעסערע. די קינדער זיינען אוועק אין אמעריקא און זיי האבען קיין געלד ניט געשיקט. א צו גרויסע ליעבע האבען די קינדער פאר איהם ניט געהאט, און געראטענע קינדער זיינען זיי אויך ניט געווען. די מיידלאך זיינען אויפגעוואקסען ווי ציעגען. אין חדר שיקען האט ער זיי ניט געקענט, האט ער שוין געמוזט העלפען טראגען דעם יאך, העלפען קנעטען, באקען און פארנאנדערטראגען די ביינעל און גוטע קעפ האבען די קינדער אויך ניט געהאט, און אפילו די קינדער וועלכע זיינען געגאנגען אין חדר, האבען אויך ווייניג וואס געקענט. איין קינד, א מיידעל, איז געווען א האלבער אידיאט. זי האט זיך מיט קיין מענשען ניט געקענט צוזאמענריידען, און אנשטאט צו זיין א הילף צום פאטער, האט מען איהר אלסדינג געמוזט אונטערטראגען. זי איז געווען די איינציגע וועלכע האט קיין מאל ניט געבעטען עסען. ווען מען האט איהר ניט געגעבען עסען, האט זי געקאנט ארומגעהן טעג אהן געגעסען. עס האט ניט געהאלפען קיין שלאגען. און עס האט ניט געהאלפען קיין שרייען. זי האט ניט פארשטאנען וואס מען האט צו איהר גערעדט, און זי האט ניט געפאלגט און קיין זאך ניט געטאן. צום גליק פאר איהר איז זי געווען די טאכטער פון דער דריטער ווייב, און ניט קיין שטיעפקינד ביי א שטיעפמוטער. ר' ברוך האט געהאט ווייניג נחת פון זיין פאמיליע און ווייניג פרייד פון זיין לעבען. זיין איינציגער פארגעניגען איז געווען לערנען, און דיזען פארגעניגען האט ער זיך אלץ ווייניגער געקענט פארגינען, וואס עלטער ער איז געווארען און וואס גרעסער די משפחה איז געווארען.

די לומדים אין שטעדטעל, די גרויסע און די קליינע לומדים האבען געוואוסט אז ר' ברוך האט א סך צרות און זיי האבען איהם געוואלט העלפען. נאר דאס איז ניט געווען אזוי לייכט. ר' ברוך האט פארשטאנען, אז זיין איינציגע הילף קען זיין דער שוהל־הויף. אויפ'ן שוהל־הויף וועט זיך מיט דער צייט עפעס מאכען. ער איז געווען ניט קיין שלעכטער בעל תפלה און ער האט געהאפט, אז ער וועט פריהער אדער שפעטער קריגען די בעל תפלה־שטעלע אין שוהל אדער אין בית המדרש, און דאס וואלט פאר איהם געמיינט מיט

הכנסות א פאאר רובעל א וואך. זיין וועלט איז געווען דער שוהל־הויף און פון דיעזער וועלט האט ער ערווארטעט הילף, כדי צו קריגען די הילף האט ער זיך געמוזט אויפהאלטען אויפ'ן שוהל־הויף, זיך רייבען צווישען די כלי קודש. פראווען פרומקייט און זיך עפעס ערווערבען א זכות וואס זאל די שטעדטעל צווינגען פאר איהם עפעס צו טאן. ר' ברוך האט ניט מעהר געלערנט אדער ניט פיעל געלערנט, אבער מען האט איהם יעדען טאג געזעהן אויפ'ן שוהל־הויף. אין בית המדרש, אין קלויז אדער אין איינע פון די קלייזלאך. ער האט אלץ גע־האפט, אז טאמער וועט זיך דארטען פאר איהם עפעס געפינען, וואס וועט פארלייכטערען זיין לאגע. דער שוהל־הויף איז אויך געווען דער איינציגער ארט, וואו ער האט געקענט לויפען, ווען די אידענע האט איהם אנגעהויבען שיל־טען און די קינדער אין שטוב האבען אנגעהויבען בעטען עסען אדער א פאאר שיך אדער א בגד. ר' ברוך אליין איז געווען א שטילער רוהיגער איד. ער האט זיך קיין מאל מיט קיינעם ניט געקרינגט און ער האט קיין גראב ווארט ניט גע־קענט הערען, און איז דערהיים האט ער אפט געמוזט הערען זידלערייען און קללות און פארווירפע, און ווען ער האט דעם טומעל, די קללות און די זלזולים אין דערהיים מעהר ניט געקענט אויסהאלטען, האט ער אנגעטאן זיין לאנגע קאפאטע און איז אוועק אין בית המדרש, אדער אין קלויז, אדער אין איינע פון די קלייזלאך. לערנען איז איהם שוין ניט געלעגען אין קאפ. ער האט זיך דארטען ארום געדרעהט, גערעדט מיט מענשען, זיך צוגעהערט צו גע־שפרעכען, געכאפט אריינקוקען אין א ספר, און איז ווידער אוועק אהיים, נאך א מאל צו הערען קללות און זלזולים.

אין א קאלטען ווינטער מארגען, ווען דער רופא איז געקומען אין בית המדרש און דערצעהלט אז ר' ברוך'ס א איינגעלע ליעגט קראנק מיט אפ־געפרווירענע פיסלאך, ווייל ער איז ארומגעלאפען אין א ברענענדיגען פראסט א האלב בארוועסער, האבען זיך א פאאר לומדישע בעלי בתים צוזאמענגערעדט. זיינען אוועק צום רב און האבען דארטען באשלאסען פאר ר' ברוך'ן עפעס צו טאן. ווען ר' ברוך איז געקומען אין בית המדרש, זיינען זיי צו איהם צוגעגאנ־גען און האבען איהם דערלאנגט דריי רובעל אין קליינגעלד און האבען איהם אויך צוגעזאגט, אז ער וועט מאכען דעם הספד איבער די שמות, וואס מען וועט באלד מקבר זיין, און אז ער וועט פאר דעם הספד קריגען פינף רובעל. מען האט איהם אויך צוגעזאגט, אז אויף דער נעקסטער אסיפה אין שוהל, וועט מען פאר איהם שאפען א שטעלע, די דיינות פון דער שניידערשער קלויז. דאס וואלט געמיינט נאך דריי רובעל א וואך. פון דעם פלאן איז אבער נאך ניט געווארען, ווייל די שניידערשע קלויז האט ניט געוואלט צאהלען דריי רובעל א וואך.

ווען די פריינד פון ר' ברוך'ן זיינען אוועק צום נגיד פון שטעדטעל און האבען מיט איהם גערעדט וועגען ר' ברוך'ן האט ער זיי געענטפערט, אז אלסדינג וואס ער קען פאר איהם טאן איז אריינגעהמען זיינע דערוואקסענע אינגלאך אין זיין בארשטענפאבריק און זיי צאהלען פערציג קאפיקעס א וואך. און ר' ברוך האט זיינע דערוואקסענע אינגלאך ניט געקענט שיקען אין פאבריק ארבייטען, ווייל ער האט זיי גערארפט האבען אין דערהיים פאנאנדער צוטרא־גען די ביינגעל און העלפען קנעטען און באקען. די אידענע אין שטוב האט גע־האט געגוג ארבייט מיט די קליינע קינדער און האט מעהר ניט געקענט זיין

די בעקערקע. און אזוי איז ר' ברוך געבליבען אין א פארצווייפעלטער לאגע. א סך מיילער האבען געבעטען ברויט און ער האט זיי ניט געקענט געבען. דאס האט איהם שרעקליך וועה געטאן. ער איז באמת געווען א גוטער מענש און א גוטער פאטער, און ווען זיינע קינדער האבען ניט געהאט גענוג ברויט האט איהם די הארץ געבראכען און ער האט געליטען פורכטבארע יסורים. ניט ווייניגער האט ער געליטען פון זיין אידענע, וואס האט געהאט א מויל גרויס ווי א צעבער און א צונג אזוי לאנג ווי דארע־קישקע און האט געקענט שעלטען ווי אן אלטע מכשפה. ווען עס איז איהר געווען ביטער אויפ'ן הארצען, האט זי אנגעהויבען ר' ברוך'ן צו שעלטען מיט טויטע קללות און האט איהם נאך דערצו אנגערופען אלערליי נעמען, ווען די קינדער זיינען געווען דערביי. קיין קללה האט איהם ניט אזוי פארדראסען ווי די, אז ער זאל צו קבר ישראל ניט קומען, און אז די ערד זאל איהם ארויסשפייען. נאר ער האט קיין מאל אויף די קללות ניט געענטפערט, און וואס מעהר ער האט געשוויגען, אלץ מעהר האט זי געשאלטען, שרעקליכע, שווארצע קללות.

ר' ברוך איז אין גאנצען אלט געווען עטליכע און פופציג יאהר און האט אויסגעזעהן, ווי א זקן פון אכציג. זיין בארד איז געווען ווייס ווי שנעע. די הויט פון זיין פנים צוקארטשעט און פון זיינע אויגען איז יעדעס לעבען געווען אויסגעלאשען, און ווער עס האט איהם צום ערשטען מאל געזעהן, האט ניט געקענט וויסען צי ער איז א בלינדער אדער א זעהענדיגער. ער איז אלע מאל געווען א שטילער מענש, אבער איצט איז ער שוין געווארען אזוי שטיל, אז מען האט פון איהם קיין מאל מעהר א ווארט ניט געהערט. ער האט זיך פאר קיינעם ניט מעהר געקלאגט און צו קיינעם ניט מעהר געגאנגען, און זיין פרומקייט איז אויך מעהר ניט געווען אזוי גרויס ווי פריהער. מען האט איהם נאך אלץ געזעהן ארום שוהל־הויף, אבער מען האט איהם מעהר ניט באמערקט שטעהן און דאווענען בהתלהבות, ווי אין זיינע אינגערע טעג.

אין א דאנערשטאג נאך פורים איז ר' ברוך געקומען אין בית המדרש און האט געדאווענט פאר'ן עמוד, ווייל ער האט געהאט יאהרצייט. כאטש ער איז אלע מאל געווען א פיינער בעל תפלה, האט ער שוין געדאווענט אהן שום מתיקות און אויך אהן יעדע התלהבות. זיין שטימע איז געווען שוואך און זיין דאווענען גלייכגילטיג. נאר ווען ער איז געקומען צום פסוק "הבט משמים וראה". האט זיך זיין שטימע אויפגעהויבען, אדער ער האט געמאכט א שרעקליכע אנשטרענגונג אום אויפצוהויבען זיין קול. מעהר ווי די דריי ווערטער "הבט משמים וראה" האט מען פון איהם ניט געהערט. ער איז געפאלען און צוזאמענגעבראכען. אידען זיינען באלד צוגעלאפען און איהם צוגעטראגען צו דעם באנק לעבען אייווען. דער פעלדשער, וועלכער איז גראד געווען אין בית־המדרש, איז אויך באלד צו איהם צוגעגאנגען און דערזעהענדיג דאס בלוט וואס שפריצט איהם ארויס פון מויל, און די אויערען האט ער באלד פעסטגעשטעלט. אז ר' ברוך'ן האט געטראפען דער שלאג. מען האט איהם אפגעפיהרט אהיים א האלב טויטען. ער איז באלד געקומען צו זיך און איז געווען ביים קלאהרען פארשטאנד. אבער ער איז געווען געלעהמט און האט זיך ניט געקענט באוועגען. ער איז געלעגען א חולה מסוכן אויף א שלאפבאנק לעבען באק־איווען. און ארום איהם די ווייב מיט די קינדער, טרויעריג, פארצווייפעלט, פארוויינט. די ווייב האט אויפגעהערט צו שעלטען און די קינדער האבען אויפגעהערט צו

שרייען. אין שטוב איז געווארען שטיל. באלד האט מען אויך אויפגעהערט צו באקען די בייגעל ווייל דער דאקטאר האט אנגעזאגט אז מען טאר דעם אויווען ניט מעהר הייצען. אזוי לאנג ווי ער ליעגט לעבען אייוען און אנאנחער ארט איהם אוועקצולעגען איז ניט געווען.

ר' ברוך האט געפיהלט, אז זיינע טעג זיינען געצעהלט און ער דארף פאר'ן זיך ארויסקרויזען פון דער וועלט האבען א דין וחשבון מיט זיך, מיט זיינע מיט־מענשען און מיט גאט. אין א זונטאג אין דערפריה, קורץ פאר פסח, האט ער געבעטען זיין ווייב, אז זי זאל שיקען רופען זיינע פריינד, די גרויסע לומדים פון שטאדט און דעם רב. זיי זיינען גלייך געקומען. זיי האבען געמיינט, אז ר' ברוך וויל זיך מתודה זיין. ווען זיי זיינען געשטאנען פאר זיין טויטענבעט, האט ער זיך מיט גרויס מאטערניש א ביסעל אויפגעהויבען און געזאגט מיט א קלאהרער שטימע: : "רבותי, איך וויס, אז מיינע טעג און אפשר מיינע שטונדען זיינען געצעהלט און איך וויל זיך מתודה זיין. רבותי, איך קען זיך נאר פארשטעלען אן אל רחום וחנון, אבער א גרויזאמען און בייזען גאט קען איך זיך ניט פארשטעלען, און אזוי ווי איך האב נור געזעהן אין לעבען שלעכטסקייט און גרויזאמקייט, גלויב איך ניט, אז ער איז דא. א שלעכטער און גרויזאמער און אונבארעמהערציגער גאט האט קיין זינען ניט, און דערפאר זייט מיר מוחל. ווען איך בין זיך מתודה אז איך.. איך גלויב ניט.. און עס איז אלעס נארישקייט און אבערגלויבען.. ער איז ניטא. ווען ער וואלט געווען, וואלט ער מיך ניט געפייניגט און געמאטערט דריי און פופציג יאהר, און עס איז אלעס הבל הבלים.. און זייט מיר מוחל פאר זאגען דעם אמת..״ ער האט אוועקגעלעגט זיין קאפ אויפ'ן קישען און האט אויסגעהויכט זיין לעצטען אטעם..

נאך א לאנגער און שטורמישער אסיפה אין שוהל איז אבער נאך דעמזעלבען טאג בעשלאסען געווארען ר' ברוך'ן צו ברענגען צו קבורה, אזוי ווי עס וואלט קיין זאך ניט פארגעקומען, ווייל דער רב האט גע'פסקענט, אז די לעצטע ווערטער פון שכיב מרע זיינען ניט געווען די ווערטער פון א קלאהרען אידען, און ווען דער שכל פון מענשען ווערט פארטונקעלט, איז א מענש ניט פאראנטווארטליך פאר וואס ער רעדט...

און ר' ברוך איז געבראכט געווארען צו קבורה בכבוד גדול, און ער איז מספיד געווארען כהלכה און זיין אלמנה און די קינדער זיינען געגאנגען איבער די הייזער.

די נקמה פון אַ ציעג.

ר' צמח דער סופר איז געווען ביילע פאדלעס מאן. ער אליין איז גאר ניט געווען. ער איז נאר געווען א סופר סת"ם און האט געשריבען מזוזות און מגיה געווען ספרי תורות. אלס אזעלכער איז ער געווען באריהמט ניט נור אין שטעדטעל נאר אין פיעלע שטעדטלאך ארום. ער האט געהאט א פאאר אויגען, וואס האבען געזעהן אזוי ווייט, ווי די אויגען פון א מאטראז. און ער האט ניט געשריבען נאר ער האט געמאהלט מזוזות. זיין שרייבען איז געווען די ארבייט פון א קינסטלער, און דערפאר האט ער זיך טאקע געלאזט בעצאהלען. זיינע געשריבענע תפילין האבען געקאסט דריי רובעל און א מזוזה האט געקאסט פופציג קאפיקעס. נאר די מהדרין מן המהדרין האבען ביי איהם געקויפט תפילין און מזוזות. די אידען פון א גאנץ יאהר האבען געקויפט סלאנימער תפילין. פאר שרייבען א ספר תורה, האט ר' צמח פארלאנגט ניט ווייניגער ווי פינף הונדערט רובעל, און ער איז געבליבען ביים פארלאנגען. אויסער שרייבען און לערנען האט ער קיין זאך ניט געקענט, אבער דערפאר האט ער שוין זיין קליינע און שווארצע אידענע, ביילע די פאדלע זעהר פיעל געקענט. זי האט געקענט שרייען, ווי אן אקס און שעלטען ווי אין דער תוכחה, און איהר קול האט מען געקענט הערען פאר צעהן מייל.

ר' צמח איז געווען א גרויסער סופר סת"ם, א גרויסער למדן און נאך א גרעסערער קבצן. פון זיין שרייבען מזוזות און תפילין און מגיה זיין ספרים, האט ער זיך ניט געקענט מפרנס זיין, ווייל ער האט ניט נאר געהאט זיעבען קינדער אין עלטער פון צוויי ביז פערצעהן יאהר, נאר אויך א בלינדע שוויגער און איהר געראטענע טאכטער, זיין ווייב ביילע. ביילע איז געווען די עקרת הבית. זי איז געגאנגען איינמאהנען געלד, וואס מען איז איהר מאן געווען שולדיג, זי האט פארקויפט פוטער און קעז, זי האט פארקויפט מילך און ביי פארשידענע געלעגענהייטען איז זי אויך געווען א סארווערטע. ביילע די פאדלע איז געווען א שווארצחן'עווריגע, נאר מעהר שווארץ ווי חן'עווריג. ווען זי וואלט מעהר געהאלטען פון זיך, זיך ארומוואשען און זיין זויבערער ווי זי איז געווען, וואלט זי גענאלטען פאר א פארשוין. זי איז געווען הויך און שלאנק. זי האט געהאט א רונדען פנים, א שעהן געשניצטע נאז און צוויי שווארצע אויגען, וואס האבען געברענט פלאם פייער. ווען זי האט געשוויגען, האט מען ניט געקענט אננעהמען, אז זי האט א גרויסע מויל, דען זי האט געהאט א פאאר קליינע רויטע ליפען, און ווען זי האט זיי געעפענט, האט מען דערזעהן צוויי רייהען ווייסע ציינער, וואס האבען אויסגעזעהן ווי צוויי רייהען ווייסע פערל. דערפאר אבער ווען זי האט געעפענט איהר מויל און האט אנגעהויבען אייגטענה'ן מיט איהר מאן אדער מיט איהרע קינדער, האט זיך איהר גאנצער

פנים פארענדערט און זי האט אויסגעזעהן ווי א מכשפה. איהר קליין פנים מיט די צוויי רונדע בעקעלאך איז געווארען נאך קלענער, און וואס מען האט דאמאלט געזעהן איז צוויי גרויסע, שווארצע פייער און גיפט שפייענדע אויי־גען. מען האט איהר גערופען פאדלע צוליעב דער קראנקער ציעג, וואס זי האט געהאלטען און פאר וועלכע מען האט זיך אין שטעדטעל געשראקען. ביילע'ס ציעג איז שוין איין מאהל געווען א ציעג און האט געגעבען מילך ווי א פע־טע קוה, אבער ווען די ציעג איז קראנק געווארען און אויפגעהערט געבען מילך. האט זיך ביילע מיט איהר געהאלטען, איהר געגאנטשעט, עפעס אזוי ווי זי וואלט געווען א מענשליכע באשעפעניש. אין שטאדט האט מען די ציעג גע־רופען פאדלע און אזוי ווי מען האט שטענדיג געזעהן ביילע'ן צוזאמען מיט דער ציעג, האט מען איהר א נאמען געגעבען ביילע די פאדלע, און דיזע ביילע די פאדלע, איז געוועזן די ווייב צו ר' צמח דעם סופר.

ר' צמח איז געווען א קליין אידעלע מיט א קליין שפיטציג בערדעלע. וואס האט טאקע אויסגעזעהן ווי דאס בערדעלע פון זיין ציעג. דערצו איז ער געווען א הינקענדיגער און סתם א חלוש. ביילע דאגעגען איז געווען הויך און שלאנק, און אלס מיידעל איז זי געווען א שעהנהייט. זי האט חתונה געהאט פאר ר' צמח'ן, ווייל איהר טאטע, אן עלטערער שוחט, האט איהר געהייסען, איהר פאטער איז אויך דער שידוך ניט געפעלען, אבער ער האט פאר זיין טאכטער קיין נדן ניט געהאט, און אז מען האט ניט קיין נדן פאר דער טאכ־טער, קען מען קיין איידעם ניט קלייבען. מען נעהמט וואס עס פאלט אריין אין האנד. זי האט חתונה געהאט מיט ר' צמח דעם סופר געגען איהר ווילען, און צייט דעם טאג פון איהר חתונה האט זי איהם טאקע ניט אויפגעהערט צו שעלטען. די קללות האט זי זיך אויסגעלערנט פון איהר שטיעפמאמען און שפעטער האט זי אליין ערפונדען א סך נייע קללות. יעדעס יאהר האט זי אלץ ערפונדען מעהר נייע קללות, ווייל יעדעס יאהר איז צוגעקומען א קינד און די צוגעקומענע קליינע פרעסערלאך האבען געהאט גרויסע אפעטיטעלאך, און ר' צמח האט ניט געקענט שרייבען מעהר ווי צוויי פאאר תפילין א וואך, און ווען ער האט זיי שוין געשריבען, זיינען קיין קונים ניט געווען, ווייל די אידען פון שטעדטעל האבען זיך באגנוגענט מיט סלאנימער תפילין און מזוזות. ביי־לע האט אלזא געדארפט העלפען קריגען ברויט פאר די קינדער, און ווען גאט בענטשט א פרוי מיט אזא מאן, ווי צמח דער סופר, איז עס ניט קיין לייכטע ארבייט צו ערנעהרען א משפחה פון צעהן מיילער. ביילע האט אויך ניט גע־וואלט ארבייטען. זי האט ליעב געהאט צו שטעהן פאר'ן שפיעגעל און קוקען. וואס זי האט געקוקט איז געווען שווער צו זאגען, אבער זי האט געקוקט און דערפון הנאה געהאט. ווען א פרוי האט ליעב צו שטעהן פאר'ן שפיעגעל, האט זי שוין ניט ליעב צו ארבייטען. די איינציגע זאך וואס זי האט געקענט טאן איז מאכען קעז און פוטער און פארקויפען. ווען איהר ציעג איז געווען גע־זונט און געגעבען מילך ווי א קוה, האט זי אויך געקענט מעלקען די ציעג, און אזוי ווי זי איז געווען מיט דער ציעג זעהר באפריינדעט, האט זי איהר געמאל־קען מיט א געוויסער פרייד. מען קען זאגען, אז די ציעג איז געווען איהר איינ־ציגער פריינד. פון דער ציעג האט זי אויך געהאט מעהר ווי פון אלע איהרע פריינד צוזאמענגענומען. די ציעג האט געגעבען מילך, גוטע, פרישע, פעטע ציעגען־מילך פאר וועלכע עס זיינען געווען פיעל קונדען אין שטעדטעל. אלט

און יונג האט נאך דאמאלט געגלויבט, אז ציעגען־מילך איז א סגולה צו שווינד־זוכט און צו הארץ־קראנקהייטען, און אין שטעדטעל זיינען געווען א סך שווינד־זיכטיגע.

מיט א מאל אבער איז די ציעג קראנק געווארען און האט אויפגעהערט געבען מילך.ביילע האט די ציעג זעהר ליעב געהאט און זי האט מיט דער ציעג גערעדט און זי געפרעגט פארוואס זי האט אויפגעהערט צו געבען מילך, אבער די ציעג האט נור געענטפערט מיט א שוואכען מעה, מעה. די קראנקהייט פון דער ציעג איז פאר ביילע'ן געווען א גרויסער שאדען. ניט נאר האט די ציעג קיין מילך מעהר ניט געגעבען, נאר מען האט זי אויך ניט געקענט פארקויפען צו א קצב. ווער וועט עס געהן קויפען א קראנקע ציעג? זי טויג דאך ניט פאר מילך און ניט פאר פלייש. אבער וואס האט ביילע געקענט טאן מיט דער ציעג? זי האט זיך געמוזט מיט איהר האלטען און איהר פא־שען און פאשען די ציעג קאסט מיה און געלד. א לאנגע צייט האט ביילע אליין געפאשעט די ציעג. זי האט ניט געקענט פארגעסען וואס די ציעג האט פאר איהר געטאן, ווען זי איז געווען געזונט, און איצט אז זי איז געווען קראנק, האט זי די ציעג ניט געוואלט אוועקווארפען, פארשלעפען אויף א פעלד אויסען שטאדט און זי דארט לאזען שטעהן. ביילע איז געווען א דאנקבארע נשמה און איז געווען דאנקבאר געגען איהר ציעג.

ביילע האט זיך א לאנגע צייט ארומגעשלעפט מיט איהר ציעג. זי האט געפיהרט די ציעג אויף לאנקי, זי האט געפיהרט די ציעג צום טייך און זי האט די ציעג געפיטערט אין דערהיים. מיט דער צייט איז איהר אבער די אר־בייט מיאוס געווארען. אזוי ווי זי האט זיך אבער פון דער ציעג ניט געוואלט שיידען, אפשר נאך האפענדיג אז די ציעג וועט אמאל ווידער געזונט ווערען, האט זי אנגעזאגט איהר עלטסטען זוהן, ביינושקע'ן אז ער זאל פאשען די ציעג און זי פיהרען אויפ'ן לאנקע. ביינושקע איז געווען א בר מצוה אינגעל און נעראטען אין דער מאמען. ער האט אויך געהאט ניין מאס רייד און איז גע־ווען שעהן געוואקסען, שווארץ־חן'עוודיג, מיט א פאאר גרויסע שווארצע אויגען און א קאפ פעך־שווארצע האאר. ביינושקע'ן איז די ציעג ניט געלעגען אין קאפ. ווען די מאמע האט איהם אנגעזאגט, אז מהיום והלאה מוז ער אכטונג געבען אויף דער ציעג, איז איהם דאס גאר ניט געפעלען געווארען. ער איז געווען אינטערעסירט אין דעם שטאדט־באק, און ער איז געווען באקאנט אלס א גוטער באק־רייטער. שבת פאר נאכט פלעגט ער זיך מיט אנדערע אינגלאך צוזאמענקומען אויפ'ן שוהל הויף און זיך אנהויבען ארומיאגען מיט דעם באק. ער האט געקאנט כאפען דעם באק ביי די הערנער און זיך אויף איהם ארויפ־כאפען און רייטען. ער האט געוואוסט, ווי זיך צו האלטען, אז דער באק זאל איהם ניט ארונטערווארפען. ביינוש'קע איז איבערהויפט געווען א שטיפער א אינגעל, און דערפאר האט ער געכאפט אזוי פיעל קלעפ פון טאטען און פון דער מאמע'ן אין דערהיים, פון רבי'ן אין חדר און פון גבאי אין בית המדרש. זיך שלעפען מיט דער ציעג איז איהם ניט געווען צום הארצען און פאשען די ציעג האט ער אויך ניט געוואלט. די מאמע האט איהם אבער אנגעזאגט, אז ער מוז פאשען די ציעג, און ער האט געוואוסט וואס דאס הייסט, ווען ער וועט ניט פאלגען—צעהן שמיץ און א טאג ניט עסען. ביילה די פאדלע איז געווען א כוואטסקע אידענע און זי האט געטאן א סך ארבייט, וואס איהר מאן האט

געדארפט טאן, ווי למשל שמייסן די אינגלאך אלע ערב שבת, אויסקעהרען דעם קוימען, אויפבּרעכען די אייז אין פארפּראָרענעם פּאָס, אריינטראָגען שטרוי אין שטאָהל פאַר די ציעג און אזוי ווייטער. דאָס האָט זי נור ראָן גע־טאָן, ווען זי האָט זיך פריהער גוט דורכגעשאָלטען.

ווען זי האָט איבּערגעגעבּען די ציעג אין רשות פון בּיינושק׳ן האָט זי איהם אנגעזאָגט: "פּאַשע די ציעג אַלע טאָג אזוי ווי זי האָט אונז אמאָל גע־פּאַשעט. זעה אַז די ציעג זאָל אַלע טאָג זיין אויפ׳ן לאַנקע און פרעסען גוטע גראָז. אויבּ דו וועסט די ציעג ניט פּאַשען און אויבּ די ציעג וועט ניט פרעסען קיין פרישע גראָז וועלען דיר עסען די ווערים. אויבּ דו וועסט האַלטען די ציעג אין שטעלכעל און זי וועט ניט זעהן די ליכטיגע וועלט, וועסטו ווערען בּלינד און דיר וועלען די אויגען ארויס. אַלזאָ געדענק־זשע, בּיינוש׳קע!״ זי האָט איהם נאָך געגעבּען אַ קניפּ אין אָרעם, אַז די אויגען זיינען איהם בּאַלד אַרויס פון זייערע לעכער און האָט איהם געזאָגט: „געה און גיבּ אכטונג אויף דער ציעג״.

בּיינוש׳קען האָט די גאַנצע מעשה שטאַרק פאַרדראָסען, אויבּ אכטונג געבּען אויף דער ציעג, פאַרוואָס קענען עס ניט טאָן די אינגערע קינדער? און צו וואָס דאַרף מען איבּערהויפּט אכטונג געבּען אויף אַ ציעג, וואָס גיט ניט קיין מילך בּיי טאָג און וואָס האַלט אין איין מעקען אַ גאַנצע נאַכט און לאָזט ניט שלאָפען? אַזאַ ציעג דאַרף מען דערהרג׳ענען. די מאַמע האָט איהם אבּער אנגעזאָגט אכטונג צו געבּען אויף דער ציעג, ווייל אויף איהם האָט זי זיך גע־קענט מעהר פאַרלאָזען, ווי אויף די אינגערע קינדער. אויפ׳ן לאַנקע אויסען שטאָדט קומען זיך אויך צוזאַמען שקצים מיט זייערע ציעגען. בּיילע האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז בּעסער, דאָס בּיינוש׳קע זאָל זיין אויפ׳ן לאַנקע מיט דער ציעג, ווייל איהם וועט קיינער ניט וואַגען צו טשעפּען, און ווען ער וועט זיין דערבּיי וועט אויך קיינער די קראַנקע ציעג ניט טשעפּען. בּיינוש׳קע האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען. ער האָט געגלויבּט, אַז די מאַמע האָט אויס שלעכטקייט צו איהם דוקא איבּערגעגעבּען די ציעג און דאָס האָט איהם שטאַרק גע־קרענקט. ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר דער מאַמען, וואָלט ער די ציעג דערהרג׳עט און פאַרטיג. ער האָט בּשום אופן ניט געקענט איינזעהן, פאַרוואָס ער זאָל פאַרבּרענגען זיין צייט מיט דער קראַנקער ציעג, ווען ער האָט זיך געקענט שפּיעלען מיט דעם געזונטען בּאָק. אין איהם האָט זיך ענטוויקעלט אַ שרעקליכער כעס אויף דער ציעג, און ער האָט געטראַכט ווי זיך מיט איהר אויף אַזאַ אופן אפּצורעכענען אַז די מאַמע זאָל דערפון ניט וויסען. די מאַמע האָט געהאַלטען אַן אויג אויף בּיינוש׳קען מיט דער ציעג, און אָפט פלעגט זי איהם נאָכגעהן און זעהן וואָס ער טהוט מיט דער ציעג, צי ער פּאַשעט איהר ריכטיג, צי ער פיהרט זי אויפ׳ן לאַנקע, צי ער בּרענגט איהר פרישע שטרוי אין שטעלכעל און אזוי ווייטער. בּיילע האָט געקענט איהר תכשיט און האָט געוואוסט אַז מען מוז האַלטען אויף איהם אַן אויג. בּיינוש׳קע וויסענדיג אַז די מאַמע האַלט אויף איהם אַן אויג, האָט זיך מיט דער ציעג אַרומגעשלעפּט און אַלעדינג געטאָן, וואָס די מאַמע האָט איהם געהייסען.

בּיינוש׳קע האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט דער ציעג, און די חדר־אינגלאַך האָבּען איהם אַ נאָמען געגעבּען בּיינושקע די ציעג. בּיינושקע׳ן האָט

דאס פורכטבאר פארדראסען. ער איז שוין גאר ניט געווען קיין ציעג. כאטש ער איז נור געווען א בעל מצוה איינגעל, האט ער אויסגעזעהן ווי א בחור פון זעכטצעהן יאהר און איז געווען שעהן, גרויס, שטארק און געזונט. ער האט געפיהלט, אז עס איז פאר איהם א באליידיגונג ארומצוגעהן מיט א קראנקער ציעג. דאס פאסט פאר א באבען, פאר א קראנקער מוהמע, אבער ניט פאר ביי־נוש'קען. ווען ער האט געהערט ווי מען רופט איהם ביינושקע די ציעג, איז ער געווארען פלאם פייער און האט געוואלט אלסדיינג צושטערען, וואס געפינט זיך ארום איהם. עס איז אויך אפט פארגעקומען, אז ער האט זיך א ווארף געטאן אויף א חדר איינגעל און האט איהם צו'ממית'ט, ווייל ער האט איהם גערופען ביינוש'קע די ציעג. ביינושקע וואלט צו קיינעם ניט געהאט, ווען מען וואלט איהם גערופען דער וואלף אדער דער לייב, עס איז איהם געווען אונערטרעג־ליך און עס האט איהם פורכטבאר געקרענקט, וואס מען האט איהם פארגלי־כען מיט דער ציעג, און נאך מיט וואס פאר א ציעג?

ביילע איז געווען צו באשעפטיגט מיט איהרע קינדער, מיט איהר פור־טער און קעז און מיט איהר שוואכען מאן, וועמען זי האט שטארק געשאלטען, כדי צו פארשטעהן ביינושקע'ס לאגע, און יעדער טאג האט זי איהם אויפ'ס ניי אויפגעפאדערט אכטונג צו געבען אויף דער ציעג, און ביי יעדער אויפ־פאדערונג האט זי איהם נאך געגעבען עטליכע טוטץ קללות, צו זיין זיכער, אז ער פארשטעהט איהר ערנסטקייט אין דער זאך. דען ווען ביילע די פאדלע איז ניט געווען ערנסט אין א זאך, האט זי ניט געשאלטען. זי האט געוואוסט, אז ביינושקע איז א שטיפער און נעהמט זיין אויפגאבע מיט דער ציעג ניט ערנסט, און עטליכע קללות האט זי זיך געטראכט, וועלען איהם מאכען פאר־שטעהן אז מען דארף אכטונג געבען אויף דער ציעג. די קללה וואס ביינוש'קע האט יעדען טאג געהערט איז געווען: "זאלען דיר ארויס די אויגען, אויב דו וועסט אפלאזען אן אויג פון דער ציעג." ביינוש'קע האט די קללה אזוי אפט געהערט, אז זי האט שוין אויף איהם קיין איינדרוק ניט געמאכט, און די אויפגאבע פון פאשען און אכטונג געבען אויף דער ציעג איז איהם געווארען לעס־טיגער פון טאג צו טאג ביז ער האט א מאל באשלאסען צו מאכען א סוף צו זיינע אייגענע צרות און צו דער ציעג.

סתם דער'הרג'ענען די קראנקע ציעג האט זיך איהם ניט געוואלט. דאן האט ער מורא געהאט דאס צו טאן. אויב ער דער'הרג'עט די ציעג, איז ער פון זיין מאמען ניט זיכער מיט דעם לעבען. ער האט דערפאר באשלאסען די ציעג אזוי אויסצוהונגערען, אז זי וועט אין א שעהנעם טאג פאלען פון די פיס און פגר'ן. אין שטעלכעל האט ער געמוזט פאשען די ציעג, אבער אויפ'ן לאנ־קע האט ער מיט איהר געקענט טאן וואס ער וויל. אנשטאט צו לאזען די ציעג ארומלויפען אויפ'ן לאנקע און פרעסען די פרישע גראז, האט ער זי צוגעבונ־דען צו א בוים, און האט איהרע הערנער אזוי פארדרעהט מיט א שטריק, אז די ציעג האט זיך ניט געקענט איינבויגען און פרעסען די גראז. די ציעג האט זיך אבער נאך מעהר געצייטיגט אין די פרישע גרינע גראז ווי אין די שפייז, וואס זי האט געקראגען אין שטאהל. זי האט זיך געמאטערט זיך איינצובויגען און כאפען א ביסעל פרישע גראז, אבער זי האט ניט געקאנט דערגרייכען די ערד. זי האט ארויסגעשטעקט איהר צונג צו כאפען די גראז און זי האט די גראז ניט געקענט דערגרייכען. ביינושקע האט דאס צוגעזעהן און האט דערפון

שטארק הנאה געהאט. שפעטער האט ער איז גאנצען פארלארען זיין אינטערעס אין דער ציעג, און ווי באלד ער איז געקומען מיט דער ציעג אויפ'ן פעלד און זי צוגעבונדען צו א בוים, האט ער זיך שוין וועגען איהר ניט מעהר געקימערט, נאר ער איז אוועק אויפ'ן שוהל־הויף זיך שפיעלען מיט דעם שטאדטבאק. עס איז אויך אפט פארגעקומען אז שקצים, וועלכע האבען געפאשעט בהמות אויף דער לאנקע האבען דאס געזעהן, און האבען די ציעג אפגעבונדען און איהר געגעבען א מעגליכקייט צו פרעסען פרישע גראז, אבער לרוב איז די ציעג געשטאנען שטונדען לאנג צוגעבונדען צום בוים ביז ביינוש'קע איז געקומען, זי אפגעבונדען און זי ווידער געבראכט אין שטעלכעל. די ציעג איז געווארען מאגערער, נאר אזוי ווי זי איז סיי ווי געווען קראנק, האט מען דאס ניט באמערקט.

אין א שעהנעם זומער נאכמיטאג האט ביינוש'קע ווידער אוועקגעפיהרט די ציעג אניפ'ן לאנקע און האט זי ווידער געוואלט צובינדען צו א בוים כדי זי זאל ניט קענען פרעסען די פרישע גראז. בעת ער האט ארויסגענומען די שטריקעל פון קעשענע און זי גענומען פארנאנדערוויקלען, האט די ציעג אראפגעלאזען די קאפ, איהם אריינגעפאהרען מיט די צוויי הערנער אין אונטערלייב, און ווען ער איז געפאלען אויף דער ערד, קוים פארשטעהענדיג וואס דא איז פארגעקומען, איז די ציעג געשטאנען אויף איהם און האט איהם בעארבייט מיט איהרע שפיטציגע הערנער. ער האט ארויסגעלאזען א קול ווי א לייב, און ווען די שקצים, הערענדיג דעם קול, זיינען צו איהם צוגעקומען, האבען זיי איהם געפונען א פארבלוטיגטען. מען האט ביינושקע'ן געבראכט אין דערהיים א צוקאלעטשעטען, אהן דער ציעג און אהן אויגען, ביילע די פארלעם סללה אויף ביינוש'קען איז מקוים געווארען.

רפאל דער לאקש אנטלויפט אין אמעריקא

אין שטעדטעל זיינען געווען צוויי מענשען וועלכע זיינען געווען גע־האסט כאטש זיי האבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן, ר׳ ירוחם דער קברן און רפאל לאקש. ר׳ ירוחם דער קברן האט געלעבט פון בית עולם און וואס מעהר אידען ער האט אריינגעלעגט אין דער ערד, אלץ בעסער איז פאר איהם געווען, און רפאל לאקש, דער שיפסקארטען־אגענט האט אוועקגעשיקט די יונג־ווארג אין אמעריקא און האט אזוי אוועקגענומען די קינדער פון טאטע מאמע.. טאטע מאמע האבען ניט געוואלט שיקען די קינדער אין אמעריקא, אבער זיי האבען קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אין שטעדטעל איז פאר די יונגווארג ניט געווען וואס צו טאן. די יונגע בחורים האבען ניט געוואלט געהן דיענען דעם קייזער און די יונגע מיידלאך האבען ניט געוואלט פאהרען אין קאוונא אדער אין ווילנע ווערען דיענסטמיידלאך, און דערפאר זיינען זיי געפאהרען אין אמעריקא. די עלטערן האבען זיך אפטמאל געפרעהט ווען זיי האבען געקענט די קינדער אוועקשיקען אין אמעריקא, אבער ווען עס איז געקומען צום געזעגע־נען זיך איז געווען קלאג און יללה. מען האט אזוי געוויינט און געכליפעט אזוי ווי מען וואלט עפעס פיהרען די קינדער צו דער תליה. די פרומע טאטעס האבען מורא געהאט, אז אין אמעריקא וועלען די זיהן ניט אפהיטען מנחה און מעריב אדער וועלען נאך אפשר תפילין אויך ניט לעגען, און די מאמעס האבען מורא געהאט. אז די טעכטער וועלען אין אמעריקא ווערן אויסגעלאסען, חתונה האבען מיט הולטאיעס און ניט טראגען קיין שייטלען. ווען א מיידעל אדער א בחור האט געדארפט אוועק אין אמעריקא, איז געווען אין הויז תשעה באב. אנשטאט זיך צוקושען און געזעגענען, האט מען געוויינט און געקלאגט, און די עלטערן האבען מורא געהאט, אז זיי וועלען פארליערען זייער קינד.. און אזוי ווי רפאל דער לאקש איז געווען דער איד וועלכער פלעגט פארקויפען שיפס־קארטען, און אזוי ווי ער איז דאס געווען דער מאן, וועלכער האט פיעלע בחורים און מיידלאך איינגערעדט צו פאהרען אין אמעריקא, איז ער געווען ביי אלעמען פארהאסט. מען האט אויף איהם געקוקט, ווי אויף ר׳ ירוחם דעם קברן. פון ר׳ ירוחם׳ס הענד האבען זיך די אלטע ניט געקענט אויסדרעהען און פון רפאל דעם לאקש׳ס הענד האבען זיך די יונגע ניט געקענט ארויסדרעהען.. דאס שטעדטעל האט ערצויגען א יונגען דור, און ווי באלד דער יונגער דור איז אונטערגעוואקסען, האט איהם רפאל דער לאקש טראנספארטירט אין אמערי־קא. ווען די קינדער פלעגען נאך שיקען געלד און בריעף פון אמעריקא האט מען רפאל׳ן קיין פארווירפע ניט געמאכט, אבער ווען עס איז פארגעקומען, אז א בחור אדער א מיידעל איז מיט דער הילף פון רפאל׳ן אוועק אין אמעריקא און האט קיין געלד ניט געשיקט און קיין בריעף אויך ניט, און דאס איז אפט

פארגעקומען, איז רפאל ניט געווען זיכער פון זלזולים און באליידיגונגען און פון פעטש.

רפאל דער לאקש איז געווען א לאנגער, פעטער, בלאנדער איד מיט א פוסטע קאפ. ווען ער וואלט ניט געהאנדעלט מיט שיפסקארטען, וואלט ער זיין גאנצען לעבען געמוזט פאסטען, ווייל אויסער צו פארקויפען שיפסקארטען האט ער זיך צו קיין זאך ניט אויסגעטויגט. ער איז געווען א גרויסער עם הארץ און איז אויך סתם קיין פיינער מענש ניט געווען. ער איז געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל וועלכער איז אין זיין יוגענד געזעסען אין טורמע, ניט פאר זאגען תהלים, נאר פאר האנדלען מיט פאלשע פאספארטען, און זיצענדיג אין טורמע א שעהנע פאאר יאהר, האט ער זיך אויסגעלערנט פארשידענע וויטציגע מעשיות, וועלכע ער האט ביי יעדער פאסענדער און ניט פאסענדער געלעגענהייט דערצעהלט און געמאכט מענשען לאכען. איינע פון זיינע מעשיות איז געווען א וויטציגע געשיכטע מיט א לאקש, און ער האט דיזע מעשה'לע אזוי אפט דערצעהלט, אז מען האט איהם א נאמען געגעבען רפאל דער לאקש. זיין ווירקליכער פאמיליען־נאמען איז אבער געווען קוגעל און ער אליין פלעגט זיך רופען הערר קוגעל, ווייל ער האט זיך געהאלטען פאר א גאנצען דייטש.

רפאל לאקש איז אויך געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל, וועלכער האט קיינמאל ניט אויסגעלאזען א חתונה, א ברית, א מזל טוב אדער א לויה. ער איז אומעטום געווען. וואו מען האט איהם ניט געזייט דארטען איז ער אויסגעוואקסען, אפט ווי פון אונטער דער ערד. רפאל איז אויך געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל, וועלכער האט געהאט א שטאדט אין שוהל, אין בית המדרש און אין דער גרויסער קלויז. ער איז געווען א מאכער אין יעדער חברה, און אין פיעלע חברות איז ער געווען א גבאי. אויב עס איז געווען א איד אין שטעדטעל, וועלכער האט געוואוסט, ווי פיעל קינדער יעדער האט, ווער עס איז א נכתב און ווער עס איז א נעלם, ווער עס איז ארים און ווער עס איז רייך. ווי אלט יעדער איז און ווער מוז און ווער מוז ניט פאהרען אין אמעריקא. איז עס געווען רפאל דער לאקש. ווען ער האט געגלויבט, אז חיים אדער זרח וויל זיך מעהר ניט האלטען מיט'ן אונגעראטענעם זוהן, אדער אז דיזע אדער יענע מיידעל האט ניט קיין אויסזיכט חתונה צו האבען, ווייל זי האט ניט קיין נדן אדער ווייל זי איז מיאוס, אדער ווייל זי זוכט צו פיעל, איז ער אוועק צו די עלטערן און זיי גענומען דערצעהלען פון אמעריקאנער גליקען. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען אז אין אמעריקא ליעגט גאלד אויפ'ן גאס, און ווער עס קומט פריהער קען דאס גאלד אויפהויבען און צונעהמען. ער האט אלעמען געהאט איינגערעדט, אז ער איז געווען אין אמעריקא און ווייסט, וואס פאר א גאלדענע מדינה אמעריקא איז און ווען מען האט איהם געפרעגט, פארוואס ער אליין איז אין אמעריקא ניט געבליבען, האט ער געענטפערט, אז זיינע עלטערן האבען זיך ביי איהם געבעטען צו קומען צוריק, ווייל ער איז געווען זייער איינציגער זוהן. אזוי ווי ער אליין איז ניט געווען פון שטעדטעל נאר א צוגעקומענער, האט מען איהם געגלויבט, וואס ער האט פון זיך אליין געזאגט, און מען האט איהם באטראכט פאר א גרויסען ידען אין אמעריקאנער ענינים. אבער רפאל דער לאקש איז באמת קיין מאל אין אמעריקא ניט געווען און איז אויך ניט געווען קיין בן יחיד ביי זיינע עלטערן און אלע זיינע ידיעות איבער אמעריקא.

האט ער געשעפט פון בראשורען וואס די שיפסקאמפאניעס האבען ארויסגעגעבען.

רפאל דער לאקש האט זיך אלע מאל באריהמט, אז ער האט שוין אוועקגעשיקט מעהר מענשען פון שטעדטעל אין אמעריקא ווי ער האט האאר אויפ'ן קאפּ. מענשען האבען זיך אבער ניט געכאפּט, אז ער האט געהאט א גרויסען פליך און האט געהאט זעהר ווייניג האאר. אבער עס איז געווען אמת. ער האט אוועקגעשיקט הונדערטע בחורים און מיידלאך אין אמעריקא, און דורכ'ן יאהר פלעגט ער אוועקשיקען קיין אמעריקא פון זעכציג ביז זיבעציג פאסאזשירען. און וואס מעהר פאסאזשירען ער האט אוועקגעשיקט, אלץ מעהר האט מען איהם אין שטעדטעל געהאסט. ווייבער האבען זיך געוואונשען ניט אריינצופאלען אין די הענד פון ר' ירוחם דעם קברן און פון רפאל דעם לאקש. פאר ביידען האבען די ווייבער געציטערט.

רפאל דער לאקש האט געהאט א געפעהרליכע ביזנעס, לעבעדיגע קאנטערבאנדע. ער האט ניט נאר די בחורים און מיידלאך באזארגט מיט שיפסקארטען, נאר אויך מיט פאספארטען און פעסלאך און עס איז איהם ניט געווען קיין אונטערשיעד, צי די פאספארטען און פעסלאך זיינען כשר'ע צי ניט. ער האט זיינע פאסאזשירען גאראנטירט אריבערצונעהמען די גרענעץ און זיי ברייננגען אין קעסעל גארדען, און פיעלע האט ער אויך גאראנטירט רייכטום אין אמעריקא. ווען ער האט פאר זיינע פאסאזשירען איין פאספארט אדער פעסעל ניט געקענט קריגען, אפילו א פאלשען אויך ניט, האט ער זיך אלץ ניט אפגעזאגט פון גאראנטירען זיי אריבערצונעהמען די גרעניץ. ער האט שוין געהאט זיינע חברה לייט וועלכע האבען זיך באשעפטיגט מיט אריבער'גנב'ענען מענשען איבער דער גרענעץ. מען האט געבראכט די פאסאזשירען אין מיטען נאכט אויף א דארף, ניט ווייט פון גרענעץ און דארטען האט מען זיי אפט אנגעהאלטען פאר פיעלע טעג ביז אלסדינג איז געווען אפגערעדט מיט דעם גרענעץ-סאלדאט אדער מיט אנדערע שמוגלערס אז זיי זאלען קומען און אריבערנעהמען די פאסאזשירען איבער דער גרענעץ. יונגע מיידלאך און יונגע בחורים פלעגען זיך אפט פארשטעלען פאר גענז טרייבער און אריינטרייבענדיג גענז אין פרייסען, האבען זיי זיך אריבערגע'גנב'עט די גרענעץ. אנדערע האבען דאס געטאן דורך אריבערשווימען דעם טייכעל, וואס האט געבילדעט די גרענעץ-ליניע, און אנדערע ווידער האט מען בעהאלטען אין א וואגען היי, און זיי אזוי אריבערגע'גנב'עט די גרענעץ, און פאר פיעלע יאהרען האט רפאל דער לאקש ארויסגע'גנב'עט פון שטעדטעל הונדערטע פון דעם קייזער'ס אונטערטאנען און זיי אוועקגעשיקט אין אמעריקא. ווען ער האט גאראנטירט אז ער וועט א פאסאזשיר אריבער'גנב'ענען דעם גרענעץ, האט מען זיך געקענט אויף איהם פארלאזען, ווייל ס'האט ניט געטארט פארקומען אז מען זאל איהם קענען אלס שמוגלער. ניט נאר וואלט ער געקראגען טורמע, נאר ער וואלט אויך געווארען אוים קאפעלוש מאכער אין שטעדטעל, און אזוי ווי דאס איז געווען זיין איינציגע פרנסה, איז ער געווען זעהר פארזיכטיג און האט קיין זאך ניט געטאן, וואס איז פארבונדען מיט א ריזיקע. אזוי האט רפאל יאהרען לאנג אנגעפיהרט זיין געשעפט און האט אנגעקליבען א סך געלד. ער איז געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל וועלכער האט שטענדיג געטאן גוטע געשעפטען. טראנספארטירען מענשען פון שטעדטעל קיין אמעריקא איז געווען אזא זיכערער געשעפט.

ווי באַקען ברויט אָדער נעהען א פּאָאר באשטעלטע שיך. יעדער אין שטעדטעל האָט געהאט א סך קינדער, און וואָס אָרימער א איד איז געווען, אַלץ מעהר קינדער האט ער געהאט. אין שטעדטעל גופא איז פאר די קינדער ניט געווען וואָס צו טאָן. אין שטעדטעל זיינען געווען גענוג קרעמער, גענוג בעלי מלאכות, גענוג סוחרים, און אפשר נאך מעהר ווי גענוג, און א טאטע פון זיעבען, אכט קינדער האט געמוזט תּיער אדער פינף קינדער אוועקשיקען אין אמעריקא, און אַזוי האט דאָס שטעדטעל געארבייט צוצושטעלען צו אמעריקא מענשען־מאַטעריאל און פארזאָרגען רפאל דעם לאַקש מיט א שעהנער פרנסה.

רפאל דער לאַקש, איז דאכט זיך, געווען א גאנץ בעלהבתישער מענש. ער איז געווען אין יעדער חברה, ער איז געווען א שטיקעל בעל צדקה, ער איז אויך געווען אַן עוסק בצרכי ציבור, און האָט דערצעהלט וויציגע מעשה־לאך, אבער דאס שטעדטעל האט עפּעס צו איהם קיין פארטרויען ניט געהאַט. קיינער האט איהם קיין זאך ניט געקענט פארוואַרפען. ער איז געווען, וואס מען רופט אין שטעדטעל אַן ארענטליכער מענש, פון דעסטוועגען האט מען זיך פאַר איהם אויסגעהיט, וואו מען האט געקענט, און וואס מעהר ער האט זיך מיט די פיינערע קלאַס מענשען געוואלט חבר'ן, אַלץ מעהר האבען זיי זיך געהאלטען פון איהם פון וויטען. עס פארשטעהט זיך, אז ער האט אפט מענשען געטאן טובות. עס איז אפט פארגעקומען, אז מען האט אפּגעגעבען א בחור צום פריזיוו און ער האט געדאַרפט געהן דינען פאַר פיער לאנגע יאָהרען, און רפאל דער לאַקש האט איהם געראטעוועט. ער האט איהם כמעט ארויסגעריסען פון די הענט פון נאטשאלסטווא און איהם אוועקגעשיקט אין אמעריקא. עס איז אמת אז אין אַזאַ פאַל האָט ער זיך גאנץ פיין געלאָזט באצאָהלען. עס איז אָבער דאך געווען אַ טובה. עס איז אָפט פאָרגעקומען, אז ער האט מענשען געטאָן א טובה אומזיסט. פיעלע מענשען אין שטעדטעל, און דוקא די פיינסטע מענשען האָבען געהאט אַ סך טעמים צו זיין דאנקבאַר צו רפאל דעם לאַקש. אָבער ער איז דאך פון אַלעמען געווען פערהאַסט. ניט נאר איז זיין מלאכה געווען פערהאַסט נאר ער אַליין איז געווען פערהאַסט. און אַלע זיינע צדקות, טובות און שעהנע מעשה'לאך וואָס ער האט שטענדיג דערצעהלט ביי יעדער פּאַסענדער און אונפּאַסענדער געלעגענהייט האָבען ניט געקענט ענדערען די באַציהונג, וואָס מענשען האָבען צו איהם געהאט, עפּעס א באַציהונג פון חשד און פעראכטונג. עס איז שוין לאנג געווען רפאל'ס אמביציע צו ווערען א דאָזאָרצע אדער כאטש איינער פון די גבאים פון בית מדרש אָדער פון קלויז, און דאָס האָט זיך איהם קיין מאָל ניט איינגעגעבען. ער האט אפילו ניט געקענט ווערען א גבאי פון שניידערשער קלויז. ער האט נור געהאט איין איינציגען גוטען פריינד, און דאס איז געווען דער רוסישער לעהרער פון דער יעווריסקי אוטשילישטשע, א יונגער מאָן, אַ גלות און איינער פון די הולטאַיעס פון שטאָדט, וועלכער פלעגט אָפּליגען אוועגדען אין אַפּטייקער'ס הויז און שפּיעלען אין קארטען. דער אוטשיטעל האט אָבער געהאט א פּאָזיציע אין שטעדטעל. ער איז געווען דער איינציגער איד, וועלכער האט געקראָגען זשאַלעוואַניע פון דער רעגיערונג און האט פארדיענט מעהר ווי אַלע מלמדים מיט זייערע באהעלפערס צוזאמענגענומען און האט געטאן ווייניגער ארבייט פאר זיי. דער אוטשיטעל איז דאס געווען דער חבר און באשיטצער פון רפאל דעם לאַקש, און מען האט זיי אָפט ביידע צוזאמען געזעהן אויף'ן גאַס און אין פארשידענע הייזער.

אויב מען האט רפאל דעם לאקש איבערהויפט אויפגענומען אין א בעל־הבתישע הויז, איז עס געווען צוליעב דעם זכות פון דעם יונגען רוסישען לעהרער, אין וועלכען אלע מיידלאך פון שטעדטעל זיינען געווען פארליעבט ביז איבער די אויערן, ווייל ער איז געווען א קראסאוועמץ א יונג. דורך איהם האט רפאל אפט געמאכט בעקאנטשאפט מיט מיידלאך, וועלכע ער האט נאכהער טראנס־פארטירט אין אמעריקא.

די שטעדטעל האט ניט געוואוסט, פארוואס זי האט אזא טיעפען חשד אויף רפאל דעם לאקש און פארוואס ער איז אזוי פאראכטעט, אז קיינער נעהמט איהם ניט ערנסט און וויל מיט איהם ניט האבען קיין עסקים, סיידען ער איז נעצוואונגען צו האבען מיט איהם אן עסק, ביז עס האט זיך געטראפען א מעשה נורא וואס האט פאר אלעמען קלאהר געמאכט, אז רפאל דער לאקש אדער הערר קונעל האט ניט פארדיענט, אז מען זאל איהם אריינלאזען אין א אידישער הויז.

עס איז אפט אין שטעדטעל פארגעקומען, אז מיידלאך וועלכע זיינען מיט דער הילף פון רפאל דעם לאקש אוועק אין אמעריקא, האבען פאר א לאנגע צייט זייערע עלטערן אין שטעדטעל קיין ווארט ניט געשריבען, און אין אייני־גע פעלע זיינען זיי סתם ווי אין וואסער אריין און מען האט פון זיי קיין מאל ניט געהערט. די מאמעס האבען געוויינט, די טאטעס האבען געהאט פיעל עגמת נפש און מיט דער צייט האבען זיי זיך צופרידען געשטעלט מיט דעם געדאנק, אז זייער קינד איז ענטוועדער געשטארבען אדער עס האט זיך גע'שמד'ט... אנדערש האבען זיי זיך דאס שטילשווייגען ניט געקענט פארשטעלען. ווען זייער קינד לעבט און עס איז נאך א אידיש קינד, מוז עס שרייבען א בריוועל. רפאל האט אין יעדען איינציגען פאל געקענט באווייזען מיט דאקומענטען אז דער און דער פאסאזשיר איז ריכטיג אנגעקומען אין קעסעל גארדען. ווייטער איז ער ניט געווען פאראנטווארטליך. פון אמעריקא איז קיינער ניט צוריקגעקומען. אזוי ווי מען קומט ניט צוריק פון יענער וועלט, און פיעלע אין שטעדטעל האבען געגלויבט באמונה שלמה, אז פון אמעריקא קען מען גאר ניט צוריקקו־מען. איז מען אמאל אוועק אין אמעריקא איז פארפאלען... אזוי ווי מען וואלט געשטארבען. האט זיך אבער א מאל געטראפען, אז איינע, א מיידעל, איז אמאל יא צוריקגעקומען פון אמעריקא, און דיזע מיידעל איז דוקא געווען א שטיקעל קרובה פון רפאל דעם לאקש. אוועקגעפאהרען איז זי א יונגע און א שעהנע, און צוריקגעקומען איז זי א צובראכענע און א מיאוסע, און אן אויס־געמאטערטע און א קראנקע. דיזע מיידעל, די טאכטער פון יחיאל דעם וואַ־טענמאכער האט ניט געדארפט פאהרען אין אמעריקא, זי האט געהאט א ביסעל נדן, זי איז געווען א פארשוין און האט געקענט געפינען איהר באשערטען אין שטעדטעל. רפאל האט אבער געוואלט פארקויפען נאך א שיפסקארטע און ער האט אזוי לאנג גערעדט מיט איהר און מיט איהרע עלטערן ביז ער האט ביי זיי געפועלט, אז די מיידעל זאל אוועק אין אמעריקא. זייענדיג א מיידעל, האט זי אויך געקענט קריגען א פאספארט אדער א פעסעל אריבערצוגעהן די גרענעץ. אבער אויך דא האט רפאל אזוי לאנג געארבייט ביז ער האט זיי איינגערעדט, אז עס איז בעסער און ביליגער זיך אריבערצו'גנב'ענען די גרענעץ, און די מיידעל און איהרע עלטערן האבען איינגעוויליגט. צוזאמען מיט פיעלע אנדע־רע אימיגראנטען האט מען די מיידעל ביינאכט אוועקגעשלעפט אויף א דארף, ניט ווייט פון דער גרענעץ און זי איבערגעגעבען אין די הענד פון פראפעסיאַ־

נעלע גרענעץ שמוגלערס. און דיעזע מיידעל האט געמאכט מיט די גרענעץ־שמוגלער דיזעלבע טראגישע ערפאהרונג ווי פיעלע אנדערע שעהנע אידישע מיידלאך.. איינער פון די שמוגלערס האט זי פאראונגליקט אין דער נאכט. איידער עד האט זי אריבערגע'גנב'עט די גרענעץ.. די מיידעל איז אנגעקומען אין אמעריקא א צובראכענע, און ניין חדשים נאך איהר אנקומען האט זי גע־האט א קינד.· זי האט זיך עטליכע יאהר געפלאגט אין ניו יארק מיט איהר קינד, איז אויסגעריסען געווארען, האט געליטען הונגער און קעלט, און ווען דאס קינד איז אפגעשטארבען, איז זי אלס צובראכענע און אויסגעמאטערטע צוריק־געקומען אין שטעדטעל. פאר רפאל'ן איז איהר צוריקקומען געווען א טויט־קלאפ. ביסלעכווייז האט מען אויסגעפונען, פארוואס זי איז צוריקגעקומען, און וואס מיט איהר האט פאסירט, און וואס עס האט פאסירט מיט פיעלע אנדערע מיידלאך פון שטעדטעל, וועלכע האבען קיין מאל צו זייערע עלטערן ניט גע־שריבען און קיין געלד ניט געשיקט. אין שטעדטעל האט מען רפאל'ן פארדעכ־טיגט אז ער איז ניט אן אגענט, נאר דער פיתרער פון א באנדע וואס פארפיהרט אידישע טעכטער, כאטש דאס איז ניט געווען אמת. אמת איז נאר געווען, אז ער איז געווען א געוויסענסלאזער אגענט, און אז כדי צו פארקויפען א שיפס־קארטע, וואלט ער אייגענע טאטע־מאמע פארקויפט. רפאל דער לאקש האט באלד דערשמעקט, אז ער איז אין שטעדטעל ניט גאנץ זיכער, און נאך איי־דער זיין קרובה, די אונגליקליכע מיידעל האט זיך געקענט מיט איהם זעהען און איהם ציהען צו פעראנטווארטליכקייט, איז ער שוין אליין געווען אויף יענער זייט גרענעץ, און אויף דעם וועג קיין אמעריקא, וואו ער איז געווים געווארען א גבאי אין א שוהל, צו וואס ער האט זיין גאנצען לעבען געשטרעבט.

דער פּראָפעסאָר און דער פעלדשער.

דער גביר פון שטעדטעל איז אלע מאָל געווען א חלוש, ווייל אין זיינע יונגע טעג איז ער געווען א ישיבה בחור און האָט קיין מאָל ניט דערגעסען און דערשלאָפען, און ווען ער איז געוואָרען דער איידים פון א רייכען שווער, איז ער שוין ניט געווען מעהר קיין יונגערמאַנטשיק, און איז שוין געווען א חלוש. טאָמער איז ער ניט געווען אזוי שוואַך און צאַרט האָט איהם זיין יונגע ווייבעל איינגערעדט, אז ער איז א זעהר שוואַכער מענש און דאַרף פאָהרען זומער אין די בערג און דאַרף ווינטער ניט ארויסגעהן אין גאַס. אבער ווען דער רייכער שווער איז געשטאָרבען און דער יונגערמאַנטשיק האָט געמוזט איבערנעהמען דעם רייכען שווער'ס געשעפטען, אנפיהרען א גרויסע באַרשטענפאַבריק, האָט עס זיך ארויסגעוויזען, אז ער, ר' עזריאל — די אַרבייטער האָבען איהם גערופען פאַניע עזריאל און אין שטעדטעל האָבען איהם די ווייבער גערופען ר' און די מענער הערר עזריאל — איז טאַקע געווען א חלוש, און איז ניט געווען פיזיש שטאַרק גענוג צו טאָן די אַרבייט, וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן. ווען דער ערשטער סטרייק האָט אויסגעבראָכען אין זיין פאַבריק, איז ער אליין צוזאַמענגעבראָכען, מעהר פון עגמת נפש ווי פון אייגענטליכער אַרבייט און האָט זיך אוועקגעלעגט אין בעט. דער פעלדשער וועלכער איז געווען א שטיקעל קרוב פון דעם גביר'ס ווייב, איז באַלד געקומען, האָט אנגעקוקט דעם קראַנקען און האָט געראָטען צו רופען דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר איז באַלד געקומען, האָט אונטערזוכט דעם קראַנקען און געראָטען צו רופען דעם מיליטערישען דאָקטאָר, און ווען דער מיליטערישער דאָקטאָר, וועלכער איז שטענדיג געווען אנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון א פאַלקאָווניק, איז געקומען און האָט אונטערזוכט דעם חולה, האָט ער געראָטען צו ברענגען א פּראָפעסאָר פון קעניגסבערג. ניט דער פעלדשער ניט דער דאָקטאָר און ניט דער מיליטערישער דאָקטאָר האָבען געקענט פעסטשטעלען די קראַנקהייט און פאַרשרייבען א רעצעפּט. די שוויגער האָט אבער ניט געהאַט קיין פאַרטרויען צו די צוויי דאָקטוירים און האָט מעהר געגלויבט אין פעלדשער און אין רופא, האָט זיך מיט ביידע באַראַטען און זיי האָבען אויך געזאָגט, אז מען מוז ברענגען א פּראָפעסאָר. און אזוי איז באַשלאָסען געוואָרען צו ברענגען א פּראָפעסאָר פון קעניגסבערג.

ווען מען האָט זיך אין שטעדטעל דערוואוסט, אז א פּראָפעסאָר געהט קומען פון קעניגסבערג, איז עס געוואָרען יום טוב ביי אלע קראַנקע, וועלכע האָבען ניט געקענט קריגען א רפואה פון דעם היימישען דאָקטאָר, פעלדשער אדער רופא, און זיי האָבען זיך אלע געפרעהט, אז אט וועט קומען א פּראָפעסאָר און וועט זיי אלעמען אויסקורירען פון זייערע קראַנקהייטען. אין שטעדטעל זייי־

נען געווען א סך דושלעווע, א סך קינדער מיט פארקריפעלטע פיס. א סך
קראנקע פרויען, עטליכע טויבע מיידלאך, עטליכע בלינדע, עטליכע פארכעוואטע
קעפ, און סתם חולאים מכל המינים. זיי זיינען אלע געווען צו ארעם צו פאה־
רען אין קעניגסבערג און איצט, אז זיי האבען געהערט, אז א קעניגסבערגער
פראפעסאר געהט קומען אין שטעדטעל, איז ביי זיי אלעמען געווארען ששון
ושמחה. די בלינדע האבען געמיינט, אז זיי וועלען באלד נעהמען זעהן, די טויבע
האבען געגלויבט, אז זיי וועלען באלד אנהויבען הערען, און די מוטערס וועל־
כע האבען געהאט קינדערלאך מיט פארקריפעלטע פיסלאך, האבען געהאפט, אז
דער פראפעסאר וועט קומען און וועט די פיסעלאך אויסגלייכען. א פראפעסאר
איז באטראכט געווארען פאר א מין מעדיצינישער מכשף. ער קען אלסדינג טאן.
פאר פיעלע טעג האט מען אויף דעם שוהל־הויף, אין באד און אויפ'ן גאס פון
קיין אנדער זאך ניט געהערט ווי פון די קונצען, וואס א פראפעסאר קען בא־
ווייזען און מענשען האבען געבראכט ראיות פון די גרויסע וואונדער וואס
פראפעסארען אין קעניגסבערג האבען שוין אויפגעטאן. יאנקעל דער צירול־
ניק האט געהאט א בעלעם אויפ'ן אויג, איז אוועקגעפאהרען אין קעניגסבערג.
איז דארטען אפגעווען דריי וואכען און איז צוריקגעקומען אהן א בעלעם. ישראל
דעם קרעמער'ס טאכטער האט געהאט א האנד מיט זיעבען פינגער, איז זי
אוועקגעפאהרען אין קעניגסבערג, דארטען אפגעווען צוויי וואכען און איז צו־
ריקגעקומען מיט א פינף פינגערדיגע האנד. די איינציגע פראגע, וואס מען
האט זיך אין שטעדטעל געפרעגט איז, אויב מען האט די צוויי אפגעשניטענע
פינגער מקבר געווען. עס איז נאטירליך אויך פארגעקומען, אז א חולה פון
שטעדטעל איז אוועקגעפאהרען אין קעניגסבערג און איז גאר ניט געקומען צו־
ריק.. אין אזא פאל האט מען אין שטעדטעל געזאגט, אז עס איז איינפאך גע־
ווען באשערט.. עס איז אבער קיינעם ניט איינגעפאלען צו דענקען, אז עס
איז געווען די שולד פון דעם פראפעסאר. מען האט זיך אויך דערמאהנט, אז
מיט דרייצעהן יאהר צוריק, ווען דער אלטער רב איז געווען א חולה מסוכן און
מען האט געבראכט א פראפעסאר פון קעניגסבערג, איז טאקע דער רב באלד
בעסער געווארען, און ווען עס וואלט איהם געווען באשערט צו לעבען, וואלט ער
נאך געלעבט צוואנציג יאהר, נאר אז עס איז באשערט, איז דאך ניט שייך.
און דער אלטער רב איז געשטארבען אין זעקס וואכען שפעטער. אבער אזוי
ווייט ווי די ארבייט פון פראפעסאר איז נוגע געווען, איז זי געווען א זעהר
גוטע און די גאנצע שטאדט איז געווען צופריעדען. אלע חולאים פון שטעדטעל
האבען אלזא געהאט יעדע אורזאכע צו גלויבען, אז ווען דער פראפעסאר וועט
קומען, וועלען זיי אלע געזונד ווערען. אלע זיינען געווען דאנקבאר צום בורא.
וואס עס איז אזוי אויסגעקומען, אז ר' עזריאל זאל קראנק ווערען און אז דער
פראפעסאר זאל קומען אזש פון קעניגסבערג, א שטאדט וועלכע די אלטע אי־
דען האבען אנגערופען גינשפעריק. גינשפעריק אדער קעניגסבערג איז אין
גאנצען געווען צוויי און א האלבע שעה אייזענבאהן רייזע פון שטעדטעל, אבער
ווען איינער פון שטעדטעל איז אוועקגעפאהרען קיין קעניגסבערג האבען די
עלטערע מענשען געזאגט, אז ער האט זיך אוועקגעלאזען אויף גינשפעריס.
עפעס אזוי ווי גינשפעריק וואלט געווען פון יענער זייט סמבטיון.

דער אמת איז געווען, אז ברענגען א פראפעסאר פון קעניגסבערג איז
נאר ניט געווען אזא לייכטע ארבייט. דער פראפעסאר האט געבעטען, אז מען

זאל איהם שיקען פינף הונדערט מארק פאראויס, און דאס איז ניט געווען אזוי לייכט. אין שטעדטעל איז טאקע געווען א פאטשט, נאר קיינער האט צו דער פאטשט קיין גרויס פארטרויען ניט געהאט. די פאטשט איז געווען גוט צו שיקען בריעף. ווען די מארקע איז געווען גוט צוגעקלעפט, פלעגט אויך דער בריעף אנקומען, אבער ווען די מארקע איז ניט געווען אזוי גוט אנגעקלעפט, פלעגען זיך די טשינאווניקלאך אין פאטשט ניט פוילען און אראפנעהמען די מארקע און דעם בריעף ענטוועדער צוריקשיקען אדער פארניכטען. עס וואלט יעדענפאלס קיינעם ניט איינגעפאלען צו שיקען דורך די פאטשט צוויי הונדערט און פופציג רובעל. כדי צוצושטעלען דעם פראפעסאר די פינף הונדערט מארק, האט מען פריהער געדארפט אריינפאהרען אין פרייסען און פון דארטען איהם שיקען די געלד און דאס איז געווען פאלג מיר א גאנג. ווען דער פראפעסאר האט שוין געקראגען די פינף הונדערט מארק האט ער געדארפט האבען אן ער־לויבניש פון גובערנאטאר ארייננצופאהרען אין שטעדטעל צו פראקטיצירען מע־דיצין, און דאס איז ניט געווען אזוי לייכט צו באקומען, און ווען אלסדינג איז שוין געווען פיקס און פארטיג האט דער פראפעסאר ערשט געדארפט האבען א פרייען טאג, ווען ער האט זיך געקענט אפרייסען פון זיינע חולאים און סטו־דענטען און אוועקפאהרען.

פון דעם ערשטען טאג אן, ווען עס איז באקאנט געווארען, אז דער פראפעסאר פון קעניגסבערג געהט קומען, האט מען זיך אנגעהויבען אין שטעד־טעל סוד׳ען. יעדער האט געוואוסט, ווען מען וועט אוועקשיקען די פינף הונ־דערט מארק, ווען דער פראפעסאר האט ארייננעשיקט א קבלה אויף די געלד, ווען ער רעכענט צו קומען, ווען מען ערווארטעט איהם, ווען ער האט אפגע־לענט זיין קומען, און ווען ער וועט ווירקליך ארויספאהרען. די נייעס פון פרא־פעסאר׳ס קומען האט די, וועלכע האבען אויף איהם געווארט, האלב געזונט געמאכט. די טויבע האבען אנגעהויבען הערען יעדען סלוד פון פראפעסאר׳ס קומען און די בלינדע האבען, דאכט זיך געזעהן, ווי דער פראפעסאר קומט שוין און ווי ער גיט זיי צוריק זייער אויגענליכט. פאר דער גאנצער צייט, וואס מען האט גערעדט וועגען פראפעסאר׳ס קומען, האט מען זיך אין בית המדרש און אין קלויז שטארק געאמפערט איבער דעב פראפעסאר׳ס גבורות. איינער האט פארגליכען דעם פראפעסאר צו א גאון, נאר אנשטאט צו זיין א גאון אין לערנען, איז ער א גאון אין מעדיצין. דער אנדערער האט פארגליכען דעם פראפעסאר צו א צדיק. אין מעדיצין וועלכער קען באווייזען מופתים, און אנ־דערע ווידער האבען גע׳טענה׳ט, אז קעניגסבערג איז א מין וואלאזשין פון חכמת הרפואה און וואס איז גרעסער ווי וואלאזשין ? ביי דיזע ויכוחים איבער די פינסטערע גבורות וואס א קעניגסבערגער פראפעסאר קען באווייזען, האט איינער געשטעלט די תמ׳עוואטע פראגע : אויב א פראפעסאר פון קעניגסבערג קען היילען אלע קראנקהייטען, דארף ער דאך אליין ענטוועדער קיין מאל ניט קראנק ווערען, און אויב ער ווערט שוין יא קראנק דארף ער זיך דאך קענען אליין אויסקורירען און אויב ער דארף זיך קענען אליין אויסקורירען דארף ער דאך על פי שכל קיין מאל ניט שטארבען, דען מען שטארבט דאך נור פון קראנקהייטען ? די פראגע איז טאקע געווען א זעהר שווערע און קיינער האט זי ניט געקענט פארענטפערען, נאר אזוי ווי דער פרעגער האט ניט נאכגעלא־זען און האט די פראגע אכציג מאל איבערגעפרעגט ביי יעדער פאסענדער און

אונפאסענדער געלעגנהייט, האט ער טאקע געקראנגען אין באק פאר זיין חוצפה, און דאן האט ער זיך שוין בארוהיגט.. דאס מיינט אבער ניט, אז אלע אנדערע האבען זיך בארוהיגט. עס האבען זיך באלד געיאוועט אנדערע אפיקורסים, וועלכע האבן ארויסגעזאגט זייער מיינונג, אז בעת עס איז אמת, אז דער פראפעסאר פון קעניגסבערג איז א גדול אין חכמת הרפואה, קען ער אבער ניט באווייזען קיין וואונדער.· דיזע ספקות אין דעם כח פון פראפעסאר אלע קראנקהייטען צו היילען, האט ספעציעל פארדראסען די, וועלכע האבען אזוי פיעל ערווארטעט פון איהם ביי זיין אנקומען. דיזע און עהנליכע רייד האט צושטערט זייער שמחה, אבער זיי האבען אלץ ניט אויפגעהערט צו האָפען, אז ווען דער פראפעסאר וועט אנקומען, וועט ער זיי שוין געבען א וואונדערבארען רעצעפט, ענטוועדער א מאשטש, אדער א פלעשעל מעדיצין, וואס וועט זיי אויסהיילען זייערע קראנקהייטען.

די טעג וואס מען האט ערווארטעט, אז דער פראפעסאר וועט היינט אדער מארגען קומען, זיינען געווען לאנג ווי דער אידישער גלות. ניט נאר די קראנקע נאר אפילו די געזונטע האבען פון קיין אנדער זאך ניט גערעדט, ווי פון דעם פראפעסאר, און פיעלע האבען געגלויבט, אז דער פראפעסאר טראגט א גרויסע יוניפארם, האט זיין ברוסט בעהאנגען מיט מעדאלען און טראגט א לאנגען שווערד· אויב דער מיליטערישער דאקטאר אין שטעדטעל געהט אנגעטאן ווי א פאלקאווניק, מוז דאך דער פראפעסאר געווים געהן אנגעטאן, ווי א גענעראל־גובערנאטאר, און פיעלע וועלכע האבען נאך קיין מאל קיין פראפעסאר ניט געזעהן זיינען סתם געווען נייגעריג צו וויסען ווי א פראפעסאר זעהט אויס, און בפרט נאך א דייטשער פראפעסאר. פאר עטליכע טעג איז געווען אונבאוואוסט ווען דער פראפעסאר וועט קומען. אין דערפריה האט עס געהייסען, אז ער וועט קומען אין אבענד, און צו מנחה האט זיך אין בית המדרש פארשפרייט א קלאנג, אז ער וועט ערשט קומען מארגען, און ווען עס איז ענדליך בעקאנט געווארען, אז ער געהט קומען דאנערשטאג אין דער פריה, איז א האלבע שטעדטעל אוועקגעפאהרען צום וואקזאל איהם מקבל פנים זיין. די קראנקע זיינען געפאהרען, גלויבענדיג אז אזוי באלד ווי ער געהט אראפ פון באהן, וועט ער זיי באלד אנהויבען אונטערזוכען און פארשרייבען מעדיציני. און די געזונטע האבען געוואלט זעהן דעם פראפעסאר פנים אל פנים און די בעסטע געלעגנהייט איהם צו זעהן, איז אפצוּוואַרטען, ווען ער קומט אָן פון פרייסען און שטייגט ארויס פון צוג. איינינגע דערוואקסענע חדר־איינגלאך, וועלכע זיינען געווארען זעהר נייגעריג ווי דער פראפעסאר זעהט אויס, און צי ער געהט טאקע אנגעטאן ווי א גענעראל, האבען זיך אוועקגעלאזען זעהר פריה צום וואקזאל, און אנקומענדיג אויפ'ן וואקזאל, האבען זיי געוואלט לויפען דעם צוג אנטקעגען.· אן עלטערער איד וועלכער האט זיי דערזעהן, ווי זיי פארנעהמען זיך צו לויפען דעם צוג אנטקעגען, האט זיי צוגערופען און האט זיי געזאגט: „נאר נאראָנים לויפען דעם צוג אנטקעגען, קלוגע מענשען וואַרטען אָפּ ביז דער צוג קומט אָן." דאס האט געווירקט און די איינגלאך זיינען געבליבען אין וואקזאל ווארטען צוזאמען מיט די אנדערע ביז דער צוג וועט אָנקומען.

דער וואקזאל אין שעלמי, אזוי האט געהייסען די סטאנציע, איז געווען א קליינער, און האט ניט געקענט אריינגנעהמען מעהר ווי הונדערט מענ־

שען, אבער דריי הונדערט מענשען האבען זיך אנגעקליבען, דארונטער פיעלע קראנקע. אויף דעם וואקזאל האט מען געזעהן קינדער מיט צוקרימטע פיסלאך. בלינדע און טויבע אידען, א הינקענדיגע שעהנע מיידעל, דושלעווע, איינגע־בויגענע אידען, וועלכע האבען געהאלטען אין איין קרעכטצען און אלטע אי־דענעס מיט טרעהרען אין די אויגען. דאס זיינען ניט געווען טרעהרען פון טרויער נאר טרעהרען פון שמחה. אט קומט דער פראפעסאר און וועט מאכען א סוף צו אלע זייערע צרות. די שעהנע הינקענדיגע מיידעל, וועלכע איז גע־שטאנען אין א ווינקעל, וואלט שוין לאנג חתונה געהאט, ווען זי וואלט ניט געווען קיין הינקענדיגע. איהר מוטער, א בעל־הבתישע פרוי, האט זיך שטענ־דיג באריהמט, אז איהר טאכטער איז ניט קיין קאליקע, נאר אז איין פוס איז איהר א ביסעלע קורצער ווי דער אנדערער פוס.. דער פאטער פון א טויבער מיידעל איז געשטאנען אויף דעם וואקזאל און דערצעהלט, אז זיין גנעשקעלע איז ניט געבארען געווארען קיין טויבע, נאר דאס איז איהר געקומען אלס רע־זולטאט פון א קראנקהייט, ווען זי איז נאך געווען גאנץ יונג, און אזוי ווי זי איז ניט געבארען געווארען קיין טויבע, דארף עס פאר א פראפעסאר ניט זיין שווער איהר ווידער געזונט צו מאכען, און ער איז געווען זיכער, אז אזוי באלד ווי דער פראפעסאר וועט זיין טעכטערל זעהן, וועט ער איהר באלד פארשריי־בען א רעצעפט, און אלסדינג וועט זיין אין בעסטער ארדנונג.

בשעת די מענשען זיינען געשטאנען אין סטאנציע און זיי האבען גע־רעדט, און זיך געגענזייטיג אויסגעדריקט אזוי פיעל האפנונג, האט מען גע־הערט א פייף. דער צוג איז אנגעקומען. אלע האבען זיך באלד אוועקגעלאזען צום צוג, און אין א סעקונדע ארום איז דער צוג געווען באלאגערט פון גע־זונטע און קראנקע מענשען. אלע האבען געווארט אויף דעם פראפעסאר, נאר קיינער האט ניט געוואוסט ווי ער זעהט אויס, און קיינער האט ניט געזעהן קיין מאן אין דער יוניפארם פון א גענעראל אדער גובערנאטאר. פון צוג זיי־נען ארויסגעשטיגען עטליכע מענשען, א פאאר פריצים, א פאאר אידען, א רו־סישער טשינאווניק פון טאמאזשניע, און זיי האבען זיך אלע גלייך א לאז גע־טאן צו די קארעטקעס, וואס זיינען געשטאנען פאר דער סטאנציע. דער גאנ־צער עולם איז געבליבען שטעהן ענטוישט און קיינער האט אין אויגענבליק ניט געוואוסט וואס צו טאן. אין דער ענטוישונג, אין דער פארצווייפלונג און אין ווירוואר זיינען די ארויסגעשטיגענע פאסאזשירען אריין אין די קארעטעס און זיינען אוועקגעפאהרען, און איידער דער עולם האט זיך ארומגעקוקט, איז שוין פון זיי קיין זכר ניט געווען. דער עולם האט ניט געוואוסט צי איז דער פרא־פעסאר געקומען אדער ניט, און אויב ער איז יא געקומען, ווער ער איז און וואו ער וועט איינשטעהן? לאנגזאם איז דער עולם צוגענאנגען. דער איינער איז צוריקגעפאהרען אין שטאדט מיט א קארעטע, דער אנדערער מיט א פוהר אויף וועלכער ער איז געקומען, און די יונגווארג איז אוועק צו פוס.

איידער זיי זיינען אלע צוריקגעקומען אין שטאדט, איז שוין דער פראפעסאר געווען ביים גביר, האט איהם אונטערזוכט, פארשריבען א רעצעפט. און איז באלד אוועקגעפאהרען אין א דערבייאיגע שטעדטעל, וואו ער איז אויך ארויסגעפאדערט געווארען צום גביר, וועלכער איז געווען שטארק קראנק. ער האט זיך אין שטעדטעל ניט מעהר אויפגעהאלטען ווי א האלבע שעה. ער האט דעם חולה אויסגעפרעגט, אלסדינג וואס ער האט איהם געדארפט פרעגען, האט

איהם אונטערזוכט די הארץ און די לונגען, האט זיין גאנצען גוף אויסגעטאפט. און געקלאפט מיט זיינע פינגער אויפ'ן חולה'ס רוקען, האט געבעטען טינט און פעדער, האט פארשריבען א רעצעפט, געשמייכעלט צום גביר'ס ווייבעל, גע־זאגט אדיע און איז אוועקגעפאהרען מיט דערזעלבער קארעטע מיט וועלכער ער איז געקומען.

ווען דער פון וואקזאל צוריקגעקומענער עולם האט זיך דערפון דער־וואוסט, איז ער געווען אש להבה. די אנגעצויגענע האפנונגען זיינען פארוואנ־דעלט געווארען אין טיעפסטער פארצווייפלונג, און פיעלע האבען געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. איינינגע האבען זיך ניט געשעהמט און דער פראפעסאר אנ־גערופען שונא ישראל. אבער עס האט ניט געהאלפען. דער פראפעסאר איז אוועק.

ווען איז גביר'ס שטוב האט מען זיך א ביסעל בארוהיגט פון דעם הו־הא וואס האט געהערשט פאר דעם פראפעסאר'ס קומען, או זדער חולה אליין האט זיך א ביסעל בערוהיגט, האט ער א קוק געטהאן אויף דעם רעצעפט. וואס איז געווען געשריבען אין א כמעט אונלעזבארער האנדשריפט. ער האט געקוקט און געקוקט אויף דעם רעצעפט און געזיפצט: צוויי הונדערט און פופציג רובעל..

ער האט אבער דעם רעצעפט ניט אוועקגעשיקט אין אפטייק, נאר ער האט געבעטען זיין ווייב צו שיקען נאד'ן פעלדשער. ווען דער פעלדשער איז געקומען, האט איהם ר' עזריאל געוויזען דעם רעצעפט, און איהם גע־פרעגט, וואס ער זאגט וועגען איהם. דער פעלדשער האט געקוקט אויפ'ן רע־צעפט און געשוויגען. נאך א קורצער איבערלעגונג האט ער צו ר' עזריאל'ן גע־זאגט: "איך רעכן, אז דער דייטש קען זיין מלאכה. איהר מעגט דעם רעצעפט נעהמען. ער וועט אייך גאר ניט שאדען. כינין איז שטענדיג גוט פאר פיבער...

תשעה באב אויפ'ן בית עולם.

א גרויער, גלייכגילטיגער הימעל הענגט אראפ איבער דעם בית עולם
תשעה באב נאך א האלבען טאג און קוקט זיך צו צו גרופען אידען און מחנות
ווייבער ווי זיי געהן שטיל און פארשווייגען פון קבר צו קבר, לייענען די מצבות,
זיפצען, מאכען א טרויעריגען פנים און געהן ווייטער. זייער גאנג איז נאכ־
לעסיג, זייערע געזיכטער אויסדרוקסלאז און זייערע באוועגונגען לאנגזאמע.
זיי געהן ארום אויף דעם בית עולם אהן א באשטימטען פלאן און ריכטונג. זיי
זוכען גארניט, זיי טראכטען גארניט, נאר זיי זיפצען, און אויף די ליפען פון
יעדען איינעם קען מען לייענען די ווערטער: "אז בהלך ירמיהו על קברי אבות".
עס איז תשעה באב און מען געהט אויף דעם בית עולם צו זיין פנים אל פנים
מיט עכטער, טיעפער טרויער.

דער בית עולם באשטעהט פון א מאסע קברים, וועלכע זיינען פאר־
זונקען אין הויכע בערג גראז, און וועלכע ווערען ארומגערינגעלט פון ברייטע
און גרויסע צווייגען פון אלטע ביימער, אזוי אז אלץ וואס מען זעהט פון די
קברים איז א טייל פון די מצבות. אויף דעם בית עולם זיינען ניטא קיין ווע־
גען און קיין שטעגען, און די קברים זיינען פלאנלאז אנגעווארפען ווי בערג־
לאך טארף אויף א ליטווישען פעלד. דער בית עולם איז אלט הונדערט יאהר.
און אפשר מעהר, און ער איז אנגעפיקעוועט מיט אלטע מצבות, וואס סטארט־
שען ארויס פון דעם גרינעם גראז ארום זיי, ווי דער אנבערבענדער, העלער
מארגען פון דער פינסטערער נאכט. כדי צו צוקומען צו א באשטימטען קבר,
מוז מען האבען די הילף פון ר' ירוחם דעם קברן. ער האט א וואונדערבארען
זכרון און ער ווייסט וואו ער האט פאר די לעצטע פערציג יאהר זיינע קרבנות
באגראבען, און תשעה באב איז ער דער באשעפטיגסטער מענש אין שטעד־
טעל, ווייל פיעלע געהען ניט נאר סתם אויף דעם בית עולם, נאר געהען אויך
פארגיסען א טרעהר אויף א קבר פון א קרוב אדער א גואל. ער געפינט זיין
וועג דורך דעם ווירען דורכאיינאנדער און טיעפען לאבירינט פון די קברים און
פאר פרומע און הארציגע קונדען איז ער תשעה באב דער איינציגער וועג־וויי־
זער, און ניט נאר ווייזט ער די קברים, נאר ער האט אויך א גוט ווארט פאר
יעדען פון די שוכני עפר, און פאר יעדען גוט ווארט קריגט ער עפעס, א דיטקע
אדער א פיאטאק. רייכע גיבען איהם א גריוונע און ער איז פול מיט פרייד
און העפליכקייט און לויב פאר די טויטע, וועמעס קברים ער ווייזט. ר' ירוחם
איז אפשר דער איינציגער אין שטעדטיל, וועלכער ווייסט די רייהען־ארדנונג
אויף דעם בית עולם, וואס האט ניט קיין רייהען און קיין ארדנונג. אין סענטער
פון בית עולם אונטער די צוויי גרויסע אייכענבוימער ליגען די רבנים, דיינים,
גדולי התורה און די גרויסע יראים פון די לעצטע פאאר דורות. לינקס פון

סענטער ליגען אין א באזונדערען ווינקעל די קדושים, אידען וועלכע האַ־
בען זיך מקריב געווען על קידוש השם אין צייט פון אונגליקען, מהומות און
גזרות, און רעכטס פון סענטער ליגען די עסקנים בצרכי ציבור, די מנהיגים
און די נבאים. אין א באזונדערען ווינקעל ניט ווייט פון צאם פון בית עולם
ליגען די טמאים, די מוסרים, די וועלכע האבען זיך אליין גענומען דאס לע־
בען, די הפקר־יונגען און סתם פושעים.. תשעה באב איז ר׳ ירוחם דער קברן
באשעפטיגט מיט ארומפיהרען מענער און פרויען איבער דעם בית עולם און
זיי ווייזען די פארשידענע "עהרענפלעצער" און פארשידענע קברים פון מענ־
שען, וועלכע האבען צו זייער צייט געשפיעלט א ראָלע אין שטעדטעל. בעת
ר׳ ירוחם איז באשעפטיגט מיט ווייזען מענשען געוויסע קברים און רייהען
פון קברים, און בעת הונדערטער מענשען, יונג און אלט, פרויען און מענער
און אפילו קינדער גיהען ארום ציעללאָז און פלאנלאָז פון קבר צו קבר, לייענען־
דיג די מצבות און ארויסבּרעכען טיעפע זיפצען, שטעהן פיעלע אויף די קברים
פון זייערע עלטערן, קרובים און פריינד און וויינען אין דער שטיל אדער
טענה׳ן אין דער שטיל. עס איז תשעה באב. מען געהט ארום אין זאָקען אָדער
אין פאנטאָפעל, מען באוועגט זיך לאנגזאם און שטיל אויף דעם בית עולם און
קיינער הויבט ניט אויף זיין קול אין דער הויך, אזוי ווי יעדער וואלט געווען
ענטשלאָסען ניט צו אונטערברעכען די שטילע טרויער פון טאג.
נאָר פון ווייטען ווינקעל, רעכטס פון סענטער הערען זיך צוויי קולות.
די שטימע פון א מאן און די שטימע פון א יונגער מיידעל, און דיזע צוויי הע־
כערע קלאַנג־שטימען אונטערברעכען די שטילע פייערליכקייט פון דעם שטי־
לען טרויערטאָג. דער מאן, א יוגענדליכע געשטאלט, שטעהט א געבראָכענער
איבער דעם קבר פון זיין מוטער און וויינט, און שרייט מיט א האלב דער־
שטיקטער שטימע: "מאמע, מאמע, פארוואס האסטו מיך פארלאָזען. איך בין
דאך אזוי איינזאם און עלענד אין דער וועלט". די פארבייגעהענדע מענשען
הערען זיך צו צו זיין קלאָגען, בלייבען א ווייל שטעהן און גיהען ווייטער לאנג־
זאם און טרויעריג. עטליכע קברים ווייטער, אנטקעגען דעם קבר פון דער
מאמע פון דיזען יונגען מענשען שטעהט א מיידעל און וויינט. פון צייט צו צייט
ברעכט זי אוים אויפ׳ן קול און וויינט און שרייט אז דער טאטע. ערשט ניט לאנג
געשטארבען, זאל פאר איהר גאט בעטען. זי איז א יתומה, האט ניט קיין טאַ־
טען און ניט קיין מאמען און איז איינזאם ווי א שטיין אויף דיזער וועלט.
די וועלכע הערען איהר קול, שטעלען זיך אפּ פאר אן אויגענבליק מיט איהר
צו סימפּאטיזירען און גיהען ווייטער. דאס איז ציפּע רח׳קע די יתומה. איהר מו־
טער איז שוין לאנג טויט און איהר פאטער איז אויך ערשט ניט לאנג געשטאר־
בען און זי האט ניט קיין קרוב און גואל אין שטעדטעל, אבער זי איז שעהן
און געראטען און ביי אלעמען באליעבט. זי העלפט ארויס אין א שניטגעשעפט
און דארף ניט לייידען קיין נויט, אבער זי איז עלענד ווי א שטיין. צייט איהר
טאטע איז געשטארבען געהט זי צו יעדער לויה אין שטעדטעל, כדי צו קע־
נען זיין ביים טאטען אויף דעם קבר. תשעה באב איז געווען דער ערשטער טאג,
וואס זי האט געקענט פארברענגען א לענגערע צייט אויף דעם קבר פון איהר
טאטען און זיך אויסוויינען אדער אויסריידען די הארץ. ציפּקע רחקע איז ניט
קיין גרויסע יחסן׳טע. איהר טאטע איז געווען א פּראָסטער בעל עגלה, אבער
ניט קיין אונוויסענדער איד. ער איז זיין גאנצען לעבען געווען א גרויסער

קבצן און האט נאר געהאט צוויי דאגות אויפ'ן קאפ, היי פאר זיין קלאטשע, און אלטע סקורע, וואס ער האט געקויפט פון אן אויסגעדיענטען סאלדאט, און
זיין בת יחידה, די יתומה. ווען ער איז ניט געזעסען אויפ'ן קאזעל פון זיין
קארעטע און גערעדט צו דער קלאטשע, האט ער זיך אפגעגעבען מיט זיין בת
יחידה און צו איהר גערעדט, און ער איז צו איהר געווען זעהר צוגעטאן.
ציפע רחקע, א שעהנע און געראטענע מיידעל, איז אויך געווען צוגעטאן צו
איהר טאטען. אויסער איהם האט זי אין שטעדטעל קיינעם ניט געהאט צו ווע־
מען זיך צו ווענדען אין א שטונדע פון נויט, און ווען דער טאטע איז איהר
אפגעשטארבען איז זי געווען אונטרייסטליך און די אונגליקליכסטע באשעפע־
ניש אויף דער וועלט. פון חתונה האבען אין שטעדטעל האט זי אפילו גאר ניט
געקענט טראכטען, דען אלסדינג וואס דער טאטע האט איהר איבערגעלאזען
איז געווען די אלטע קארעטע מיט דער קליאטשע און אסך חובות. זי האט אפילו
ניט געקענט פאהרען אין אמעריקא. אליין האט זי קיין שיפסקארטע ניט גע־
קענט קויפען און זי האט אין אמעריקא קיין נאהענטע קרובים ניט געהאט,
וועלכע זאלען איהר שיקען א שיפסקארטע. דערפאר איז דער טויט פון איהר
פאטער פאר איהר געווען א טויטקלאפ. אין איהם האט זי פארלארען ניט נור
א טרייען פאטער נאך דעם איינציגען מענשען אין דער ווייטער און גרויסער
וועלט, וועלכער האט פאר איהר געזארגט, איהר ארויסגעוויזען פיעל צערטליכ־
קייט און ליעבע און איהר אלסדינג אוועקגעגעבען, וואס ער האט נור געהאט.
און ווען זי איז תשעה באב געקומען אויף דעם בית עולם און איז צוגעגאנגען
צו זיין פרישען קבר, האט זי זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט זיך צוא־
וויינט אויפ'ן קול. איהר וויינען האט ארויסגערופען פיעל סימפאטיע, פון אלע־
מען, וועלכע זיינען פארבייגעגאנגען, און זי געזעהן א צובראכענע און א
טרויעריגע, אבער בעת די פיעלע מענשען וועלכע האבען מיט איהר סימפאטי־
זירט, זיינען באלד אוועקגעגאנגען, איז אבער איינער געבליבען שטעהען
דער יונגערמאן, וועלכער איז געקומען זיך אויסוויינען די הארץ אויף דעם
קבר פון זיין מאמען. איהר שלוכטצען און זיפצען און קלאגען האבען געצויגען
זיין אויפמערקזאמקייט און ניט ווילענדיג האט ער פון זיין מוטער'ס קבר ארי־
בערגעקוקט צו איהר און האט ווייטער געטרויערט. און יעדעס מאל, ווען ער
האט דערהערט דער מיידעל'ס קול האט ער צו איהר אריבערגעקוקט. ער וואלט
שוין לאנג פארלאזען זיין מוטער'ס קבר, ווען ניט דאס וויינען און קלאגען פון
ציפע רחקע'ן. איהרע שעהנע, גראציעזע געשטאלט, איהרע זיסע, מעטאלפולע
שטימע און איהרע צוויי גרויסע בלויע און פאר'חלום'טע אויגען, וואס האבען
אזוי אונשולדיג ארויסגעקוקט אין דער וועלט האבען דעם יונגען אבל ניט גע־
לאזט אוועקגעהן פון זיין מוטער'ס קבר, אויף וועלכען ער איז זיך אויך גע־
קומען אויסוויינען. ווען זי האט אויפגעהערט וויינען, האט ער זיך אומגעקוקט.
ניט ווילענדיג צו איהר אריבערגעקוקט און דאן האט ער אנגעהויבען וויינען.
און האט זיין טויטער מאמען געשווארען צו טראגען זיין גאנצען לעבען איהר
בילד אין הארצען, זי קיין מאל ניט פארגעסען און שטענדיג געהן אין איהרע
וועגען. ער — שניאור חיים, יוסף דעם וואלד־הענדלערם זוהן, איז געווען הויך
און שלאנק געוואקסען, מיט א פאאר שארף בליקענדע אויגען און מיט א קאפ
פעך־שווארצע האאר וואס האבען זיין רונדען פנים געגעבען א באזאנדערען
חן. ער איז געשטאנען און געקלאגט אויף דעם קבר פון זיין מוטער און יעדעס

מאל האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און דערזעהן די ליבליכע גע־
שטאלט פון ציפע רחקע'ן. און ווען ער איז פארשוויגנן געווארן, האט די
גרויע תשעה באב לופט פון בית עולם געטראגען איהר קלאג־שטימע דורך די
פערוואָרפענע, קרומע רייהען פון די אלטע קברים און דורך די צווייגען פון
די אלטע בוימער, וואס זיינען אראפגעהאנגען אויף די גרויע מצבות. ווען זי
האט אויפגעהויבן הָעם קאפ און האט פאר איהר, א פאאר קברים ווייטער,
דערזעהן די געשטאלט פון שניאור חיים, האט זי זיך ווידער צואויינט, האט זיך
געווארפען אויפ'ן טאטענ'ס קבר און האט געשווארען אז זי וועט איהם קיינמאל
ניט פארגעסען, אז זי קען איהם ניט פארגעסען, איהם דעם איינציגען וואס
זי האט אין לעבען געהאט, וועלכער האט איהר ארויסגעוויזען אזוי פיעל ליעבע
און צערטליכקייט. ווען זי וואלט געקענט אומארמען דעם קבר פון איהר טא־
טען און איהם קושען, וואלט זי עס געטאן. ווען זי האט זיך אויסגעוויינט, און
עס איז געבליבען שטיל, האט זי גלייך דערהערט די קלאגענדע שטימע פון דעם
יתום, וועלכער איז געשטאנען אויף דעם קבר פון זיין מאמען און האט גע־
קלאגט און איהר פארזיכערט אויף איהר קבר זיינע קינדליכע ליעבע ביז צו דעם
לעצטען אטעמצוג.

א לאנגע צייט זיינען ביידע געשטאנען נאהענט איינע צו די אנדערע
און האבען געקלאגט מיט ביטערע טרעהרען איבער דעם טויט פון די וועלכע
זיינען געווען אזוי טייער און ליעב אין לעבען, און זיי וואלטען פון די קברים
אזוי שנעל ניט אבגעטראטען, ווען ר' ירוחם דער קברן, זעהענדיג אז עס ווערט
שוין טונקעל, וואלט צו זיי ניט צוגעגאנגען און זיי זאגענדיג א שטילען „המקום
ינחם", האט זיי אנגעוויזען אויף די שפעטע שטונדע און זיי געגעבען צו פאר־
שטעהן, אז עס איז צייט צו פארלאזען דעם בית עולם. די גרויע לופט איז
געווארען טונקעלער און שטעהענדיג אונטער די גרויסע בוימער פון בית עולם.
האט עס שוין אויסגעזעהן ווי עס וואלט געווען נאכט· אלע זיינען שוין פון
בית עולם געווען צוגאנגען א חוץ שניאור חיים און ציפע רחקע. ווען ר' ירוחם
האט זיי געגעבען צו פארשטעהן, אז עס איז צייט צו פארלאזען דעם בית עולם.
זיינען זיי ביידע אראפ פון דעם ראנד פון די קברים אויף וועלכען זיי זיינען
געשטאנען און האבען אנגעהויבען זוכען דעם וועג צום הקדש, דורך וועלכען
מען איז געקומען אויף דעם בית עולם. ביידע זיינען געגאנגען לאנגזאם. קיי־
נער האט ניט געקוקט אויף דעם אנדערען, אדער האט ניט געוואגט צו קו־
קען· ביידע זיינען געגאנגען מיט אראפגעלאזענע קעפ, און יעדער פון זיי האט
אפגעווארט דעם נעקסטען שריט פון דעם אנדערען. אבער אונבאוואוסט האט
איינער געפאלגט דעם אנדערען, און ווען זיי האבען געפונען דעם וועג, וועל־
כער פיהרט צום הקדש און פון דארטען צו דער גאס, האבען זיי זיך געפונען
געהענדיג אין איין רייהע. זיי זיינען צוזאמען געגאנגען מיט אראפגעלאזענע
קעפ און האבען זיך אייגער דעם אנדערען ניט אנגעקוקט ביז זיי זיינען געקו־
מען פאר דער הקדש שטיבעל. אהן צו ריידען א ווארט מיט איינאנדער האבען
זיי זיך ביידע אוועקגעזעצט אויף דער באנק, וואס איז געשטאנען פאר דעם
הקדש. זיי זיינען ביידע געווען מיעד פון קלאגען, וויינען און פאסטען און הא־
בען זיך געוואלט אפרוהען. זיי זיינען א ווייל׳ע געזעסען מיט אראפגעלאזענע
פנימ'ער און האבען געזיפצט. ציפע רחקע האט זיך ניט געקענט איינהאלטען.
און האט זיך ווידער צואויינט. ווען זי האט זיך ווידער בארוהיגט זיינען זיי

ביידע אויפגעשטאנען און האבן זיך געלאזט צום הקדש. אבער אנשטאט דורכצוגעהן די הקדש שטיבעל און פון דארטען געהן אויפ'ן גאס, האבען זיי זיך פארנומען לינקס פון הקדש שטיבעל צו א וועגעלע וואס פיהרט צום ברעג פון טייך, וואס ציהט זיך אין דער לענג פון בית עולם. זיי האבען זיך שוויי־גענדיג אוועקגעזעצט אויף דעם גראז, אונטער דעם פארקאן פון דעם בית עולם. האבען מיט זייערע הענטר פארשטעלט זייערע פנים'ער און האבען געזיפצט. וואס זיי האבען ארום זיך געהערט, זיינען געווען דאס רוישען פון די קליי־נע וועללען פון דעם אונרוהיגען טייכעל און א קליינעם ווינד יאגען דורך די צווייגען פון די אלטען בית עולם בוימער. זיי זיינען אזוי געזעסען, א לאנגע צייט, פארטראכט און אין געדאנקען פארזונקען. פאר זיך האבען זיי נור גע־זעהן דעם קליינעם טייכעל מיט זיינע טונקעלע וואסערען און איבער זיך די גרויסע צווייגען פון די אלטע בוימער פון דעם בית עולם, וואס זיינען ארי־בערגעהאנגען איבער דעם פארקאן.

ציפע רחקע האט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען און האט ווידער אנגע־הויבען וויינען. און ווידערהאלענדיג די ווערטער וואס זי האט פריהער גע־זאגט אויף איהר טאטענ'ס קבר, האט זי, ווי צו זיך אליין רײדענדיג, גע־טענה'ט: „מיין איינציגער טרייסט אין לעבען, מיין איינציגער נחת מיין איינ־ציגער באשיצטער... איך וועל דיר קיין מאל ניט פארגעסען, איך קען דיר קיין מאהל ניט פארגעסען, מיין ליעבער, מיין טיעפער“, און האט ווייטער שטי־לערהייד געכליפעט און האט זיך ניט אומגעקוקט רעכטס אדער לינקס.

עס איז געווארען טונקעל און ווען לאנגזאם האט זיך די נאכט געלעגט אויף דער ערד, האבען זיך ביידע אויפגעהויבען און פאלגענדיג דעם בלייכען ליכט שטראהל פון הקדש־שטיבעל, זיינען זיי מיט שנעלע שריט געקומען צום הקדש און פון דארטען אויפ'ן גאס וואס פיהרט צום שוהל־הויף. צום ערשטען מאל האט איהם ציפקע אנגעקוקט אין פנים און ניט זאגענדיג קיין ווארט האט זי זיך געוואלט לאזען געהן אהיים. שווייגענדיג איז איהר שניאור חיים נאכגעגאנגען. זיי זיינען ביידע געגאנגען לאנגזאם און מיט בע־דאכטע שריט, עפעס ווי זיי וואלטען זיך איינע די אנדערע עפעס געוואלט זא־גען און האבען ניט געוואגט... ווען זיי זיינען אזוי אפגעגאנגען א שטיק וועג, גאר ניט באמערקענדיג די מענשען וועלכע זיינען פאר זיי פארבייגעגאנגען, האט שניאור חיים, עפעס פיהלענדיג, אז זיין הארץ צושפרינגט איהם, און ער קען מעהר ניט שווייגען, זיך פאר אן אויגענבליק אפגעשטעלט און צו ציפע רחקע'ן געזאגט:

— איהר זייט איצט גאנץ איינזאם אין דער וועלט?

— יא.

— איהר האט ניט קיין טאטען און ניט קיין מאמען און קרובים אויך ניט?

— ניין.

— איהר פיהלט זיך געוויס איינזאם?

זי האט איהם אנגעקוקט מיט איהרע פאאר שעהנע, בלויע אויגען. אן אויגענבליק געשוויגען און געזאגט: „איך בין איינזאם, ווייל איך האב קיי־נעם ניט, אבער איך פיהל זיך איצט ניט איינזאם“.

— אבער איהר זייט דאך איינע אליין אין דער גרויסער וועלט, אהן א קרוב און אהן א גואל.

זי האט איהם ווידער אנגעקוקט מיט איהרע צוויי פאר'חלומ'טע אויגען און מיט דעם שאטען פון א שמייכעל אויף איהרע ליפען געענטפערט: „איך בין שוין ניט מעהר אליין אין דער גרויסער וועלט. מיין טאטעו'ס זכות איז מיר בייגעשטאנען".

„מיין מאמע'ס זכות איז מיר בייגעשטאנען", האט שניאור חיים איהר געענטפערט. ער האט גענומען אונטער זיין ארעם און זי צוגעפיהרט אהיים.

פיעלע יאהרען שפעטער האבען זיך נאר די ווייבער אין שטעדטעל דערצעהלט, אז ווען עס איז א מיידעל באשערט, דארף זי גאר ניט האבען קיין נדן און דארף קיין יחסנ'טע אויך ניט זיין. אט האט שניאור חיים, דער שעהנער זוהן פון א רייכען טאטען חתונה געהאט מיט אן ארימער און פראסטער מיידעל. מען דארף נאר האבען מזל.

יאנקעל דער קאראבעלניק און זיין "צדקניות".

„פאדלע, אלטע סקורע, פארוואס נעהסטו ניט, פארוואס שטעהסטו אויף איין ארט ? דו ווייסט דאך אז איך מוז ווידער זיין אין שטאדט צום ערש־טען מנין."

אזוי האט יאנקעל דער קאראבעלניק גע'טענה'ט צו זיין סקורע, וואס האט נעשלעפט זיין פוהר פון שטאדט אין דארף און פון דארף אין שטאדט. ער איז שבת צו נאכט ארויסגעפאהרען אין א דערבייאיגען דארף כדי צו ברענ־גען עטליכע שאק אייער, און ער האט געוואלט מארגען פריה ווידער זיין אין שטאדט כדי צו קענען ברענגען די אייער צו נחמן דעם בעקער אבער די פוהר איז פארפאהרען אין א זומפ און די אלטע סקורע איז געבליבען שטעהן אין זומפ און האט זיך ניט גערירט פון פלאץ. יאנקעל האט זיין סקורע מכבד גע־ווען מיט דער בייטש, אבער עס האט ניט געהאלפען. ער האט געשריען וויאה, וויאה, און עס האט ניט געהאלפען. ער איז אליין אראבגעקראכען פון פוהר און האט געכאפט די סקורע פאר'ן צאם און זי געוואלט שלעפען, אבער די סקו־רע איז ניט געגאנגען. זי האט זיך ניט גערירט פון ארט. ער האט אנגעהויבען די סקורע שעלטען מיט טויטע קללות, און זי האט זיך אלץ ניט גערירט פון ארט. ער איז הייזעריג געוואחען שרייענדיג אויף די קליאטשע. ער האט זיך ביי איהר געבעטען מיט גוטען, האט איהר ווידער מכבד געווען מיט דער בייטש און עס האט אלץ ניט געהאלפען. זי איז געשטאנען אין א טיעפען זומפ, די פוהר איז געשטאנען אין זומפ און די סקורע האט די פוהר פון זומפ ניט גע־קענט ארויסשלעפען. יאנקעל דער קארעבעלניק איז געווען פארצווייפעלט. ער האט געוואוסט, אז ווען ער וועט ניט קומען פריהצייטיג אין דארף, וועט ער די אייער ניט קריגען און וועט נחמן דעם בעקער ניט קענען צושטעלען די איי־ער זונטאג פריה און וועט פארליערען ניט ווייניגער ווי א רובעל מיט זעכציג קאפיקעס בארגעלד, און אפשר נאך א קעלבערנע פעלבעל אלס מאגאריטש. פאר יאנקעל דעם קראבעלניק איז א רובעל מיט זעכציג קאפיקעס געווען א וואזשנע סומע געלד, און ווען ער האט אנגעהויבען מורא צו האבען אז וועגען דער פויל־קייט אדער שוואכקייט פון זיין סקורע וועט ער אזא סומע געלד מוזען פארלירען און נאך אפשר א גאנצע נאכט בלייבען שטעהן מיט זיין פוהר אין זומפ, האט ער זיך שטארק געערגערט, איז געווען אין כעס, און פאר לויטער כעס האט ער נעשלאגען און געשאלטען זיין קליאטשע אונברחמנות'דיג. וואס עס האט איהם אם מייסטען פערדראסען איז, אז זיין קליאטשע זאל איהם אפטאן אזא שטור־קע. זיין קליאטשע איז ניט געווען סתם א פערד, נאר זי איז געווען זיין איינ־

ציגער חבר און פריינד, און ווען עס איז איהם געווען שלעכט אויפ'ן האר־צען, האט ער זיך פאר איהר אויסגערעדט די הארץ, און זי האט זיך צו איהם שטענדיג צוגעהערט מיט גרויס געדולד. און איצט האט עס דערביי געהאל־טען, אז דיזעלבע קליאטשע וועלכע האט איהם אזוי פיעל יאהרען טריי און גע־וויסענהאפט געדיענט, צי ער האט איהר געגעבען פוטער צי ניט, זאל איהם מאכען אונגליקליך.

יאנקעל דער קאראבעלניק איז געווען א קליין דאר אידעלע מיט א קליין נעל בערדעלע און האט ליעב געהאט פיעל צו ריידען. ער אליין האט גע־גלויבט, אז ווען ער וואלט ניט געווען קיין קאראבעלניק וואלט ער געווויס גע־ווען א מגיד. ער האט געקענט ריידען, ער האט געקענט פיעל ריידען, און ער האט געקענט דערצעהלען שעהנע משלים, וואס ער פלעגט אליין אויסטראכ־טען. אבער אזוי ווי קיינער האט זיך צו זיינע משלים ניט געוואלט צוהערען, און ער האט דוקא געוואלט דערצעהלען משלים, האט ער די אידען אין שניי־דערשער קלויז געזאגט, אז ער זאגט נאר איבער די משלים, וואס ער האט גע־הערט דערצעהלען פון גרויסע מגידים, פון דובנער, פון אלשיך און אזוי ווייטער, אבער אפילו ווען ער האט די אידען געזאגט, אז די משלים זיינען פון גרויסע מגידים, האט מען זיך צו איהם ניט געוואלט צוהערען, כאטש אפט זיי־נען זיינע משלים געווען זעהר שעהנע· ווער וועט זיך דאס געהן צוהערען צו א קאראבעלניק, וועלכער האנדעלט מיט פויערים און איז שטענדיג אין דער חברותא פון פערד ? א מענש איז וואס זיין געזעלשאפט איז. אויב א מענש האט נור אומגאנג מיט פויערים און מיט פערד, איז ער אליין א האלבער פויער און א גאנצער פערד, און פערד דארפען ניט נאכזאגען קיין משלים פון דובנער און פון אלשיך. יאנקעל'ן האט די זאך זעהר פארדראסען, אבער ער האט זיך ניט געקענט אפזאגען פון זיין רעכט צו דערצעהלען א מעשה'לע, א משל, און אזוי ווי די אידען אין דער שניידערשער קלויז האבען זיך ניט געוואלט צוהע־רען צו זיינע זאגאכטסטען, האט ער אנגעהויבען זאגען פאר זיין אידענע, און ווען זיין אידענע איז איהם אפגעשטארבען, איז איהם די קליאטשע געבליבען דער איינציגער עולם, פאר וועלכען ער האט געקענט זאגען. די קליאטשע האט זיך שוין יא צו איהם צוגעהערט, און דערפאר איז יאנקעל געווען שטארק בא־פריינדעט מיט דער אלטער סקורע. אזוי ווי עס איז איהם פריהער קיין זאך ניט שווער געווען צו טאן פאר זיין ווייב, ברענגען איהר א שטיקעלע פוטער אין די גרעסטע פרעסט ווען אין שטעדטעל איז גאר קיין פוטער ניט געווען, אדער איהר קויפען פלוימען אין מיטען וואך, כדי זי זאל זיך קענען אפבאפען די הארץ, אזוי איז איהם שפעטער קיין זאך ניט שווער געווען פאר זיין קליאטשע, ווענען ער האט א נאמען געגעבען „צדקניות". זי איז טאקע געווען א גוטע און פרומע קליאטשע. יאנקעל האט געוואוסט, אז ער קען די קליאטשע טרייבען אין שנעע, פראסט און רעגען, אין היטץ און אין די גרעסטע קעלט, און זי וועט געהן. ער האט געהאלטען, אז די קליאטשע איז איהם מעהר ווי טריי.. און ער איז איהר אויך געווען זעהר טריי. יאנקעל איז נאטירליך געווען אן עהרליכער איד, און האט אין זיין לעבען קיינעמס א קאפיקע ניט פארטשעפעט, אבער גנב'נען אביסעלע האבער פאר זיין קליאטשע, האט ער ניט געהאלטען פאר אן עברה. פאר זיך אליין וואלט ער קיינעמס א קאפיקע ניט פארטשעפעט ווען ער דארף שטארבען פאר הונגער, אבער פאר די קליאטשע, דאס איז גאר אן

אנדער זאך. ווען זיין קליאטשע וואלט געקענט ריידען וואלט ער פאר איהר אויך ניט גע'גנב'עט, אבער ער האט זיך געטראכט: זי איז דאך א כשר'ע בהמה, ריידען קען זי ניט, בעטען קען זי ניט, וויינען קען זי ניט, און עס איז א רחמנות... וואס איז די „צדקניות" שולדיג, אז ער, יאנקעל איז אן עני מדוכה און קען איהר ניט קויפען היי און האבער אין צייט ? פארוואס זאל זי דאר־פען ליידען וועגען זיין ארימקייט? דערפאר, האט ער זיך געטראכט, איז ניט קיין גרויסע עבירה ווען ער גנב'עט א מאל א ביסעלע האבער פאר זיין "צדקניות". נישקשה, גאט וועט איהם מוחל זיין....

פאר די פיעלע יאהרען, וואס די „צדקניות" האט געפיהרט יאנקלען אין דארף און פון דארף ווידער אין שטאדט, איז עס נאך קיין מאל ניט פאר־געקומען, אז זי זאל איהם ניט פאלגען אדער איהם גאר פאראורזאכען עגמת נפש. אבער דאס מאל האט זי איהם פאראורזאכט גרויסע יסורים. ער האט לאנג פארהאנדעלט מיט א בעקאנטען פויער וועגען די צוויי שאק אייער, און האט אויך געהאט א קונה פאר די אייער, און אויף איין מאל שטעקט ער דא אין זומפ און די קליאטשע ריהרט זיך ניט פון ארט. עס האט זיך איהם ניט געגלויבט, אז די קליאטשע קען איהם ניט ארויסשלעפען פון זומפ. זיין פוהר האט ניט געפיהרט קיין משא, און די פוהר אליין, מישטיינס געזאגט פיער רעדלאך מיט א פאאר ברעטלאך און א ביסעל שטרוי און אן אלטער, צולע־כערטער זאק. עס איז שוין אפט פארגעקומען, אז די פוהר איז אריין אין א זומפ און אין א טיעפען זומפ אבער יעדעס מאל האט איהם די קליאטשע פון זומפ ארויסגעשלעפט, און עס האט זיך איהם ניט געוואלט גלויבען, אז דאס מאל קען די קליאטשע ניט טאן, וואס זי האט שוין אזוי פיעל מאל געטאן.... און עס איז געווען צום ערשטען מאל אין פיעלע יאהרען, אז ער האט די קליאט־שע געשלאגען. עס האט איהם טאקע וועה געטאן די הארץ פאר יעדען שמיץ וואס ער האט איהר געגעבען מיט זיין לאנגער בייטש, אבער ער האט זיך ניט געקענט העלפען. זיין "צדקניות" איז פון העלער הויט געווארען א מרשעת. און האט איהם געטאן אויף צו להכעים. ער שטעהט שוין דא מעהר ווי א שעה און די קליאטשע געהט ניט, ריהרט זיך ניט פון ארט. עפעס אזוי ווי ניט איהר מיינט מען דאס.

נאך דעם ווי ער האט די קליאטשע געשמיסען מיט זיין בייטש ביז עס האט איהם גענומען וועה טאן זיין ארעם, האט ער זיך ווידער אריינגעזעצט אין פוהר און האט אנגעהויבען צו זיין "צדקניות" ריידען מיט גוטען. אפשר וועט דאס העלפען

„נו צדקניות" געה, לאז מיך ניט איבער אין זומפ. עס איז דאך אזוי פינסטער און קאלט און עס רעגענט, און מיר דארפען גאנץ פריה זיין אהיים. נחמן דער בעקער האט געזאגט, אז ער מוז די אייער האבען גאנץ פריה. ער דארף באקען א סך טארט פאר איטשע מייער דעם קרעמערס טאכ־טער, וואס געהט חתונה האבען. פארשטער־זשע ניט די חתונה, מען דארף ניט און מען טאר ניט פארשעהמען א אידישע טאכטער. לייקע, איטשע מייער'ס איז א וואוילע מיידעל, און איז אויך ניט מעהר קיין יונגע מיידעל. און עס איז איהר טאטען ניט אזוי לייכט אנגעקומען צו קריגען פאר איהר א חתן. ער האט געמוזט צוזאגען דריי יאהר קעסט און זעקס הונדערט רובעל בארנעלד, און ער

ווײל זיין טאכטער פיהרען צו דער חופה, ווי אַ ערליכער איד דארף זיין טאכטער פיהרען צו דער חופה, און מען דארף לײקע'ס חתונה ניט פארשטערען. זי איז אַ טײערע מײדעל, א גוטע און ערליכע אידישע טאכטער. ניט איין מאָל האט זי מיר געגעבען א טעלער הייסע געקעכטס, ווען איך בין אריין אין שטוב זיך אנווארימען, נאָכדעם ווי איך האָב דיר אוועקגעפיהרט אין שטאל. וויאה, גנעה, וויאה.. זײ ניט קיין מרשעת, לאָמיר ניט פארשטערען לײקע'ס חתונה. ווען מיר קומען ניט מאָרגען פריה צוריק אין שטאדט, וועט לײקע ניט האָבען קיין טאָרט אויף איהר חתונה, א רחמנות אויף לײקע'ן, גנעה שוין גנעה. וויאָה, נו גנעה שוין גנעה"...

די „צדקניות" איז געלעגען אין זומפּ און האט זיך רוהיג צוגעהערט ווי יאַנקעל דער קאָראבעלניק האט איהר געזאגט מוסר, אָבער פון ארט האט זי זיך ניט גערירהט. יאנקעל איז געווען פארצווייפעלט. וואָס טוט מען דאָ? מילא לײקע, ווי לײקע, אבער דעם רובעל מיט די זעכציג קאפּיקעס פּרנסה. אזא פדיון מאכט זיך דאָך ניט אַלע טאג. און יאַנקעל איז געווען א גרויסער נצרך. א ווײַב האט ער ניט געהאט, אָבער ער האָט נאָך געהאט צוויי קליינע אינגלאך און ביידע זיינען געגאנגען אין חדר, און פאר ביידע האָט ער געדארפט צאהלען שכר לימוד, פינף רובעל אַ זמן פאר יעדען. איצט האט ער געהאט א געלעגענהייט צו געבען דעם מלמד אַ מנה יפה, אנדערהאַלבען קערבלאך מיט איין מאָל. ער האָט אויך געדארפט האָבען געלד צו באַצאָהלען פאר זיין דירה, און ער האט סתם געדארפט האָבען עטליכע גראשען. זיין אידעאל איז גאר געווען צו שפּארען דרייסיג פערציג רובעל, ווייל ער האט זיך בארעכענט, אַז די "צדקניות" וועט דאָך ניט לעבען אייביג, ווייל וואָס איז אַ פערד בעסער ווי אַ מענש, און אין גאָר ניט בעסער נאָר פיעל ערגער, ווייל אַ מענש שטאַרבט און מען איז איהם מקבר, אָבער אַ פערד פּגר'ט, און עס איז דאך וואהרשיינליך, אַז היינט מאָרגען אדער איבערמאָרגן וועט זיין "צדקניות" אויך אויסציהען די קאַפּיטעס און וואָס דאָן ? די פוהר אַליין וועט דאָך ניט פאָהרען אהן א פערד און א פערד קאסט געלד. לעבעדיגע פערד ליגען ניט אויפ'ן גאָס, און וואָס פאר אַ פערדעל מען זאָל ניט קויפען, אַפילו אַז אַלטען סאָלדאַטסקע פערד, דארף מען דאך בעצאהלען דרייסיג, פערציג רובעל, אין אמאָהליגע יאהרען האָט מען געקויפט אַ פערד פאר צעהן פופצעהן קערבלאך, אבער יענע טײערע יאהרען זיינען שוין לאנג אוועק און איצט מוז מען טאקע פאר א פערד באַצאָהלען די שווערע צעהנדליגער, און דערפאַר איז עס זעהר און זעהר וויכטיג צו האָבען אָפּגעשפּארטע דרייסיג־פערציג רובעל. און יאַנקעל דער קאָראבעלניק האט אפילו ניט געהאט קיין פערציג קאפּיקעס. זיינע פארדינסטען זיינען ניט געווען קיין גרויסע. און ווען ער האָט שוין אַ מאָל פארדיענט א פּאָאר רובעל, האָט ער געהאט אין דערהיים זיין מײלער אָנצופילען, און די אַלטע סקורע, זיין „צדקניות", האט אויך ניט געהאט קיין קליינעם אפּעטיט. זי האט געקענט פרעסען מעהר פאָר צעהן יונגע פערד, ווײל זי האט ניט געפרעסען אזוי אפט און אזוי רעגעלמעסיג. יאַנקעל דער קאראבעלניק האט אויך ניט געהאט קיין רעגעלמעסיגע הכנסה, און האט זיין „צדקניות" ניט געקענט האלטען אויף פינקטליכע קעסט. ער האט אָבער געמיינט, אַז גראדע זיין סקורע פרעסט אזוי פיעל, און א טײל פון זיין פּראָצע מוז ער איהר אוועגעבען. נאָר אזוי ווי זיין "צדקניות" האט איהם שטענדיג געפּאָלגט און האט זיך שטענדיג צו איהם צוגעהערט, אפילו ווען ער

האט צו איהר גערעדט פאר פיזעלע שטונדען, האט ער איהר פארגינט איהר האבער, און האט אויף איהר קיין הארץ ניט געהאט, ווען זי האט זיך געלאזט וואויל געהן. אבער וואס הייסט עס ניט פאלגען? ער איז זיך פאר איהר מפסיד, און זי לאזט איהם דא זיטצען אין א זומפ?

ער האט מיט איהר גערעדט אויף אלע שפראכען, אין דער שפראך פון קללות און אין דער שפראך פון כעס, און עס האט ניט געהאלפען. די אלטע סקורע ריהרט זיך ניט פון ארט. עס קאפעט פון הימעל, עס איז קאלט, עס איז טרויעריג, דער וועג איז זומפיג און פינסטער, און יאנקעל דער קאראבעלניק זיצט אין זומפ און קען ניט ארויס.

יאנקעל האט שוין איבערגעלעבט שרעקליכע שטונדען אין זיין לע־בען, ווען ער איז געשטאנען צום פריזיוו, ווען מען האט פון איהם אוועקגע־גנב'עט א פערד, און ער איז מעהר ווי א האלב יאהר געבליבען אהן ברויט פאר זיינע קינדער, ווען זיין ווייב איז איהם אפגעשטארבען, אבער אזא שרעקלי־כע שטונדע האט ער נאך קיין מאל ניט דורכגעלעבט. קומט ער ניט מארגען פריה צו נחמן דעם בעקער מיט די צוויי שאק אייער, דאן בלייבט איהם ר' נחמן א שונא פאר זיין גאנצען לעבען, און ניט נאר לייקע, נאר איהר פאטער און איהר גאנצע משפחה וועלען איהם זיין שונאים זיין לעבען לאנג, ווייל וואו האט מען דאס געהערט, אז אויף א בעלי בתישע חתונה זאל ניט זיין קיין טארט? ווען מען וועט די חתונה געסט דארפען געבען לעקאך אנשטאט טארט, וועט זיך לייקע דאס לעבען נעהמען. לעקאך איז גוט פאר תנאים, פאר א ברית, פאר א מזל טוב, אבער דאך ניט פאר קיין חתונה. אבער נאך וויכטיגער ווי אלם־דינג איז דער רובעל מיט זעכציג קאפיקעס פארדיענסט און אפשר נאך אויך א קעלבערנע פעלכעל פון וועלכער מען קען נאך אויך פארדיענען שעהנע עמ־ליכע גילדען. יאנקעל'ס יסורים און עגמת נפש זיינען געווען אונבאשרייבליך. און וואס עס האט איהם נאך אם מייסטען פארדראסען איז, אז זיין „צדקניות" זאל איהם דאס אפטאן. יאנקעל איז אפט איינגעשלאפען פאהרענדיג און זיין „צדקניות" האט שוין געוואוסט וואו מען דארף איהם צופיהרען, און עס איז אפט פארגעקומען, אז יאנקעל האט זיך אויפגעכאפט, און זיך געפונען מיט זיין פוהר אויפ'ן שולהויף. די „צדקניות" האט שוין געוואוסט דעם וועג. און איצט טהוט זי איהם אפ אזא שטוקע. עס איז דאך הימעל עפען זיך!

יאנקעל איז נאך א מאל ארונטער פון פוהר, צוגעגאנגען צו דער קליאטשע, זי אנגענומען ביים צוים און גענומען שרייען מיט כעס וויאה, און דאן ווידער מיט גוטען: „נו געה שוין געה, איך וועל דיר מעהר ניט שלאגען, געה שוין געה, ביסט א טייערע בהמה, א כשר'ע נשמה, געה שוין," און די "צדקניות" האט זיך ווירקליך גענומען ריהרען, לאנגזאם, זעהר לאנגזאם, אבער זי האט זיך טאקע געריהרט, און ווען זי האט זיך גענומען ריהרען, זיינען יאנקלען ארויס טרעהרען פון די אויגען פאר פרייד. ווען ער וואלט געקענט, וואלט ער זיין "צדקניות" אומארעמט פאר פרייד. די אלטע סקורע האט גע־קרעכצט, איז כמעט צוזאמענגעבראכען אונטער דער לאסט און יאנקעל האט באשיימפערלאך געזעהן, ווי זי מאכט די לעצטע אנשטרענגונג איהם ארויסצו־שלעפען פון זומפ און פון א פארלעגענהייט. מיט מיה און נויט האט די קליאט־שע ארויסגעשלעפט די פוהר פון זומפ און יאנקעל האט זיך ווידער ארייננע־

כאפט אין פוהר, זיך אוועקגעזעצט אויף זיין זעקעל שטרוי און האט אין הארצען געזונגען א שבח והודיה צום פאטער אין הימעל פאר דער טובה וואס ער האט איהם באוויזען, און איז אויך געווען פול דאנקבאר צו זיין „צדקניות". די קליאטשע איז אבער געגאנגען פאמעלאך, און יאנקעל האט געוואלט, אז זי זאל איצט געהן שנעל. ער האט פארלארען דריי שעה שטעהענדיג אין זומפ און אין מעטה'ן צו זיין „צדקניות", און ער האט נאך געהאט א אנדערהאלבען שעה צו פאהרען. ער האט ווידער אנגעהויבען שרייען וויאה, נו געה שוין געה, וויאה. אבער די קליאטשע איז אלץ געגאנגען זעהר לאנגזאם, און ווען יאנקעל האט גענומען די בייטש אין האנד און איהר אנגעהויבען פאכען, איז די קליאטשע געפאלען און שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען.. יאנקעל האט געהאט פארגע־סען, אז פאר די לעצטע פאאר טעג האט זי אפגעריכט תעניתים..

ווען יאנקעל דער קאראבעלניק איז אויף מארגען ווידער געקומען אין שטאדט, אן אויסגעמאטערטער, א צובראכענער און מיט פארוויינטע אוי־גען, איז ער געווען דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. ניט נאר האט ער פארלארען געלד, א פוהר און א פערד און ניט נאר האט ער זיך גע־מאכט אומזיסטע שונאים, נאר ער האט אויך פארלארען דעם איינציגען פריינד וואס ער האט געהאט אין לעבען, דען זיין צדקניות איז געווען די איינציגע באשעפעניש, וואס האט זיך צו איהם צוגעהערט, און פאר וועמען ער האט געקענט זיך אויסרעדען דאס הארץ און פאר וועלכע ער האט אנגעפיהרט ויכוחים מיט גאט און מיט לייטען. און דערצעהלט שעהנע משלים..

יאנקעל דער קאראבעלניק האט פארלארען זיין עולם.. און האט מעהר קיינעם ניט געהאט וועמען צו דערצעהלען משלים און מעשה'לאך, און איז געווען אונגליקליך.

די מארק-אידענעס ריידען.

ערשטע מארק־אידענע: — וואס האט דער גלח געקויפט?

צווייטע מארק־אידענע: — געקויפט? אז קויפען זאלען איהם די מלאכי חבלה. ער האט גענומען פינף בייגעל און א הויפען מיט צוקערקעס און געגעבען צוויי קאפיקעס. זאל ער צוזעצט ווערען פרעסענדיג אידישע פראצע.

ערשטע מארק־אידענע: — אין דער פריה איז פארבייגעגאנגען דער שכור'ער סטראזשניק, האט אנגעכאפט א הויפען בייגעל, בולקעס, עפעס צו־קערקס און באקשאר. אלסדינג אראפגעלאזען אין זיינע ברייטע קעשענעס, אי־בערגעלאזען פינף קאפיקעס, געשמייכעלט זיין קאצאפסקען שמייכעל און האט זיך אפגעטראגען. זאל מען איהם שוין טראגען רבונו של עולם..

צווייטע אידענע: — אט פאר א ווייל צוריק ווען איך האב צורעכט־געמאכט דעם פייערטאפ איז פארבייגעגאנגען דער זשאנדאר און געקויפט פאר א דיטקע סחורה, אבער פאר דער דיטקע האט ער גענומען זעקס בולקעס און דריי גרויסע אוגערקעס און צוויי פון די בעסטע בארנעס און האט זיך אפגע־טראגען, און גאה גיב קינדער עסען און גאה זארג פאר אן אונגליק א מאן, וואס טויג ניט אויף קידוש און ניט אויף הבדלה. ווען מיין מאן איז ניט קיין נעלם. וואלט איך דעם חזיר'שען גוי געגעבען מיט דעם פייער־טעפעל אין קאפ, און וואלט איהם אריינגעווארפען די גליהענדע קוילען אין די אויגען.... אז ס'זאל איהם אריין די זון אין די אויגען גאטעניו. זאל ער מיר דערלעבען צו זעהן אויף איין אויג און איך איהם אויף איין פוס...

ערשטע אידענע: — נו וואס זאל איך שוין זאגען פון די שכורע סאלדא־טען וועלכע גאהן צו צום קאשיק און נעהמען וואס זיי ווילען און גיבען גאר נים. אפילו א קאפיקע ניט? זאל איך זיך מיט זיי שלאגען? מיין כח אויף זיי גע־זאגט געווארען, און זאל זיי דרעהען די גליעדער ווי עס דרעהען מיר אלע גליע־דער.

צווייטע אידענע: — זאל זיי דרעהען די זייטען, אז זיי זאלען מיי־נען עס איז א קאטערינקע...

ערשטע אידענע: — די זעלנער, ווי די זעלנער. זיי זיינען פארהונגער־טע און זייער קאפוסטע און ברויט ווערט זיי מיאוס, כאפען זיי דערפאר א ביי־געל, אבער דער גלח, אז צוזעצט ווערען זאל ער. ער איז קראנק צו באצאהלען?

צווייטע אידענע: — און דער שכורער סטראזשניק איז קראנק צו באצאהלען? וואס איז? ער קריגט ווייניג? ער ראבעוועט ווייניג? ער לעבט

האָר פון גזרות אויף אידען. מוז מען פון איהם אויך ליידען? א פייער איהם אין די ביינער אריין, אז די פאזשארניע קאמאנדא זאל איהם ניט קענען לע־שען.

ערשטע אידענע : — אַלע כאפען זיי זיך צו די פרישע בייגעל.. אז רייסען זאָל מען זיי די קישקעס און פער׳סמ׳ט זאלען זיי ווערען פרעסענדיג אידישע פראצע.

צווייטע אידענע : — זאלען זיי דערוואָרגען ווערען מיט יעדען בי־סען פון די גע׳גנב׳טע בייגעל.

ערשטע אידענע : — זאלען זיי פארגליווערט ווערען זומער און זא־לען זיי ברענען פאר היטץ אין ווינטער און עס זאל זיי וואַרפען אין קדחת.

צווייטע אידענע : — זאל זיי אפגענומען ווערען די צינג פרעסענדיג גע׳גנב׳טע בייגעל און בולקעס..

ערשטע אידענע : —זאָל זיי אפגענומען ווערען די פיס איידער זיי געהען צו צו אונזערע קאשעקעס.

צווייטע אידענע : — זאל זיי אפגענומען ווערען די הענד איידער זיי ריהרען זיך צו צו אונזערע בייגעל, בולקעס און בארנעס. זאָל זיי האקען א צאָהן אין א צאהן פרעסענדיג די גערויבטע בייגעל..

ערשטע אידענע : — זאלען זיי דערוואָרגען ווערען אראפשלינגענדיג זייערע ציינער אין מויל, ווען זיי שלינגען די גערויבטע בייגעל און בולקעס...

ביידע ווייבער צוזאמען : — זאל א דונער פון גאט זיי אריינשלאגען אין קאָפּ...

ערשטע אידענע : — ווען איך דארף ניט באצאהלען נחמן דעם בע־קער פאר די בייגעל מיט די בולקעס וואלט מיר ניט געארט, ווען די מאשע־ניקעס כאפען א פאאר בייגעל, אבער נחמן דער בעקער לאזט ניט אָפּ, אלע טאג.. גיב איהם געלד, גיב איהם געלד נאך איידער די בייגעל שארען זיך ארויס פון אויווען, און ווען דער זשאנדאר כאפט, און דער סטראזשניק כאפט, און דער גלח כאפט, און די גויע פון נאטשאלניק כאפט, און ווען אלע כאפען און קיינער באצאהלט ניט, קלעקט דאָך ניט די חלה אויף המוציא. וואס זאל איך אויף דער נאכט מיט די פּאָאר געלעזטע גילדען פריהער טאן ? באצאהלען נחמן דעם בעקער אדער עפעס קויפען פאר די קליינוואָרג אדער באצאהלען דעם קצב, אדער באצאהלען דעם שוסטער ? אז ווינד און וועה זאל זיי זיין, ווי עס איז מיר ווינד און וועה.

צווייטע אידענע : — איהר רעדט נור פון די בייגעל ? און וואס איז מכח די אוגערקעס, ראזשינקעס, עפּעל און באַרנעס און צוקערקעס? כאפען זיי ניט אלסדינג, וואס עס פאלט זיי אריין אין הענד ? פאר זיי איז אידישע פּראצע גאר ניט ! זאל פון זיי ווערען גאר ניט, רבונו של עולם.

ערשטע אידענע : — און אז עס איז דא אנומעלט פארבייגעגאנגען דער סעקרעטאר פון בירגערמייסטער און אנגעפאקט זיינע קעשענעס מיט צו־קערקעס און איז אוועקגעגאנגען אזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאס, אוועקגע־גאנגען און ניט געלאזען אפילו א רויטע דענעשקע.. און ער איז דאך שוין ניט קיין שכור׳ער און פארכעוואטער סטראזשניק, און ניט קיין גלח מיט ברייטע

ארבעל און ניט קיין זשאנדאר מיט א שווערד. ער איז דאך שוין עפעס א גאנ־
צער פראנט, א שררה. מען מוז דאך צו איהם זאגען פאניע, פראשע פאניע,
און אז ניט, איז ער דאך נאך אין כעס. זאל דער שטן אויף איהם ווערען אין
כעס. אזא דארמאיעדניק, אזא אומזיסטער פרעסער. דערפאר טאקי, אז עס
קומט צו מאכען שבת, איז ניטא מיט וואס... אבער אזוי מוז מען אפקומען
שבת.. אזא יאהר אויף דיזע ראבירער און שונאי ישראל.. וואס מיר שבת, ווען
מיר שבת. זיי פרעסען א גאנצע וואך מיינע בייגעל און בולקעס און מיר מוזען
אויסקומען שבת אפילו אהן א שטיקעל חלה. און אויך א שוך איז חאז? און אויף
א בגד איז דא ? און פאר א קליידעל פאר די דערוואקסענע מיידלאך איז דא ?

צווייטע אידענע : — נו און אז מיין מאן שלעפט זיך ביי נאכט אוועק
אויפ'ן דארף, קריכט מיט זיין נעטץ אין אזערע, ווען עס איז קאלט און פינסטער
און ברענגט עטליכע פונט פיש אין שטאדט, קומט דעם נאטשאלניק'ס גויה און
נעהמט אוועק די בעסטע פישלאך און קומט דעם זשאנדארמס גויה און נעהמט
אוועק וואס זי געפינט און גיט פינף קאפיקעס. מיין אלטער צובראכענער מאן
ריזיקירט מיט זיין לעבען איידער ער כאפט א פאאר פונט פיש, קומט פרייטאג
פריה א צובראכענער, א דער'הרג'עטער, און מיר אליין האבען ניט קיין שטי־
קעל פיש אויף שבת, ווייל מיר...

ערשטע אידענע : — ווייל מיר זיינען אין גלות. ווען מיר וואלטען
ניט געווען אין גלות וואלט דער נאטשאלניק געמוזט באצאהלען פאר די פיש.
און דער זשאנדאר וואלט געמוזט באצאהלען פאר די פיש, און דער סטראזש־
ניק און דער שרייבער פון דער קאנצעלאריע וואלטען ניט געקענט כאפען קיין
בולקעס און קיין בייגעל און זיך נאך אויסלאכען. און אונזערע זיהן און טעכ־
טער וואלטען ניט געדארפט פארוואגעלט ווערען אין אמעריקא און די נוים
וואלטען איבער אונז ניט געקענט דייסטעווען. מיר זיינען אין גלות.

צווייטע אידענע : — נו, אז מיר זיינען אין גלות דארף מען אונז שוין
טרעטען מיט די פיס ?

ערשטע אידענע : — אז מען איז אין גלות, ווערט מען געטראטען מיט
די פיס, אבער ווען משיח וועט קומען, ווען מיר וועלען אויסגעלעזט ווערען פון
אונזערע צרות, וועט מען אונז אויפהערען צו טרעטען מיט די פיס. דאמאלט
וועלען מיר זיין ווי אלע זיינען. ווען משיח וועט קומען וועט דער סטראזשניק,
דער גנב ניט קענען קומען און אוועקנעהמען אלע בייגעל פון קאשעק, און אפילו
דער נאטשאלניק וועט עס ניט קענען טאן.

צווייטע אידענע : — א חכמה, כ'לעבען, ווען משיח וועט קומען וועט־
לען מיר דא ניט זיין. מיר וועלען זיין אין ארץ ישראל. און אין ארץ ישראל וועלען
ניט זיין קיין שכור'ע סטראזשניקעס, און קיין גנבים, און קיין נאטשאלניקעס.
וואס זיינען פיאווקעס און צאפען אידיש בלוט.

ערשטע אידענע : — ווען מיר וועלען זיין אין ארץ ישראל וועלען מיר
די חזירשע צורות גאר ניט דארפען אנקוקען. אט די גנבים און מאשעניקעס
און בלוט־זויגערס וועלען אויסגעראטעט ווערען. אז משיח וועט קומען.... אי.
הלואי קומט ער שוין באלד !

צווייטע אידענע : — הלואי, אבער ער וועט אזוי גיך ניט קומען.. א
צו זינדיגע וועלט. אז גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר מיינע רייד.. גאר מעהר

ניטא קיין עהרליכע אידען אויף דער וועלט, און משיח קען ניט קומען צו רשעים...

ערשטע אידענע : — אמת, א זינדיגע וועלט כ'לעבעו. דעם רב'ס זוהן רעדט דוקא רוסיש, און ניט נאר א גאנצע וואך, נאר שבת אויך. דער פרוש אין בית מדרש רעדט אויך רוסיש, אזוי זאגט מען, און ר' נפתלי צמח'ס ווייב געהט שוין אהן א שייטעל. ר' נפתלי דער בעקער איז געווים אן עהרליכער איד, אבער זיין ווייב פאסט שוין ניט צו טראגען א שייטעל און געהט שוין גאר ארום מיט די אייגענע האאר און וואס זאל מען שוין זאגען פון רב'ס טאכ־טער... זאל גאט שומר ומציל זיין.. און אויב ווידער עס איז ניט אמת, אויב זי איז אומשולדיג, איז אויף איהר א רחמנות, און אפגענומען זאלען ווערען די צינגער וואס ריידען וועגען איהר..

צווייטע אידענע : — יא משיח וועט זיך איילען צו קומען. א קליי־ניגקייט א שטאדט מיט צדיקים. דעם דיין'ס זוהן איז אוועק אין אמעריקא און אין אמעריקא זיינען דאך אלע צדיקים. אויף דעם רב'ס טאכטער רעדט מען... די יונגע ווילען אפילו מעהר קיין תפילין ניט לייגען, און פון נחמן זעליג דעם קצב זאגט מען, אז ער פארקויפט ניט געטרייבערטע פלייש צו אידען, און געה טהו איהם עפעס. משיח וועט זיך איילען, צדיקים וועלען איהם מקבל פנים זיין.

ערשטע אידענע : — דאס איז שוין אלעס ? און וואס איז וועגען נא־טע דעם גלעזער'ס טאכטער וואס טרייבט זיך ארום מיט אן אפיציער, און מיט ישראל דעם געלען'ס בינאק וועלכער געהט אפילו ניט שבת אין שוהל און.. און.. גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רייד.. מען זאגט דאך, אז ער רויכערט שבת, און אז מען האט איהם געכאפט מיט א ברענענדיגען פאפיראס רויכערענ־דיג שבת אין ווייבערשער שוהל. ער לייקענט טאקע שטיין און ביין, אבער אז מען רעדט איז דאך מסתמא ניט אומזיסט. און וואס איז וועגען ר' ארטצשיק דער כלי זמר, וועלכער איז אריינגעפאהרען פרייטאג אין שטאדט נאך לכו נרננה ? די גאנצע שטאדט וויסט עס דאך און עס איז דאך טאקע א געוואלד. וואו האט מען דאס געזעהן און וואו האט מען דאס געהערט... אריינפאהרען אין שטאדט נאך לכו נרננה.. און עס איז הפקר פעטרושקע...

צווייטע אידענע : — איהר דארפט זיך ניט אפעסען דאס הארץ פון ר' ארטשיק דעם כלי זמר. זיין ברודער, חיים'קע דער רויטער איז אויך ניט בעסער. ער איז א גלוח און סתם א באד־יונג און טרייבט זיך ארום מיט שיק־סעס. אבער רופט איהם ניט אויף א חתונה און עס ווילען זיך קעהרען וועלטען. און וואס איז וועגען פייוועל דעם מלמד'ס זוהן ? אוועקגעפאהרען אין ווילנע און לערנט זיך גאר אויף פויפסט ! ווען דער תכשיט איז צוריקגעקומען פון ווילנע, האט ער גאר מיט קיינעם ניט געוואלט ריידען אויסער מיט דעם דאק־טאר און מיט דעם אפטייקער, און ער רעדט דוקא רוסיש, אידיש קען ער שוין גאר ניט. נו איז דאס א וועלט, זיינען דאס אידען ? מען זיצט ניט און מען לערנט, נאר מען שלעפט זיך אוועק אין ווילנע לערנען רוסיש, און אז מען וועט שוין קענען רוסיש וועט שוין די וועלט זיין גליקליך? ווי זאגט איהר אליין, ווי אזוי קען משיח קומען? אט אזוי קומט ער טאקי, אז אז ער צומט ניט פינס־טערען מיר אין גלות און יעדער שכור און כלב איז איבער אונז א בעל הבית..

ערשטע אידענע : — עס איז גאר ניט אזוי שלעכט ווי איהר מאכט

עס. צדיקים זיינען פאראן אויף יענער וועלט. אויף דער וועלט זיינען אלע זינ־דיגע מענשען, מישטיינס געזאגט. און עס איז ניטא פארוואס מענשען צו באַ־ריידען. וואָס זאָלען זיי זיין? מלאכים ? נאר וואס מיר פארדריסט יא איז, וואס ר' נאטע דעם שוחט'ס אייניקעל טרייבט זיך ארום הינטער דער פאטשט מיט שלומ'קע דעם פריקאזשטשיק און וואס גיטעל די אלמנה מאכט חן'דלאך צום אלטען ר' אברהם דעם פערד־הענדלער. וואס האט זי זיך אין איהם אזוי פאר־כלאַבעט ? א איד האט א גאנץ לעבען געהאנדעלט מיט פערד, און אז מען האנדעלט דעם גאנצען לעבען מיט פערד איז מען אליין מעהר אדער וויינינער א שטיק פערד. נאר גאר ניט, איך וויל ניט ריידען. מען דארף ניט ריידען קיין רכילות. עס איז ניט ישעהן, כ'לעבען. נאר פון גנעשע רייזעל דעם מילכיגען איז עס געווים אן עולה פארוואָס זי שארט זיך צו וועלוועל דעם הויקער'ס זוהן. ער דארף דאך שוין א כלה און זי מעג איהם לאזען צורוה. גאר גאר ניט, מען דארף ניט באריידען... עס איז אן עברה..

צווייטע אידענע : — און וועגען יואל דעם זייגער־מאכערס זוהן, וועל־בער מאכט חן'דלאך צו זיין שוועגערין, רבקה די בעקערקע, און וועגען דעם וואס כתריאל דער האלצ־הענדלער האט באַ'גנב'עט און וועגען ציפע ברײנדעל'ס טאכטער, וואס איז אנטלאפען מיט דעם יונגען אפטייקער — מען זאגט, אז ער איז א דייטש — און וועגען הירשע אקסעס טעכטערל וואס איז אנטלאפען אין אמעריקא מיט א פאריבאַק, און וועגען ר' בערל דעם שמש'ס אייניקעל. וואָס איז אנטלאָפען פון וואלאזשין אזש קיין דייטשלאנד און רעדט קריסטליך דייטש, און וועגען ר' עזריאל דעם גביר'ס ווייבעל וואס איז פארכלאבעט אין פעלדשערס זוהן נאכדעם ווען איהר מאן איז אזוי קראנק געווארען, זאל מען שוין גאר ניט ריידען ? וואס פון דער שטאדט איז געווארען, א בארג אש, צייט דער אלטער רב איז געשטארבען. משיח וועט ניט קומען, זאגט מען, סיידען די וועלט וועט זיין אין גאנצען פרום אדער אין גאנצען א זינדיגע וועלט. ער מעג שוין קומען, די וועלט איז זינדיג גענוג !

ערשטע אידענע: — מ'טאָר מענשען ניט באריידען, און גאט זאָל ניט שטראָפען פאר מיינע רייד, אבער איך קען ניט פארגעסען וואס דעם רב'ס זוהן שלעפט זיך ארום מיט מאיר בינוש'ס טאכטער. שבת פאר נאכט זעהט מען זיי הינטער דער פאטשט און א גאנצע וואך געהען זיי אויך ארום שפאצירען, און עס איז גאר ניט.. וואס תנאים, ווען תנאים, אבי מען איז פארכלאבעט. דאס איז שוין איין מאל א זינדיגע וועלט, און אויב משיחווארט, אז די גאנצע וועלט זאל זיין זינדיג, וועט ער שוין לאנג ניט דארפען ווארטען. יונגע ווייב־לאך געהן שוין היינט ארום אהן שייטלעך, און טאמער טהוט שוין א ווייבעל אן א שייטעל, פארקאמט זי איהרע אייגענע האאר איבער דעם שייטעל און מען ווייסט ניט צי זי טראגט א שייטעל אדער ניט. און צום עסען וואשט מען זיך ? און בענטשען בענטשט מען? און דעם שבת היט מען אפ ? און דאווענען דאווענט מען ? נאר גאט זאל מיר ניט שטראפען פאר מיינע רייד...

צווייטע אידענע : — נו, אז עס איז א זינדיגע וועלט, דארפען מיר ניט אויסגעלעזט ווערען ? ווי לאנג נאך וועלען מיר פינסטערען אין גלות? ווי לאנג נאך וועט דער שכור'ער סטראזשניק און דער זשאנדאר דער גזלן. און דער גלח, דער גנב פארכאפען אידישע פראצע, כאפען פון די קאשיקעס

בייגעל, עפעל, בארנעס, ראזשינקעס, בולקעס און צואווארפען א גראשען און אוועקגעהן ? ווי לאנג נאך וועט דער משונענער נאטשאלניק ארויסנעבען גזרות פון טשיסטאטא און שטראפירען אידען, און אוועקנעהמען פון זיי זייערע לעצטע בעבעכעס ? און ווי לאנג וועלען אידישע קינדער דארפען זיין יונים און זיך אנעסען מיט טרפות ? עס איז צייט, אז משיח זאל קומען און אונז אויסלעזען פון אונזערע צרות.

ערשטע אידענע : — און אויב ער קומט ניט אזוי גיך מוזען מיר ווייטער פינסטערען ....

צווייטע אידענע : — אויב ער קומט ניט, וועט דער שכורער סטראזשניק און דער זשאנדאר דער גזלן קומען אלע טאג און וועט פון אונז אוועקנעהמען אונזער לעצטען בייגעל און אונזער לעצטען עפעל, און מיר וועלען ווייטער פינסטערען..

ערשטע אידענע : — זאלען זיי צופלאצט ווערען פרעסענדיג נע'גנבטע אידישע פראצע.

צווייטע אידענע : — זאלען זיי איינגעהמען א מיתה משונה.

ערשטע אידענע : — זאל אויף זיי קומען א דונער פון גאט .

צווייטע אידענע : — זאל מען זיי ברענען און בראטען.

ערשטע אידענע : — זאלען זיי אויסגעהן ווי חלב'נע ליכט.

צווייטע אידענע : — זאל זיי שטעכען אין די זייטען.

ערשטע אידענע : — זאלען זיי אנגעצונדען ווערען אין א פינסטערע נאכט.

צווייטע אידענע : — שווייגט, מאכט שוין צו אייער מויל. זי נעהט.

די אנדערע ווייבער : ווער געהט ?

די ערשטע אידענע : — דעם נאטשאלניק'ס ווייב .

אלע ווייבער אויף איין מאל צום נאטשאלניק'ס ווייב : פראשע פאניענקא : בייגעל, בולקעס, פרישע, ערשט פון אויווען.

די רייכע כלה פאהרט אין ווילנא.

„וואס האקסטו א קאפ וועגען פאהרען אין אמעריקא. זלאטעלע וועט ניט פאהרען אין ערגיץ, זי וועט בלייבען לעבען טאטע מאמען, טאטע מאמע וועלען זי פיהרען צו דער חופה און וועלען פון איהר האבען א סך נחת און פרייד, און איך וויל מעהר ניט הערען פון אמעריקא". אזוי האט זיך צולאזען ר' תנחום דער וואטעמאכער צו זיין ווייבביילע רחל, א קליינע אידענע מיט א לאנגע צונג. זלאטעלע איז געווען זייער איינציג קינד. זי איז געווען זייער אויג אין קאפ און זי איז אלט געווארען דריי און צוואנציג יאהר. און דער באשערטער איז נאך אלץ ניט געקומען. די מאמע ביילע רחל האט אנגעהויבען צו טענה'ען אז דאס בעסטע וואס זלאטעלע קען טאן איז אוועק אין אמעריקא. אין אמעריקא וועט זי שוין קריגען א באשערטען, און טאמער חס וחלילה ניט, איז בעסער צו זיין א פארזעסענע מיידעל אין אמעריקא ווי אין דער היים. אזוי האט גע'טענה'ט די מאמע, אבער דער טאטע האט דערפון ניט געוואלט וויסען. ער האט ליעב געהאט זיין בת יחידה וועגען פארשיעדענע טעמים. ערשטענס האבען אלע פאטערס ליעב זייערע קינדער, צווייטענס האבען אלע פאטערס ליעב זייער איינציג קינד און דריטענס האט זיך ר' תנחום איינגע־בילדעט אז זיין בת יחידה איז די שעהנסטע און די גראטענסטע טאכטער אין שטאדט. זלאטעלע איז אפילו קיין מאהל ניט געגאנגען אין חדר אבער זי האט געקענט שרייבען אידיש און זי האט אויך געקענט שרייבען אדרעסען אין אלע אייראפעאישע שפראכען... און איז דערצו סתם געווען א בריה. זי האט געקענט קאכען און באקען, שטריקען און נייען און זי האט געקענט שטרי־קען דעם שעהנסטען מזרח. די ווענד פון איהר שטוב זיינען געווען באהאנגען מיט עטליכע גרויסע און א פאאר קליינע מזרח'ס וואס זי האט אויסגעשטריקט אין פארשיעדענע פארבען און דער טאטע איז געווען זעהר שטאלץ אויף זיין טאכטער. דאן האט אויך זלאטע געקענט פיין זינגען און א מיאוסע איז זי אויך ניט געווען. זי איז געווען די פרייד פון איהרע עלטערען און ווען זי איז אוועק אין גאס אדער איז אוועק שפאצירען און די מאמע האט ניט געהאט מיט וועמען צו ריידען, פלעגט זי אריינגעהן צו די שכנות'טעס און זיי אנהויבען דערצעהלען די וואונדער פון איהר זלאטעלען. אויך דער טאטע האט ניט אויפגעהערט צו ריידען פון זיין טאכטער, און טאטע מאמע האבען זייער בת יחידה ליעב געהאט און האבען מיט איהר שטאלצירט.

אבער זלאטעלע איז אלט געווארען דריי, פיער און צוואנציג יאהר און דער באשערטער איז נאך אלץ ניט געקומען. מען האט זלאטעלען גערעדט פיער שידוכים, אבער די שידוכים זיינען אלע מאהל אבגעגאנגען. ענטוועדער דער חתן האט געוואלט צופיעל נדן און קעסט און איבערהויפט באר געלד, אדער

זלאטעלע האט איהם אויסבראקירט. זלאטעלע האט געוואלט א יונגען, שעהנעם, שטארקען און געבילדעטען חתן וועלכער איז פריי פון פריזיוו, און אין שטעדטיל זיינען אזעלכע פויגלאך געווען זעהר זעלטען. ווען א שידוך איז אבגעגאנגען ווייל זלאטעלע האט ניט געהאט גענוג נדן, האט עס געהייסען אז זלאטעלע האט דעם חתן אויסבראקירט ווייל ער איז ניט געבילדעט גענוג אדער ווייל ער איז ניט שעהן גענוג אדער ווייל ער איז ניט פריי פון פריזיוו, און אין שטעדטיל האט מען געגלויבט אז זלאטעלע האט כאטש א נדן פון אכט הונדערט רובעל. אין אמת'ן האט זי ניט געהאט מעהר ווי צוויי הונדערט רובעל, אבער דערפאר האט זי געהאט אן אויסשטאטונג ווי א ווירקליך רייכע כלה.

ווען זלאטעלע איז אלט געווארען צעהן יאהר און טאטע מאמע האבען געזעהען אז דאס וואקסט א פארשוין און אז זי איז א געראטען קינד, האבען זיי אנגעהויבען זאמלען אן אויסשטאטונג פאר זייער בת יחידה. די מאמע האט אנגעהויבען מיט א קלייניגקייט, טאשענטיכלאך פון בעסטען לייווענד. ווען א טייל פון קאמאד איז שוין געווען פול מיט טאשענטיכלאך, האט די מאמע אנגעהויבען קלייבען האנטיכער, און ווען אן אנדער טייל פון קאמאד איז געווען פול מיט האנטיכער, קליינע און גרויסע, האט זי אנגעהויבען צו קלייבען ליילאכער, דאן קאלדרעס, דאן קישענס און פערענעס און צום סוף זיידענע אונטערדעק, ספאדניצעס, בלוזעס, אלערליי הענטשקעס, אלערליי זאקען, ביז דער גאנצער קאמאד און עטליכע שאפעס זיינען געווען אנגעפי־קעוועט מיט זלאטעלעס אויסשטאטונג, און ווען זי איז אלט געווארען אכטצעהן יאהר האט זי געהאט מעהר ליילאכער, קאלדרעס, האנטיכער, טישטיכער, גארדינען און אזוי ווייטער, ווי די רייכסטע בעל הבית'טע אין שטעדטיל. זי האט אויך געהאט גענוג קליידער, פראסטע און גוטע, ווייל זי איז אליין געווען א גוטע דאמסקע שניידערקע און ווען זי וואלט געוואלט געהען צו א דאמסקען שניידער ארבייטען, וואלט זי געווים געקריגען ביז הונדערט רובעל א יאהר. נאר זלאטעלע, ר' תנחום דעם וואטעמאכער'ס טאכטער, האט ניט געפאסט צו געהן ארבייטען, און נאך דערצו אין א ווערקשטאט פון א דאמסקע שניידער. זי איז דאך עפעס געווען א בת יחידה, א שעהנע און א געראטענע און האט געהאט די שעהנסטע און גרעסטע אויסשטאטונג און האט ניט געדארפט געהען ארבייטען. ר' תנחום דער וואטעמאכער איז ניט געווען קיין גביר, אבער פרנסה האט ער געהאט. ער איז ניט געווען קיין וואטמאכער, און פארוואס מען האט איהם גערופען וואטעמאכער איז ניט געווען באקאנט. אזוי האט ער זיין גאנצען לעבען געהייסען. ער האט געהאט א גאנץ אנדערע פראפעסיע. ער איז געווען א מעקלער, און אפט א פערד־מעקלער. עס איז שוין אפט פארגעקומען אז ער האט אין איין טאג פארדיענט אזוי פיל ווי פינף און צוואנציג רובעל. מען האט אבער קיין מאהל ניט געוואוסט ווי גרויס זיינע פארדיענסטען זיינען און אין שטעדטיל האט מען ווירקליך געגלויבט אז ער איז א האלבער נגיד און א גאנצער גביר. ער האט קיין מאהל ניט געגעבען א נדבה וועניגער ווי פינף קאפיקעס און אמאהל האט ער געגעבען צעהן און צוואנציג קאפיקעס און אויף מעות חטים האט ער געגעבען גאנצע פופציג קאפיקעס, און ער האט זיך קיין מאהל ניט בעקלאגט אז עס פעהלט איהם עפעס אדער אז ער האט ניט גענוג פרנסה. מסתמא איז ער דאך געווען א שטיק גביר. דער אמת איז אז ר' תנחום

איז נישט געווען אגרויסער גביר נאר א קליינער קבצן — א גרויסער קבצן הונ־
גערט און א קליינער קבצן געהט ארום צוויי יאהר אין איין פאאר שיך...

זייט זלאטעלע איז אלט געווארען אכטצעהן יאהר האבען טאטע מאמע גענומען זארגען וועגען א באשערטען פאר זייערע בת יחידה. דער טאטע האט געוואלט קריעגען אן איידים א גרויסען למדן אבער די מאמע האט דוקא געוואלט א דאקטאר אדער אם ווייניגסטענס אן אפטייקער. אין שטעדטיל איז אבער נור געווען איין אידישער דאקטאר און ער האט שוין געהאט זיינע צעהן טויזענד רובעל נדן מיט א ווייב דערצו און דער אפטייקער איז אויך געווען א באווייבטער די ישיה בחורים אין שטאדט, וועלכע זיינען געווען פריי פון פריזיוו האבען געוואלט אכט הונדערט רובעל נדן און דריי יאהר קעסט און די וועלכע זיינען נישט געווען פריי פון פריזיוו האט זלאטעלע נישט געוואלט. ווייל זי האט נישט געוואלט זיין פיער יאהר א לעבעדיגע אלמנה און פאה־רען אין אמעריקא האט זי אויך נישט געוואלט. אמעריקא איז גוט פאר „ארימע און אונוויסענדע און נישט געראטענע מיידלאך“, אבער מיין זלאטעלע, האט דער טאטע גע׳טענה׳ט איז דאך עפעס מיין זלאטעלע. ווער איז נאך אזוי שעהן ווי זי איז און ווער איז נאך אזוי געראטען ווי זי איז און ווער קען נאך אזוי שעהן אויסשטריקען א מזרח ווי זי? זלאטעלע מוז דא קריעגען א באשערטען אז נישט געהט די וועלט אונטער, אז נישט איז די וועלט גאר קיין וועלט נישט. האט ר׳ תנחום געזאגט. ער האט דאס אזוי אפט געזאגט אז זלאטעלע האט אנגעהויבען גלויבען אז זי איז טאקי א פרינצעסין און אז זי איז בארעכטיגט צו קריעגען א שעהנעם, רייכען, געבילדעטען און פריזיוו־פרייען מאן, און זי האט גאר נישט געטראכט פון געהען אין אמעריקא· דאס איז נישט געווען פאר איהר כבוד· געהען אין אמעריקא פאסט פאר ברוך צדוק העם שמיר׳ס טאכטער, פאר מאטקע דעם מסור׳ס טאכטער, פאר לאה ציפע די הינקענדיגעם טאכטער. אבער נישט פאר אזא יחסנ׳טע און געראטענע און שעהנע מיידעל, ווי זלאטעלע, ר׳ תנחום דעם וואטעמאכער׳ס טאכטער.

זלאטעלע איז אלט געווארען נײנצעהן און צוואנציג און איין און צוואנציג יאהר און דער בעשערטער איז נאך אלץ נישט געקומען. דער טאטע האט נישט פארלארען קיין האפנונג, אבער די מאמע איז געווארען אונרוהיג. פא וואס נישט אמעריקא?, האט זי גע׳טענה׳ט. אמעריקא איז אויך א מדינה און אין אמעריקא זיינען אויך מענשען גליקליך, און ווען זלאטעלע וועט געהען אין אמעריקא, וועט זי געוויס קריעגען א באשערטען. וואס טוען אלע בחורים, וועלכע געהען אוועק אין אמעריקא? זיי בלייבען דאך נישט אלטע בחורים. זיי האבען דאך חתונה און אזוי וועט זלאטעלע שוין אין אמעריקא קריעגען א חתן. און טאמער וועט ער נישט זיין אזא יחסן, מאכט אויך נישט אויס. ״זי איז אליין א גרויסע יחסנ׳טע״. דאס זיינען געווען די מאמעס רייד. אבער דער טאטע האט דערפון נישט געוואלט וויסען: „איך וועל מיין זלאטעלען אליין פיהרען צו דער חופה. זי טאר נישט געהען אין אמעריקא. דא, וואו זי איז גע־בארען, וועט זי קריעגען איהר באשעהרטען און וועט חתונה האבען. זלאטעלע איז א בעל בתיש־קינד און דארף נישט פארוואגעלט ווערען אין אמעריקא“. און זלאטעלע האט געפאלגט דעם טאטען און איז נישט אוועק אין אמעריקא. אלע בעמיהונגען פון רפאל לאקש, איהר און איהר טאטען איבערצורעדען, האבען נישט געהאלפען. זלאטעלע האט ער קיינ שיפסקארטע נישט געקענט פארקויפען·

ר׳ תנחום האָט נאָר געטראַכט פון איין זאַך... פון אַ באַשערטען פאַר זיין בת יחידה. דיזער געדאַנק האָט איהם בעהערשט טאָג און נאַכט, אין שטוב, אין בית מדרש און אויפ׳ן גאַס. ווען מען האָט געזעהען ר׳ תנחום׳ען א פארטראכטען און א פארזארגטען, האט מען שוין געוואוסט אז ער טראכט פון א באשערטען פאר זיין בת יחידה. מיט יעדען טאג איז ער אלץ געווארען מעהר פארטראכט און מעהר פארזאָרגט, און זיין הארץ האָט איהם געוויינט ווען ער האָט געזעהען ווי די טעג, חדשים און יאָהרען פליהען און דער באַשערטער קומט ניט און זלאַטע ווערט ניט שעהנער און ניט אינגער. אָבער גאָט איז גרוים און פארלאָזט ניט זיינע קנעכט און אין אַ שעהנעם טאָג איז ר׳ תנחום געוואָרען דער גליקליכסטער פאָטער און דער גליקליכסטער מענש אויף דער גאַנצער וועלט. דער באַשערטער איז געקומען, אַ שעהנער און געראָטענער יונגערמאַן, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אָנגקומען אין שטעדטעל אַלס ישיבה בחור, און וועלכער איז כמעט געווען פריי פון פריזיוו. ער האָט געקענט קריגען אַן ערשטע ליגאָטע, און ער האָט נאָר בעדאַרפט האָבען עטליכע רובעל זיך צו פארשאַפען די ליגאָטע. בערעלע, דער שמש פון שוהל, האָט זיך באַלד דערפון דערוואוסט און האָט דעם בחור צוזאַמענגעפיהרט מיט ר׳ תנחום׳ען און דאַן מיט זלאַטעלע׳ן און אין אַ מזל׳דיגער שעה איז געפראוועט געוואָרן תנאים. ר׳ תנחום איז געווען אין זיעבעטען הימעל, זלאַטעלע איז געווען איבער גליקליך און די מאַמע איז פשוט צושמאַלצען געוואָרען פאַר שמחה. אמת מען האט צוגעזאָגט דעם צוקינפטיגען איידים זעקס הונדערט רובעל באַרגעלד און דריי הונדערט רובעל אין וועקסלען און אַזוי גוט ווי אייביגע קעסט, אָבער ר׳ תנחום איז ניט געווען באַזאָרגט. „גאָט וועט שוין העלפען“, האָט ער זיך געטראַכט. פון דעם אויגענבליק אָן וואָס זלאַטעלע איז געוואָרען אַ כלה, האָט זי אָנגעהויבען בליהען. זי איז געוואָרען שעהנער פון טאָג צו טאָג; פשוט די שכינה האָט אויף איהר גערוהט. זי האָט געקריעגען פאַרב אין די באַקען און פייער אין איהרע צוויי בלויע אויגען, און זי פלעגט אַרומגעהען נור זינגענדיג. אַ קלייניגקייט, אַזאַ גליק ! . . .

די תנאים זיינען געשלאָסען געוואָרען נאָך שבועות און אַ גאַנצען זומער האָבען חתן כלה פאַרבראַכט ווי צוויי טויבען. טאַטע און מאַמע זיינען אינגער געוואָרען פאַר שמחה און נחת. דער חתן איז טאַקי געווען אַ געראָטענער, שעהן און שלאַנק און אַ זעהר קלוגער און זעהר פריינדליך צום שווער און שוויעגער. דערצו איז ער אויך געווען אַ גרויסער למדן און האָט שוין צייט צוויי יאָהר געהאַט סמיכה, כאָטש ער האָט גאָר ניט געהאַט בדעה צו ווערען אַ רב.

דער זומער איז אַוועק, איינפאַך אַוועקגעפלויגען. עס איז געקומען יעשען. דער חתן האָט גענומען פון זלאַטעלען הונדערט און פופציג רובעל האַנדגעלד אויף זיין נדן און איז אַוועקגיפאָהרען אין זיין שטעדטיל קריעגען אַ ליגאָטע. ער האָט געדאַרפט די ליגאָטע קריעגען, ער אַזי געווען בערעכטיגט זי צו קריעגען, און מיט הונדערט און פופציג רובעל דערצו האָט איהם די ליגאָטע געדאַרפט אריינפליהען אין קעשענע. אבער זי איז איהם ארויסגעפלויגען פון קעשענע. די הונדערט און פופציג רובעל האָבען די טשינאָווניקעס פון איהם צוגענומען אָבער די ליגאָטע האָט ער ניט געקריעגען און מען האָט איהם אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט, און אַ פאָאר מינוטען נאָכדעם ווי מען האָט

איהם אָנגעגעבען, האָט מען איהם אוועקגעשיקט אין קאַזאַרמע און עס איז געווען פאַרפאַלען. ער איז שוין צו זיין כלה ניט מעהר געקומען. אַנשטאַט צוריקקומען צו זיין זלאַטעלען, האָט ער אַריינגעשיקט אַ בריוועלע פון קאַזאַרמע און זיין כלה געבעטען אַז זי זאָל אויף איהם וואַרטען פיער יאָהר.... ווען זלאַטעלע האָט געקריגען דאָס בריוועל איז זי געפאַלען אין חלשות, די מאַמע איז געפאַלען אין חלשות און דער טאַטע, דעם אַלטען גוטען ר' תנחום האָט געטראָפען דער שלאַק. ער איז פאַראַליזירט געוואָרען און האָט מאָנאַטען לאַנג זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. אפילו נאָכדעם ווי עס איז איהם שוין געוואָרען בעסער און האָט זיך שוין געקענט באַוועגען, איז ער ניט געווען דער פריהערדיגער ר' תנחום. זיין מויל איז איהם פאַרקרימט געוואָרען און איז געבליבען קרום און מיט אַ קרומער מויל קען מען ניט טאָן קיין מעקלעריי. אַ נגיד איז ער קיין מאָהל ניט געווען, און איצט, אַז פאַרדיענען האָט ער שוין אויך ניט געקענט, איז זיין לאַגע געוואָרען אַ ביטערע. ער האָט שוין זיין ווייב און קינד ניט געקענט פאַרזאָרגען. אין דיעזע ביטערע שטונדען האָט ער געלאַזט קומען צו זיך רפאל לאַקש און איהם געזאָגט אַז ער איז ווילינג אַז זיין זלאַטעלע זאָל געהן אין אמעריקא. רפאל לאַקש איז פון דער בשורה געווען זעהר צופריעדען און האָט באַלד אַרויסגענומען דעם פּלאַן פון אַ גרויסער שיף צו ווייזען ר' תנחום'ען אין וועלכער שעהנער, פירסטליכער קאַיוטע זיין זלאַטעלע וועט אַריבערשווימען דעם ים. ר' תנחום איז געווען העכסט צופריעדען. ווען ער וואָלט געווען געזונד, וואָלט ער מיט זיין זלאַטעלען מיטגעפאָהרען.

נאָכדעם ווי ר' תנחום און רפאל לאַקש זיינען אייניג געוואָרען וועגען פרייז, הונדערט און צעהן רובעל ביז קעסעל גאַרדען, האָט רפאל געבעטען מזומנים. — אויף באָרג האָט ער קיין געשעפטען ניט געטאָן — איהם האָט מען געמוזט געבען דאָס געלד פאָראויס. אבער ר' תנחום האט שוין קיין געלד ניט געהאַט. זיין גאַנצעם פאַרמעגען האָט דער שלימזל'דיגער חתן אוועקגענומען. זלאַטעלע האט שוין ניט געקענט פאָהרען אין אמעריקא.

די מאַמע, וועלכע איז פון צער אַלט און קראַנק געוואָרען האָט אָנגע־הויבען טענה'ען אַז זלאַטעלע זאָל אַוועקפאָהרען, וואו מאַכט ניט אויס. נאָר אין שטעדטעל זאָל זי ניט בלייבען. די חרפּה איז געווען צו גרויס, און זי האט עס ניט געקענט אַריבערטראָגען. אַלע בעריידען זלאַטעלען, אַלע מאַכען חוזק פון מיין איינציג קינד, און עס איז בעסער פאַר איהר און פאַר אונז אַז זי זאָל אוועקפאָהרען, האָט די מאַמע גע'טענה'ט צום טאַטען. אוועקפאָהרען אין אמעריקא האָט געמיינט פאָהרען זוכען עשירות, פאָהרען אין אַ נייע וועלט. פאָהרען זוכען גרויסע גליקען, אָבער אוועקפאָהרען פון שטעדטיל, פאָהרען אין אַן אַנדער שטעדטיל, אָדער אַריינפאָהרען אין קאָוונא אָדער אין ווילנע האָט נור געקענט מיינען פאָהרען ווערען אַ דיענסטמויד, און דיעזער געדאַנק האָט דעם קראַנקען ר' תנחום פורכטבאַר געדריקט. זיין זלאַטעלע, זיין בת יחידה, זאָל נאָך ווערען אַ דיענסטמויד, זאָל ביי אַנדערע דיענען? דער געדאַנק אַז זיין ליעבע און טייערע זלאַטעלע, די ווייסעל פון זיין אויג, זאָל ווערען אַ דיענסט האָט איהם פאַראורזאַכט מעהר אינערע קרענקונג און מעהר יסורים, ווי דער אונגליק מיט דעם חתן און זיין קראַנקהייט. יעדעס מאָהל ווען ער האָט דערפון געטראַכט, האָט אין איהם זיין האַרץ געוויינט און אָפט האָט ער זיך צוואוויינט

אויפ'ן קול און געכליפעט ווי א קינד: מיין זלאטעלע, מיין טייערע און שעהנע זלאטעלע וועט נאך ווערן א דיענסט, עפעס אזוי ווי זי וואלט געווען ישיעה האהן'ס טאכטער . . .

ביילע רחל האט איהם געזוכט צו טרייסטען: „וואס מיינסטו טוען די מענשען אין אמעריקא? זיי פלאגען זיך דארט אויך. אויך אין אמעריקא ליגט ניט קיין געלד אויפ'ן גאס און אנשטאט זיך ארומצואוואלגערען אין אמעריקא און ניט וויסען פון שבת און יום טוב און זיין אבגעריסען פון טאטע מאמע, איז עס שוין פיעל גלייכער אז זלאטעלע זאל אריינפאהרען אין קאוונע אדער אין ווילנא.. ארבייט איז ניט קיין חרפה, און גאט וועט העלפען". און ווען פייגע רחל האט דיעזע ווערטער גערעדט איז איהר ארויס טרעהרען פון די אויגען.... נאר זי האט זיך געמאכט מוט און האט גערעדט און זי האט געקענט ריידען. ר' תנחום האט אבער ניט געוואלט נאכגעבען. "מיין זלאטעלע טאר ניט ווערען קיין דיענסטמויד. ניין, דאס טארניט און דאס קען ניט זיין. איך וועל דאס ניט איבערלעבען", אבער ער האט דאס יא איבערגעלעבט, ווייל ער האט זלאטעלען קיין ברויט ניט געקענט געבען. זי איז ניט נאר אראפ פון פנים פאר עגמת נפש נאר זי איז אויך אראב פון קערפער. אין שטוב איז פשוט קיין ברויט ניט געווען. זלאטעלע האט דעם טאטען ליעב געהאט ווי דאס לעבען און זי האט איהם געוואלט העלפען און איז אין א קאלטען טונקעלען ווינטער־מארגען אוועקגעפאהרען צו דער סטאנציע און פון דארטען קיין ווילנע.

די באבע פאהרט און פאהרט ניט.

אין שטעדטעל זיינען ניט געווען סתם מענשען. יעדער אין שטעדטעל איז געווען, וואס אן אנדערער האט גאר ניט געקענט זיין. יעדער איז געווען א וועלטעלע פאר זיך. לייבע יאנקעל דער שמיעד איז ניט געווען א איד, וועלכער מאכט פאדקאוועס, נאר ער איז געווען לייבע יאנקעל דער שמיעד. ער האט נור געקענט זיין דאס וואס ער איז געווען, און ניט נור סתם א שמיעד. נאר דער שמיעד, א שמיעד מיט א שמיעדישער נשמה. ער האט גערעדט צו זיינע פערד און האט פאר זיי זיך אויסגערעדט זיין הארץ און ער האט פארשטאנען א פערד בעסער ווי ער האט פערשטאנען מענשען. ר' ירוחם דער קברן איז ניט געווען סתם א איד, וועלכער באגראבט אידען, נאר א איד, וועלכער איז זיכערליך געבארען געווארען אויפ'ן בית עולם. דער בית עולם איז געווען זיין וועלט. ווען מענשען הערן אויף צו שטארבען, און חער בית עולם ווערט אן איבערפליסיגע אינסטיטוציע, שטארבט ר' ירוחם פאר צער. פייוועל דער מלמד איז ניט געווען א איד, וועלכער קנעלט מיט קינדער, נאר א איד, וועלכער קען ניט לעבען סיידען ער קען קנעלען מיט קינדער און קען זיי אנפאטשען, אויב זיי הערען זיך צו איהם ניט צו. קורץ, אין שטעדטעל איז יעדער געווען אן אימפעריע פאר זיך, און אויך די באבע באשע איז ניט געווען סתם א באבע, דאס הייסט א אידענע, וואס האט אייניקלאך, ווייל אין שטעדטעל זיינען געווען אסך איחענעס, וואס האבען געהאט אייניקלאך. זי איז געווען די געבארענע באבע און זי איז שוין געווען א באבע, נאך איידער זי איז געווען א מאמע. נאך אלס מיידעל האט מען איהר גערופען לאה די באבע, און דאס איז ניט געווען סתם א צונעמעניש, נאר א טיטעל . . . באבע באשע איז געווען א געבארענע באבע, און יעדער קינד אין שטעדטעל איז געווען איהר אייניקעל. אלע האבען איהר גערופען באבע, יונג און אלט, און אלע האבען ליעב געהאט די באבע ווי דאס לעבען. עס איז ניט געווען קיין חתונה אהן דער באבע'ן, עס איז ניט געווען קיין ברית אהן דער באבע'ן, עס איז ניט געווען קיין מזל טוב אהן דער באבע'ן און עס איז אויך ניט געווען קיין טרויער אהן דער באבע'ן. זי האט געוואוסט אלע באבישע זאכען און זי האט ליעב געהאט צו טאן באבישע זאכען. דאס איז געווען איהר פרייד אין לעבען. ווען טאטע מאמע האבען ניט געהאט וואס צו עסען, האט די באבע געהאט גרויס שברות הלב, אבער ווען די קינדער האבען ניט געהאט וואס צו עסען, און די באבע האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי שוין אנגעבראכט אין שטוב כל טוב פאר די קינדער, ווייל אלע קינדער זיינען געווען איהרע אייניקלאך, און זי האט ליעב געהאט איהרע אייניקלאך.

די באבע איז אמאל געווען א שעהנע מאמע, אבער ווי פיעלע שעהנע מאמעס האט זי קיין מזל ניט געהאט. די שעהנע מאמע איז אמאל געווען א שעהנע מיידעל און האט אויך אלס שעהנע מיידעל קיין מזל ניט געהאט. זי האט חתונה געהאט פאר א קראנקען מאן און דער קראנקער מאן איז אוועק פון דער וועלט און האט איהר געלאזען א סך ארימקייט, א סך חובות און א סך קינדערלאך. די באבע איז אבער קיין מאל ניט געווען טרויעריג. זי האט זיך אין דער שטיל געפלאגט, געארבייט, געהאנדעלט, געטאן, גערעדט שידוכים. געהאלטען א קרעמעל, פארדיענט מעהר אדער ווייניגער, און ווען די קינדער — צוויי זיהן און צוויי טעכטער זיינען אויפגעוואקסען זיינען זיי איינער נאך דעם אנדערען אוועק אין אמעריקא און די באבע איז געבליבען איינע אליין. ווען די קינדער זיינען שוין געווען אין אמעריקא, האט די באבע מעהר ניט גע־ ליטען פון נויט. זי האט אלסדינג געהאט וואס זי האט געדארפט. די באבעס קינדער זיינען געווען גוטע און זיי האבען דער באבע'ן געשיקט פיעל מעהר ווי זי האט געדארפט. די באבע האט געדארפט פאר זיך דריי רובעל א וואך אויף דער הוצאה און די קינדער האבען איהר געשיקט אכט און צעהן רובעל א וואך און ווען די באבע האט געהאט געלד, האט זי ערשט געקענט זיין די ריכטיגע באבע, און פארזארגען פיעלע אייניקלאך, ווענען מיט א בגד, ווענען מיט א פאאר שיך, און ווענען מיט שכר לימוד. די באבע האט ניט פארפעהלט צו קומען יעדען טאג אין ת"ת און אויסגעפינען אויב איהרע קינדער ליידען חס וחלילה ניט קיין הונגער און אויב זיי האבען וואס זיי דארפען. די באבע איז אויך קיין מאל ניט געקומען אין ת"ת מיט לעדיגע הענד. זי איז געקומען מיט א קארב בייגעל, מיט א קאשיקעל פרוכט, מיט צוקערקעס מיט באקסאר, מיט ראזשינקעס, און אלע אייניקלאך האבען זיך שטענדיג געפרעהט מיט איהר קומען. די באבע איז אויך געווען אן ארייננגעהערקע ביים רב און איז געווען זעהר באפריינדעט מיט דער אלטער רביצין. זי האט געוואוסט, וואס די רביצין קאכט, וואס זי שטעלט אין טשאלענט, וואס עס פלאגט דעם רבי'ן, און זי האט זיך אפט גע'עצה'ט מיט דער רביצין אדער די רביצין האט איהר אויסגעגאסען איהר ביטער הארץ. אט איז פארגעקומען אז דער רב האט די גאנצע שכירות אוועקגעגעבען צו אן ארימען קצב, ווענעמס קוה עס איז טריף געווארען, אדער ער האט צוטיילט די געלד אין בית המדרש צו ארימע לייט, און די רביצין איז געבליבען אהן א גראשען געלד. אין אזעלכע פעלע פלעגט די באבע אלע מאל דער רביצין ארויסהעלפען און קיינער האט דערפון ניט געוואוסט אפילו דער רב אויך ניט. האט מען געדארפט געלד פאר אן ארימע כלה, איז די באבע גע־ ווען די ערשטע צו נעהמען א האנד אין קלייבען געלד און איז געווען די ער־ שטע צו געבען, האט מען געדארפט אוועקשיקען א ישיבה בחור אין אמעריקא, און ער האט ניט געהאט קיין געלט, נאר א שיפסקארטע, איז די באבע געווען די ערשטע צו געבען און צו קלייבען, האט מען געדארפט פארזארגען יתומים, איז די באבע געווען די ערשטע דאס צו טאן, און ווען די באבע איז געקומען אין א שטוב און געבעטען געלד, האט מען איהר געגעבען, ניט פרעגענדיג פאר־ וואס און פאר ווען. און דערפאר איז די באבע אפילו אהן איהרע קינדער קיין מאל ניט געווען איינזאם. זי איז שטענדיג געווען די מונטערע, פרעהליטע, טע־ טיגע און הילפרייכע באבע, און די איינציגע זארג וואס זי האט געהאט איז גע־ ווען איהרע קינדער אין אמעריקא. זי האט נאך זיי געבענקט, ניט ווי א מאמע

בענט נאך איהרע קינדער, נאר ווי א באבע בענקט נאך איהרע אייניקלאך. נאר די ארבייט אלס באבע האט פארטראגנען און צושלאגנען איהרע דאגות און זי האט פארגעסען אין איהרע אייגענע אייניקלאך אין אמעריקא. אבער די אייניקלאך זיינען געווען גוטע, און האבען יעדען מאנאט געשיקט געלד און יעדען מאנאט און אפטמאהל צוויי מאל א מאנאט האט זי זיך געמוזט אן זיי דערמאהנען און יעדעס מאל ווען זי האט זיך אן זיי דערמאהנט, איז ביי איהר אויסגעוואקסען דער וואונש זיך מיט זיי צו זעהן. דאס האט געמיינט פאהרען צו די אייניקלאך אין אמעריקא.

די באבע איז טאקע געווען טעטיג און זי איז שטענדיג געווען פאר שמאיעט מיט איהרע אייניקלאך אין שטעדטעל, אבער זי האט זיך פארט גע־וואלט זעהן מיט איהרע אייגענע אייניקלאך און דיזער וואונש איז ביי איהר געווארען אלץ גרעסער, וואס עלטער זי איז געווארען. איהרע אייניקלאך אין אמעריקא האבען איהר געשיקט זייערע בילדער, און פון די בילדער האט זי גע־זעהן, אז זיי זיינען שעהנע און לייטישע מענשען, און אז פון זיי איז עפעס געווארען, און יעדעס מאל ווען זי האט אנגעקוקט א בילד פון דעם אדער פון יענעם אייניקעל, האט זיך איהר געוואלט פליהען אין אמעריקא. דאן האט זי ערפאהרען, אז די אייניקלאך האבען חתונה געהאט, און האבען קינדערלאך און די בילדער פון איהרע ווירקליכע אייניקלאך האט מען איהר אויך צוגעשיקט. אנקוקענדיג די בילדער פון איהרע ווירקליכע אייניקלאך, האט זיך אין איהר דערוועקט די אמת'ע באבע־ליעבע און זי האט געוואלט פליהען אין אמעריקא צו איהרע אייניקלאך, זיי צו קושען און האלזען און זיך מיט זיי אדומטראגנען.

עס איז ניט געווען שוועך פאר דער באבע'ן צו פאהרען אין אמערי־קא. זי האט געקענט קריגען א שיפסקארטע, ווען זי האט געוואלט, זי האט אפילו אהן א שיפסקארטע פון איהרע אייניקלאך אויך געקענט פאהרען אין אמעריקא. אין שטאדט האט מען געזאגט, אז די באבע איז אנגעשטאפט מיט געלד. די אייניקלאך אין אמעריקא זיינען געווען רייך און זיי האבען איהר געשיקט זעהר פיעל געלד א חוץ וואס זי פלעגט קריגען עקסטרא אויף יום טוב, פינף און צוואנציגערס און פופציגערס. זי האט אבער ניט געקענט אוועקפאהרען. וואס הייסט די באבע וועט אוועק אין אמעריקא ? וואס וועט ווערען פון די פיעלע אייניקלאך אין שטאדט, וועמען זי האט געשפייזט, וועמען זי האט באזארגט מיט שיך און קליידער, מיט ווארימע זאקען אין ווינטער און מיט פירות און מילך אין זומער ? ווי האט מען דאס א הארץ צו פארלאזען אזוי פיעל אייניקלאך ? און אן אנדער באבע איז אין שטעדטעל ניט געווען. באבע באשע איז געווען די איינציגע באבע, וואס די שטעדטעל האט פארמאגט. ווען די באבע האט גערעדט מיט דער רביצין פון פאהרען אין אמעריקא, האט איהר די רביצין געזאגט אז אזוי ווי זי איז געווען פאר אזוי פיעל יאהרען א טייערע באבע צו אזוי פיעל אייניקלאך וואלט עס ניט געווען קיין יושר זיי צו פארלאזען און אזוי ווי קיינער איז נאך פון אמעריקא קיין מאל ניט צוריקגעקומען וועט זי אויך ניט צוריקקומען און צו פאהרען אין אמעריקא דארטען צו בלייבען איז נאך דא צייט. שטארבען און פאהרען אין אמעריקא פארזאמט מען ניט סיידען מען מוז אנטלויפען פון פריזעוו, אבער די באבע האט פארט געבענקט נאך איה־רע אייגענע אייניקלאך און זי האט ווירקליך געוואלט זעהן איהרע קינדער.

וועלכע זיינען באמת געווען גוטע און טייערע קינדער. איז וואס טהוט מען דא? די בעסטע זאך איז צו פרעגען דעם רב אן עצה און א שאלה. דער רב אבער האט גע׳פסק׳ענט אז די באבע דארף זיך זעהן מיט איהרע אייגענע אייניקלאך און עס איז א מצוה זיי צו זעהן.

נאך דיזען פסק דין האט שוין די באבע באשלאסען צו פאהרען אין אמעריקא. זי האט אלעס אנגעהויבען צו פאקען — איהרע פארוקען, איהרע ספאדניצעס, איהרע נייע וואליקעס, איהרע צוויי פעלצעלאך און איהרע תכריכים לייוועגד וואס זי האט שוין געהאט פאר די לעצטע פופצעהן יאהר און אזוי ווי א שיפסקארטע האט זי געוואלט קויפען ביי רפאל לאקש פאר באר־געלד, איז שוין מעהר קיין מניעה צו איהר רייזע ניט געווען. דעם גרענעץ האט זי אויך יעדען טאג געקענט אריבער, ווייל זי האט געקענט קריגען א פעסעל פון בירגערמייסטער אהן יעדע שוועריגקייטען. זי איז שוין געווען באריית צו פאה־רען, נייען זי האט שוין געהאלטען ביים פאהרען. זי האט שוין אפילו אפגע־מאכט מיט בינע דעם בעל עגלה אוועקצופיהרען איהרע טשעמאדאנעס און פעקלאך צו דער אייזענבאהן סטאנציע און זי האט זיך שוין געהאט באדונגען. וויפיעל ער זאל דערפאר קריגען אין בארגעלד, נאר אזוי ווי עס איז געווען ערב פורים האט זי די נסיעה אפגעלעגט אויף נאך פסח. זי האט זיך בארעכענט, אז ערב פורים קען מען דאך פון שטאדט ניט אוועקפאהרען. די אייניקלאך דארפען קריגען משלח מנות און זיי דארפען קריגען דריידלאך מיט המן טאשען און עס איז דערפאר ניט ראטזאם אוועקצופאהרען קורץ פאר פורים. נאך פורים איז עפעס אויך ניט ריכטיג אוועקצופאהרען. אט דארף מען זיך שטעלען באקען מצה און מען דארף געהן קלייבען געלד פאר מעות חטים און ווי פאהרט מען דאס אוועק פון שטאדט פאר פסח? פאראן אזוי פיל ארימע לייט וועלכע נויי־טיגען זיך אין מעות חטים און אזוי פיעל אייניקלאך וועלכע דארפען האבען ווער א בגד און ווער א שוך און ווער א נייע היטעלע, און עס איז ניט יושר׳דיג אוועקצופאהרען ערב פסח. און דאן ווער וויל זיך דאס וואלגערען פסח אויף א שיף, און פון וואנען איז געדרונגען אז אויפ׳ן שיף וועט מען אפהאלטען סדר. און עס קען געמאהלט זיין, אז אויף דעם שיף עסט מען גאר חמץ און גאט זאל אויסהיטען.

די באבע האט דערפאר אפגעלעגט איהר נסיעה אויף נאך פסח.

נאך פסח צעהלט מען ספירה און אין די ספירה טעג ווילט זיך עפעס ניט פאהרען. אין די ספירה טעג דארף מען זיין אין דערהיים. ווער פאהרט עס פאר ל״ג בעומר אין אמעריקא? דאס טוען נאר הולטאיעס. וואס די באבע איז געווען, א הולטאיקע איז זי ניט געווען און איז ניט געפאהרען פאר ל״ג בעומר. זי האט שוין אפגעלעגט די יאזדע אויף נאך שבועות. מען קען ניט אוועקפאהרען א פאאר וואכען פאר שבועות. מען מעג טאקע פאהרען, אבער עס פאסט ניט. שבועות איז א יום טוב און נאך וואס פאר א יום טוב, מתן תורה. היינט געה וואלגער זיך ארום יום טוב אויף שיפען און באהנען; און עס איז געווען ראט־זאם אפצולעגען די רייזע אויף נאך שבועות. נאך שבועות איז ווארים און שעהן און עס איז אנגענעהם צו פאהרען, און בינע דער בעל עגלה איז געבעטען גע־ווארען צו קומען נאך די פעקלאך נאך שבועות. אבער ווען ער איז געקומען נאך די פעקלאך, האט איהם די באבע געזאגט, אז זי וויל נאך א ביסעלע וואר־

טען. אט הויבען אן צו וואקסען די אוגערקעס און באלד וועט מען שוין קענען רייסען פרישע קארשען פון די בוימער, און די ציעגען הויבען אן צו געבען א סך מילך, און אין שטאדט ווערט פרעהליך און זומערדיג און אין אזא צייט איז ניט גוט און אויך ניט ראטזאם אוועקצופאהרען. ווען מען הויבט אן צו רייסען די עפעל און די בארנעס פון די בוימער איז געוויס ניט כדאי אוועקצופאהרען. די טעג זיינען לאנג, די אווענדען ליכטיג און אלע פרעהען זיך און האבען הנאה פון זייער לעבען און אין אזעלכע טעג קען מען ניט איינפאקען און אוועקפאהרען. עס שיקט זיך עפעס ניט, און דערפאר האט די באבע באשלאסען אפצוווארטען אזוי ביז יעשען צייט. די טעג ווערען קירצער, די מענשען ווערען טרויעריגער, די ווינטען הויבען אן בלאזען און דער הימעל איז גרוי און פארכמארעט. דאס איז א ריכטיגע צייט אוועקצופאהרען. דאס זיינען טעג, ווען יעדער וויל זיך ארויסרייסען פון זיין סביבה, ווען יעדער וויל אנטלויפען פון שטעדטעל. דאן איז אפילו רעכט אוועקצופאהרען אין אמעריקא.

דער יעשען איז אנגעקומען. די טעג זיינען געווארען קירצער, די אווענדען לענגער און פינסטער און אויף דעם שטעדטעל איז אנגעפאלען א מין אימה, די אימה פאר דעם לאנגען קאלטען ווינטער. אבער ווי פאהרט מען דאס אוועק אלול צייט אין אמעריקא? אט געהט מען דאך שוין באלד צו די ערשטע סליחות און ווער וויל זיך דאס ארומוואלגערען אויף באהנען און שיפען די ערשטע סליחות? דאס קענען נאר טהאן גוים. א אידיש קינד איז צו די ערשטע סליחות אין דערהיים. און נאך די ערשטע סליחות קומט דאך עפעס באלד ראש השנה און יום כיפור. אין די טעג פאהרט דאך געוויס קיין אידיש קינד ניט אין אמעריקא. ווער וויל דאס ליעגען אויף א שיף ראש השנה אדער יום כיפור? און נאך יום כיפור קומט דאך סוכות, און וואס הייסט מען אנטלויפט פון סוכות? סוכות איז דאך עפעס אזא טייערער יום טוב. און עס איז דאך ניט נאר די סוכה, נאר אויך דער אתרוג, דער לולב און די הושענות. און נאך סוכות קומט דער טאג ווען אלע אייניקלאך האבען אזא שטארקע הנאה, שמחת תורה. ווי קען מען זיך דאס פארגינען אוועקצופאהרען אין אמעריקא פאר שמחת תורה און פאר סוכות? מען מוז דאך האבען א הארץ פון שטאהל דאס צו טאן. דערפאר איז טאקע די באבע ניט געפאהרען ערב סוכות. און נאך סוכות האט זי געדארפט פארזארגען אזוי פיעל אייניקלאך מיט שיכעלאך, מיט רעקעלאך, מיט היטעלאך, כדי זיי זאלען קענען געהן אין ת"ת, און עס פארשטעהט זיך, אז מען קען ניט איבערלאזען אזוי פיעל אייניקלאך אויף גאט'ס בארא און אנטלויפען אין אמעריקא.

די באבע האט גע'חלש'ט פאהרען אין אמעריקא זעהן איהרע אייניקלאך, אבער זי האט ניט געהאט קיין צייט ווען צו פאהרען. אין יאהר זיינען נור פאראן דריי הונדערט און פינף און זעכציג טעג און יעדער טאג האט זיינע זארגען און פליכטען און ווי קען מען זיך דאס פון דער העלער הויט אברייסען און פאהרען? די באבע איז ניט געפאהרען, נאר זי האט אלץ געהאלטען אין איין פאהרען. ווען די אייניקלאך פון אמעריקא האבען איהר געשיקט בריעף און געלד און איהר געבעטען צו קומען, האט זי געענטפערט אז אט, אט קומט זי. אט, אט פאהרט זי און זי איז ניט געפאהרען, ווייל אין שטעדטעל איז נור געווען איין איינציגע באבע און די איינציגע באבע האט ניט געקענט אוועק-

פאהרען פון שטעדטעלי זי איז געווען אין שטעדטעל צוגעבונדען צו פיעלע אייניקלאך, און זי האט ליעב געהאט צו זיין א באבע צו א סך אייניקלאך. וואס מעהר אלץ בעסער, אבער זי האט איהרע אייגענע אייניקלאך אויך שטארק געליעבט און נאך מעהר ווי זי האט געליעבט איז זי געווען נייגעריג צו זעהן ווי זיי לעבען און וואס זיי טוען אין אמעריקא, און זי איז סתם געווען נייגעריג. אלע אמת'ע באבעס זיינען נייגעריג, און אזוי ווי זי איז געווען נייגעריג אזוי האט זי געבענקט נאך איהרע אייניקלאך, וואס זי האט נאך קיין מאל ניט געזעהן. איהר גאנצען לעבען איז זי געווען א באבע פאר אזוי פיעל אייניקלאך און איצט אז זי האט ווירקליך געהאט אייגענע אייניקלאך, קינדער פון איהרע זיהן און טעכטער, האט זי זיי ניט געקענט זעהן. זי איז אויסגעגאנגען פאר בייגקעניש און זי האט זיך געריסען צו פאהרען, נאר עס איז קיין צייט ניט געווען.

אבער איידער זי האט נעמאכט די גרויסע נסיעה, די אמת גרויסע נסיעה פון וועלכער קיינער איז נאך ביז איצט ניט צוריקגעקומען, האט זי געלאזט רופען די רביצין און האט איהר פארטרויט א סוד: „זאגט מיינע אייניקלאך אין דעם בריעף, וואס דער רבי וועט זיי שרייבען, אז איך וואלט אפשר געקענט נעפינען צייט צו פאהרען, אבער פון דאנען איז מיין טאטע מאמע. מיין זיידע און באבע און מיין עלטער-זיידע און עלטער-באבע אוועקגעפאהרען.. און פון דאנען האב איך אויך געוואלט אוועקפאהרען.. מיינע אייניקלאך וועלען שוין זיין גליקליך אהן מיר, אבער איך וועל ניט געפינען קיין רוה אין פרעמדער ערד, און נאך מעהר ווי איך האב געוואלט פאהרען צו מיינע אייניקלאך, וויל איך פאהרען צו טאטע מאמע, זיידע און באבע, עלטער-זיידע און עלטער באבע...

מען כאַפּט דעם גנב.

ווען מען האָט ר׳ איטשיק ליב דעם וואַסערניק געבראַכט אויף דעם בית עולם, איהם צו לעגען צו זיין אייביגער רוה, זיינען פּלוטצלונג אָנגעקומען די צוויי אַלטע סטראַזשניקעס און אַ זשאַנדאַר און האָבען אָנגעהויבען זוכען אַרום און צווישען די קברים. קיינער פון דער לויה האָט זיך ניט געקימערט אום די דריי היטער פון געזעץ. די ווייבער האָבען געוויינט, ווי מען דאַרף וויינען אויף אַ בית עולם ביי אַ לויה. די אַלמנה האָט איינגעריסען וועלטען, די צוויי טעכטער האָבען געהאַלטען אין איין חלש׳ן ווען מען האָט דעם טויטען טאַטען אַריינגעלייגט אין קבר און דער בן יחיד פון ר׳ איטשיק ליב האָט געזאָגט קדיש און געכליפּעט און געמאַכט די וויינער מעהר וויינען, אָבער וועגען די צוויי סטראַזשניקעס מיט דעם זשאַנדאַר האָט זיך קיינער ניט געקימערט. זיי האָבען זיך אויך ניט געקימערט וועגען די לויה. און ווען די אבלים זיינען שוין געגאַנגען צוריק און די לויה האָט זיך שוין געהאַט אויפגעלעזט אויף דעם בית עולם, זיינען נאָך די דריי היטער פון געזעץ אַלס געבליבען אויפ׳ן בית חיים און פאַר אַלעמען איז געווען קלאָהר וואָס זיי זוכען — קאָנטראַבאַנד אָדער גנבות, ווייל דער בית עולם איז געווען דער פּלאַץ וואו די גנבים פון שטעדטיל האָבען געבראַכט זייערע גע׳גנב׳טע זאַכען און וואו די קאָנטרעבאַנשטשיקעס האָבען געבראַכט די קאָנטערבאַנדע, זייד, טהעע, ציגאַרען און שנאַפּס. דער בית עולם אין שטעדטעל איז דערפאַר ניט נאָר געווען אַ פּלאַץ פאַר די טויטע, נאָר אויך דערצופלוכט פון דער אונטערוועלט. ווען מ׳האָט איינעם אין שטעדטיל בע׳גנב׳ט און ער האָט זיך באַקלאָגט איבער די גנבה, איז די ערשטע זאַך פון די סטראַזשניקעס געווען צו געהן אויף דעם בית עולם זוכען די גע׳גנב׳עטע זאַכען און די טשינאָווניקעס פון דער דערבייאיער טאַמאָזשניע האָבען אויך געוואוסט אַז דער בית עולם איז דער ריכטיגער פּלאַץ צו בעהאַלטען די קאָנטערבאַנדע, און עס איז אָפט פאָרגעקומען אַז מען האָט אויף דעם בית עולם געפונען גאַנצע זעק מיט טהעע אָדער גאַנצע פּעסלאַך מיט פּרייסישען ליקער אָדער קעסטלאַך מיט ציגאַרען. ווען דער בית עולם איז אויך געוואָרען אונזיכער פאַר די אונטערוועלט, איז דער עזרת נשים פון דער אַלטער שוהל אָדער די אַלטע באָד געוואָרען דער צופלוכטס־אָרט פון דער אונטערוועלט און אויף די־זע דריי פּלעצער האָבען די היטער פון געזעץ געהאַלטען אַ שאַרפע אויג.

קורץ איידער די לויה פון ר׳ איטשיק ליב דעם וואַסערניק האָט זיך גע־זעצט אין באַוועגונג האָט זיך דער נאַטשאַלניק דערוואוסט פון דער גרויסער גנבה אין אַ חזיר־האָאר פאַבריק און האָט באַלד אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו מאַכען אַן אביסקע אויף דעם בית עולם, נאָכדעם ווי אַלע ווינקעלאַך פון דעם עזרת נשים אין דער אַלטער שוהל און אין דער אַלטער באָד זיינען שוין אויס־

געזוכט געוואָרען. צו זוכען גע׳גנב׳עטע זאַכען אויף דעם אַלטען בית עולם איז געווען פאַלג מיר אַ גאַנג. דער בית עולם איז געווען געפּיקעוועט מיט קברים און איבער יעדען קבר זיינען אַראָבגעהאַנגען צווייגען פון גרויסע בוי־מער. די קברים זיינען געווען אַרומגערינגעלט פון הויכע גראָזען. עס איז געווען לייכט אויף דעם בית עולם צו בעהאַלטען גע׳גנב׳עטע זאַכען, ווייל עס איז כמעט געווען אונמעגליך צו זעהען וואָס עס ליגט צווישען די קברים, סיידען מען האָט יעדען קבר און אַלסדינג אַרום דעם קבר גוט אונטערזוכט. דאָס איז אָבער נאָר געווען מעגליך אין דער צייט פון אַ לויה. די היטער פון געזעץ, די צוויי אַלטע סטראַזשניקעס און דער זשאַנדאַר זיינען געווען אַבערגלויביש און ווען זיי האָבען געדאַרפט געהען אויף דעם בית עולם מאַכען אַן אונטערזוכונג, האָ־בען זיי ניט געוואַגט צו פאַרקריעכען צו ווייט, ווען זיי האָבען ניט געזעהען פיעלע מענשען אויף דעם בית עולם, און דערפאַר האָבען זיי אין די מייסטע פעלע ווענייג וואָס אויסגעפונען, סיידען אַז די גנבים זיינען געווען אין גרויס אייליניש און האָבען די גע׳גנב׳עטע זאַכען אַוועקגעוואָרפען ביים אַריינגאַנג צו בית עולם, ניט ווייט פון הקדש. אָבער דאָס מאָל האָבען זיי געקראָגען אַ שטרענגען בעפעהל צו מאַכען אַ גרינדליכע אונטערזוכונג. די גנבה איז פּאַר־געקומען ביי איינעם פון די גבירים פון שטעדטעל, וועלכער איז געווען זעהר באַפריינדעט מיט דעם נאַטשאַלניק און ער, דער גביר האָט געקראָגען די פּאַר־זיכערונג, אַז אַלעס וועט געטאָן ווערען כדי צו געפינען די גע׳גנב׳טע סחורה, וואָס האָט אנגעטראָפען שעהנע עטליכע טויזענד רובעל.

ווען די לויה האָט זיך אויף דעם בית עולם אויפגעלעזט נאָכדעם ווי דער נפטר איז געלעגט געוואָרען צו זיין אייביגער רוה, זיינען נאָך פיעלע מענ־שען פאַרבליבען אויף דעם בית עולם. איינער איז געגאַנגען אויפזוכען דעם קבר פון אַ קרוב, אַן אַנדערער האָט זיך באַגוצט מיט דער געלעגענהייט צו פאַרגיסען אַ טרעהר אויף דעם קבר פון אַ פריינד און אַ דריטער האָט פאַרבראַכט אַ בי־סעל צייט לייענענדיג די נוסחאות פון די אַלטע מצבות. די צוויי סטראַזשניקעס און דער זשאַנדאַר זיינען געגאַנגען פון קבר צו קבר קריכענדיג דורך הויכע גראָזען און האַלטענדיג די אויגען געריכטעט אויף דער ערד. זיי זיינען גע־גאַנגען לאַנגזאַם און בעדאַכט אין דער האָפענונג, אַז אַט, אַט וועלען זיי געפי־נען וואָס זיי זוכען. אָבער זיי האָבען אַרומגעזוכט אַרום אונצעהליגע קברים און האָבען גאָר ניט געפונען.

זיי האָבען שוין געמאַכט פאַרבערייטונגען צו פאַרלאַזען דעם בית עולם, ווייל זיי האָבען איינגעזעהן, אַז זייער אַרבייט איז נוטצלאָז, ווען דער הויכער זשאַנדאַר האָט פּלוצלינג באַמערקט אַ באַוועגונג אין די הויכע גראַזען אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקעל פון בית עולם. ער האָט געגעבען אַ ווינק צו ביי־דע סטראַזשניקעס איהם נאָכצופאָלגען, און אַלע דריי האָבען זיך אַוועקגעלאָזען צו דעם קבר אַרום וועלכען דער זשאַנדאַר האָט באַמערקט געוויסע באַוועגונ־גען. אַלע דריי האָבען אנגעהויבען שנעל צו לויפען צו יענעם ווינקעל, אָבער, נאָך איידער זיי זיינען נאָך אָנגעקומען, האָבען זיי אַלע דריי געזעהן ווי עפּעס באַוועגט זיך זעהר שנעל און כאַפּט זיך אַוועק צו אַן אַנדער קבר. אַלע דריי האָבען געגלויבט אַז אַט זיינען זיי אויף דעם שפּור פון דעם גנב, וועלכער בע־האַלט זיך דאָ אויס פון זיי. און אַלע דריי האָבען פון דריי פאַרשידענע ריכ־

טונגען זיך א לאז געטאן צו דעם ווינקעל, ניט ווייט פון פארקאן, וואו דער ראַללענדער, זיך באוועגענדער געגענשטאנד אדער מענש איז שיינבאר גע־בליבען שטעהן. ווען זיי האבען געגלויבט, אז זיי זיינען שוין אויף דער שפור פון דעם גנב, האט זיך די באוועגונג פארטגעזעצט אין אן אנדער ריכטונג און די דריי האבען זיך ווידער גענומען יאגען. אינצווישען זיינען זיך די מענשען פון בית עולם צוגאנגען און ווען די דריי האבען אויפגעהוי־בען זייערע קעפ, האבען זיי זיך געפונען אליין אויף דעם בית עולם. געהן צוריק האבען זיי שוין ניט געקענט, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז זיי וועלען איצט געווים כאפען דעם גנב. זיי האבען ווייטער גענומען נאכשפירען און זיי האבען פלוצלינג דערהערט דאס טיעפע אטעמען פון א מענשען. אין איי־ניגע מינוטען זיינען זיי אלע דריי געשטאנען ארום זייער קרבן, א עלטע־רער מענש, וועלכער איז געלעגען אין גראז א פארמאטערטער און האט דעם אטעם ניט געקענט כאפען. איידער זיי האבען נאר צייט געהאט צו באמער־קען, ווער דער קרבן איז, און ווי ער זעהט אויס, האבען זיי איהם מכבד גע־ווען מיט קלעפ. זיי האבען איהם געבריקעט מיט זייערע שווערע שטיוועל, און באלד איז ער געווען א פארבלוטיגטער. ער האט ניט געשריען און ניט געוויינט, נאר טיעף געזיפצט. דאס האט זיי נאך מעהר פארדראסען און זיי האבען איהם נאך מעהר געשלאגען. ווען זיי זיינען שוין געווען פארמאטערט איהם שלאגענדיג, האבען זיי איהם אויפגעהויבען, די צוויי סטראזשניעס האבען איהם גענומען אונטער זייערע ארעמס און איהם געשלעפט. ער איז געווען האלב טויט. דער זשאנדאר האט ארויסגעצויגען זיין שווערד פון שייד און האט פון הינטען נאכגעפאלגט די צוויי סטראזשניקעס מיט דעם ארעסטאנט. ווען זיי זיינען מיט דעם ארעסטאנט ארויס אויפ'ן גאס איז געווארען א געלאף און ווייבער האבען אנגעהויבען וויינען און חלש'ן. זיי הא־בען געזעהן דעם ארעסטאנט א צובלוטיגטען און צושלאגענעם און האבען באלד דערקענט איטשע מאיר דעם מוכר ספרים. איידער די סטראזשניקעס און דער זשאנדאר זיינען אנגעקומען מיט דעם קרימינאלניק אין פאליציע, איז שוין די גאס, וואו די פאליציע האט זיך געפונען, געווען שווארץ מיט מענשען. אזא צוזאמענלויף האט נאך די שטעדטעל קיין מאהל ניט געזעהן. מען איז געשטאנען פאר דער פאליציע א קאפ אויף א קאפ. די ווייבער הא־בען געוויינט און דימענער האבען געזיפצט. אזא אונגליק, אזא אונגליק! הא־בען זיי גע'טענה'ט. א טשינאווניק איז באלד ארויס אויפ'ן גאס און געבעד־טען דעם עולם אז ער זאל זיך צוגעהן. ער האט די מענשען פארזיכערט, אז דער גנב וועט באשטראפט ווערען ווי עס געהער צו זיין. אבער די מענשען האבען איהם ניט געפאלגט און זיינען זיך ניט צוגאנגען, און ווען דער נאטשאלניק איז אנגעקומען איז ער געווען זעהר פארוואונדערט איבער דעם צוזאמענלויף. מען האט איהם געהאט אנגעזאגט, אז מען האט געכאפט דעם גנב און ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, פארוואס דאס שטעד־טעל איז דא געקומען זיך אננעהמען פאר א גנב. ער איז אריין אין פאליציי און האט זיך גלייך געלאזט פארפיהרען דעם פארברעכער.

ווען דער נאטשאלניק האט אנגעקוקט דעם ארעסטאנט, אז אלטען אי־דען מיט א לאנגער גרויער בארד און אנגעטאן אין צוריסענע בגדים, וואס זיינען געווען פארפלעקט פון בלוט, איז ער א ביסעל מבולבל געווארען. עס

האָט זיך איהם עפּעס ניט געוואָלט גלויבען, אַז דער אַלטער איד מיט דער לאַנגער גרויער באָרד איז אַ גנב. אָבער די צוויי סטראַזשניקעס און דער זשאַנדאַר האָבען איהם פאַרזיכערט, אַז ער איז דער גנב, וועלכער האָט זיך פון זיי אויסבעהאַלטען אויף דעם בית עולם. ווען ער וואָלט ניט געווען דער גנב, צו וואָס האָט ער זיך געדאַרפט בעהאַלטען פון די פּאָליציסטען? עהרליכע מענשען האָבען ניט קיין מורא פאַר אַ פּאָליציסט. דאָס איז געווען דער זיכערסטער באַווייז, אַז ער איז דער גנב וועמען די פּאָליציי האָט פאַר די לעצטע עטליכע טעג געזוכט.

דער נאַטשאַלניק האָט באַשלאָסען באַלד אויסצוגעפינען אום וואָס דא האַנדעלט זיך, און ער האָט גענומען איטשע מייער דעם מוכר ספרים אויף אַ פאַרהער. אָבער איטשע מייער האָט ניט געקענט קיין וואָרט רוסיש. דער נאַטשאַלניק האָט דערפאַר געבעטען דעם אַפּטייקער, אַז ער זאָל באַלד אַריבערקומען און איהם אַרויסהעלפען מי דער אונטערזוכונג פון דעם פאַרברעכער, וועמען די פּאָליציסטען האָבען אַקאָרשט געהאַט געכאַפּט. ווען דער אַפּטייקער, וועלכער האָט ניט געוואוינט ווייט פון דער פּאָליציע איז אַריבערגעקומען, האָט דער נאַטשאַלניק אָנגעהויבען אויספרעגען דעם אַרעסטאַנט:

— ווי הייסטו?

— איטשע מייער.

— ווי איז דיין פאַמיליען־נאָמען?

— פּיסנאַגי.

— ווי אַלט ביסטו?

— צוויי און זיבעציג יאָהר.

— וואָס איז דיין געשעפט?

— איך פאַרקויף ביכער.

— וויפיעל קינדער האָסטו?

— ניין.

— אַלע דערוואַקסענע?

— יאָ.

— ווי אָפט ביסטו שוין געזעסען אין טורמע?

— איך בין אין טורמע קיין מאָל ניט געזעסען.

— מען האָט דיר נאָך קיין מאָל ניט געכאַפּט גנב'ענען?

— ניין.

—דו האָסט מזל?

— ניין.

— אָבער מען האָט דיך נאָך קיין מאָל ניט געכאַפּט?

— איך האָב קיין מאָל ניט גע'גנב'עט.

— דאָס זאָגען אַלע גנבים.

— איך בין ניט קיין גנב.

— צו וואָס ביסטו געלאָפען ווען דו האָסט געזעהן די סטראַזשניקעס?

— ווייל איך האָב זיך דערשראָקען.

— פאַרוואָס האָסטו זיך דערשראָקען און ניט די אַנדערע מענשען אויף דעם בית עולם?

איטשע מאיר דער מוכר ספרים האָט געשוויגען.

דער נאַטשאַלניק האָט אָבער געוואָלט וויסן און האָט נאָך אַ מאָל געפרעגט אין אַ שטרענגען טאָן:

— פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן, ווען דו האָסט געזעהן די סטראַזשני־קעס?

— ווייל איך האָב זיך דערשראָקען.

— וואָס איז זיך צו שרעקען פאַר אַ סטראַזשניק ווען מען איז ניט קיין גנב?

— איך האָב זיך אַלע מאָל געשראָקען פאַר אַ סטראַזשניק.

— וואָרום?

— ווייל איך האָב ניט קיין פּאַספּאָרט.

— ביסטו ניט אַ היעגער?

— יאָ.

— טאָ פאַרוואָס האָרפסטו האָבען אַ פּאַספּאָרט?

— ווייל איך קען קיין פּאַספּאָרט ניט קריגען.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל איך בין נאָך פאַר דעם קייזער גאָר ניט געבאָרען געוואָרען.

— ביסטו אַ בראָדיאַגאַ?

— איך בין . . . ניט איינגעשריבען אין סקאַזקי.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל מיין טאַטע האָט ניט געוואָלט אַז איך זאָל געהן דיענען פינף און צוואַנציג יאָהר . . .

— האָסטו, הייסט עס ניט געדיענט דעם קייזער?

— איך האָב געדיענט גאָט.

— און דיינע קינדער האָבען אויך ניט געדיענט דעם קייזער?

— ניין.

— וויפיעל זיהן האָסטו?

— זעקס.

— קיינער פון זיי האָט ניט געדיענט?

— ניין.

— וואו זיינען דיינע זיהן?

— צוויי זיינען אויף דעם בית עולם און פיער אין אַמעריקאַ.

— דו האָסט ברידער?

— יאָ.

— זיי זיינען אויך בראָדיאַגעס?

— יאָ.

— און קיינער פון זיי האָט ניט קיין פּאַספּאָרט?

— ניין.

דערמיט האט זיך געענדיגט די אונטערזוכונג. דער נאטשאלניק איז געווען אין כעס, ענטוישט און אמוזירט. ער האט נאך א מאל גוט אנגעקוקט דעם ארעסטאנט און האט זיך ניט ווילענדיג צולאכט. איידער ער האט איטשע מאיר'ן באפרייט, האט ער איהם ארייננערוקט א גריוועניע אין האנד און איהם געהייסען געהן. איטשע מאיר איז געווען פריי, און דער גנב אויך.

נעקסטען שבת איז איטשע מאיר געקומען אין בית המדרש, האט גע־קראגען אן עליה און האט געבענטשט גומל און אלע אידען אין בית המדרש האבען איהם גראטולירט, וואס ער איז ניצול געווארען פון א סכנה . . . און דארף ניט געהן דיענען דעם קייזער . . .

דער ערפינדער און זיינע נייע בגדים.

אלחנן ארטשיק, דער ערפינדער איז געווען איינער פון די קלענסטע אידעלאך אין שטעדטעל. ער איז געווען כמעט אזוי קליין ווי חיים דער קארליק, אבער מען האט איהם ניט באטראכט אלס קארליק· ווייל ער האט ניט געהאט אזעלכע קורצע פינגער ווי א קארליק. דאן האט עס סתם ניט געפאסט אנצורופען אלחנן ארטשיק דעם ערפינדער מיט דעם נאמען קארליק. חיים דער קארליק איז געווען א קליין אידעלע אבער א גרויסער גראבער יונג בעת אלחנן ארטשיק דער ערפינדער איז געווען א איד מיט אלע מעלות. ערשטענס האט ער געקענט גוט לערנען און פאר איהם האבען די לומדים פון שטעדטעל געהאט דרך ארץ און מורא, דען ער האט זעהר פיעל געוואוסט און א סך געקענט. פון איהם האבען אלע געהאלטען אן עולם ומלואו· צווייטענס האט ער געקענט אויסווייניג אכט גראבע ווערטער-ביכער, דעם רוסישען, פוילישען, דייטשען, פראנצויזישען, ענג־לישען, איטאליענישען שפאנישען, לאטיינישען און גריכישען, און עס האט דערפאר געהייסען, אז ער האט געקענט אכט שפראכען א חוץ העברעאיש. ער איז אויך געווען דער איינציגער איד אין שטעדטעל, וועלכער האט זיך געקענט צוזאמענריידען מיט דעם קאטהוילישען גלח אויף ליטוויש. דאן האט ער אויך געקענט שפיעלען פיעדעל, און ער אליין האט זיך געהאלטען פאר א גרויסען שפיעלער. פון וואנען ער האט געקאנט שפיעלען די פיעדעל האט קיינער ניט געוואוסט. זיינע עלטערן האבען איהם געוויס ניט געגעבען קיין מוזיקאלישע ערציהונג, און די שטעדטעל האט ער אויך קיין מאל ניט פארלאזט. אבער אויף אלחנן ארטשיק דעם ערפינדער האט מען קיין קשיות ניט געדארפט פרעגען. ער איז געווען א קענער, און אלע ווייבער אין שטעדטעל האבען ארויסגעשטעלט אלחנן ארטשיק'ן אלס מוסטער פאר זייערע קינדער. ער איז קיין מאל ניט גע־ווען אין וואלאזשין און איז דאך געווען דער גרעסטער למדן אין שטעדטעל. ער איז קיין מאל ניט געגאנגען אין א קאנסערוואטאריע פון מוזיק און איז דאך גע־ווען א גרויסער מוזיקער און האט נאך דערצו געקענט א סך שפראכען. דאס איז אבער אלץ גאר ניט. אלחנן ארטשיק האט נאך געהאט אנדערע מעלות, וואס קיין אנדער איד אין שטעדטיל האט ניט געהאט. ער איז נאך געווען א נאטור־פארשער. ער האט געקענט פהיזיק און כעמיע, ער האט געקענט מאטהעמאטיק. און אלע האבען געוואוסט, אז א גרעסערער בעל חשבון ווי אלחנן ארטשיק איז גאר ניטא. ווען אין שטעדטעל איז אמאל געקומען א רב, וועלכער האט געמאכט א לוח פאר טויזענד יאהר און געהאלטען אין בית המדרש א דרשה איבער דעם עיבור, איז נאר געווען איין מענש, וועלכער האט איהם געקענט שטעלען פרא־גען, און דאס איז געווען אלחנן דער ערפינדער. ווען די חברה ש"ס האט געלערנט בבא בתרא און פיעלע פון די לומדים האבען ניט פארשטאנען די קעסטלאך און

די פיגורען פון די דפים ס"ב און ס"ג, איז געווען אלחנן ארטשיק בײ דער האנד זײ צו ערקלערען. עס איז פאר די לומדים אין שטעדטעל קײן ספק ניט געווען. אז אלחנן ארטשיק איז געווען א גדול אין חכמת השיעור· אזוי האט מען אין לומדישע קרײזען אנגערופען די געאמעטריע און אלע האבען אויך געוואוסט, אז אזוי ווי אלחנן ארטשיק איז פיזיש דער אונפעהיגסטער אין שטעדטעל, אזוי איז ער געווען גײסטיג דער פעהיגסטער. ער איז שוין אײן מאל געווען א איד מיט אלע מעלות, און איז נאך אפילו געווען א פרומער איד. אויף איהם וואלט מען ניט געהאט קײן פאראיבעל, ווען ער וואלט ניט געווען פרום, אבער ווי עס האט זיך געמאכט, איז ער געווען א זעהר פרומער איד. פון דעסטוועגען האבען איהם אלע גערופען אלחנן ארטשיק און ניט ר' אלחנן ארטשיק, ווײל ער איז געווען דער אײנציגער אלטער בחור אין שטעדטעל. א סך האבען איהם זאגאר געדוצט, אין בית המדרש איז ער אלע מאל געשטאנען אין א ווינקעלע און האט ניט געוואלט אז מען זאל איהם זעהן, ווײל זײענדיג א בחור, האט ער ניט געטראגען קײן טלית . . . און דאס האט איהם אינערליך טיעף געקרענקט. יעדער איד האט געטראגען א טלית אחוץ איהם . . . און אפט האט מען אויף איהם געטײטעלט מיט די פינגער. דער פאקט, וואס ער איז געווען א מושלם, האט איהם גערעטעט פון פיעלע אונאנגענעהמליכקײטען. פאר איהם האבען אלע געהאט גרויס דרך ארץ און מען האט איהם אפילו מוחל געווען, וואס ער איז געווען א קלײנינקער און א דארינקער און סתם א פארזעהעניש. אפילו די אינגלאך האבען איהם ניט געוואגט צו טשעפען אדער צו באלײדיגען און האבען פאר איהם ניט געהאט קײן צונאמען, ווי זײ האבען געהאט פאר יעדען אנדערען, וועלכער איז געווען א בעל מום אדער א קארליק אדער סתם ניט קײן געראטענער מענש.

אלחנן ארטשיק האט געהאט די געלעגענהײט צו זײן א גביר און שפילען א גרויסע ראלע, אבער ער האט דיזע געלעגענהײטען שטענדיג פארלאזט. כאטש עס איז ניט געווען זײן שולד· ער איז ניט געווען גליקליך אין אויסקלײבען פון זײנע עלטערען. אנשטאט צו ווערען געבארען אלס זוהן פון נחמן דעם פישער, האט ער דאך געקענט געבארען ווערען אלס זוהן פון באראן ראטהשילד אדער כאטש פון דעם גביר אין שטעדטעל, אבער ער האט דאס ניט געטאן, ער איז געבארען געווארען אלס דער זוהן פון א גרויסען קבצן, און זײן קבצנות איז איהם געקומען בירושה. זײן טאטע נחמן דער פישער איז געווען א געוואלדיגער קבצן, אבער א גרויסער למדן און ירא שמים. זײן זײדע איז געווען דער דײן אין שטעדטעל און אויך א געוואלטיגער למדן און אזוי פאר פיעלע דורות... אבער זײן טאטע, זײדע, עלטער־זײדע, כאטש זײ האבען ניט געקענט רײדען אכט שפראכען א חוץ ליטוויש און העברעאיש, און כאטש זײ האבען ניט געקענט שפיעלען די פידעל און האבען ניט געהאט קײן ידיעות אין חכמת השיעור און האבען גאר ניט געוואוסט פון פיזיק און כעמיע, האבען אבער אלע געהאט מענשליכע געשטאלטען. זײ זײנען ניט געווען קײן פארשוינען אבער פארזעהענישען זײנען זײ אויך ניט געווען. אלחנן ארטשיק איז אבער געווען א שרעקליכע פארזעהעניש· ער האט אויסגעזעהן ווי א מיאוסער געגעץ פון נעכטען. ער איז געווען אזוי קלײן, אז ער האט געקענט געהן אונטער'ן טיש טאנצען, און ער וואלט אויסגעזעהן ווי א אינגעלע פון פינף יאהר, ווען ניט זײן לאנגע קאפאטע און זײן שפיטציג בערדעלע, וואס האט געהאט פארשידענע פארבען...

זי איז מסתמא אמאל געווען געלבלאך און איז שפּעטער געוועזן גרוי און זי האט געהאט אלע פארבען פון געל ביז גרוי, ווען אלחנן ארטשיק וואלט ניט געווען אזא פארזעהעניש, וואלט ער מסתמא געווארען דער איידים פון א זעהר רייכען שווער, ער וואלט שטודירט אין אוניווערזיטעטען און מיט איהם וואלט געקלונגען א וועלט. צו אלע צרות האט ער נאך געשטאמעלט· איידער ער האט ארויסגעקראגען א ווארט פון מויל, איז זיין בלאסער פנים געווארען רויט און זיינע קליינע אויגעלאך זיינען ארויסגעקראכען פון זייערע לעכער . . . ער אליין האט דאס געהאלטען פאר א גליק, ווייל ער האט שטענדיג געגלויבט, אז ווען ניט זיין שטאמלען, וואלט מען איהם אפּגעגעבען פאר א זעלנער. ער האט מסתמא ניט געוואוסט, אז א זעלנער דארף האבען וויינינגסטענס די פאדערשטע ציינער און ער האט זיי ניט געהאט. ער האט אויך פארגעסען אז ער איז געווען א נעלם און אז פאר דעם קייזער איז ער נאך גאר ניט געבארען געווארען, כאטש ער איז שוין באלד געווען פופציג יאהר אלט. דאן האט ער ניט געוואוסט אז אין קייזער'ס ארמעע זיינען ניטא קיין קארליקעס. אזוי ווי א באשטימטע פּראפעסיע האט ער אויך ניט געהאט, האבען זיך די מיידלאך פון שטעדטעל אין איהם ניט פארליעבט און זיי זיינען אויך ניט געווען אינטערעסירט צו ווערען זיין פרוי. דערפאר איז ער געבליבען אן אלטער בחור· די איינגערע מענשען אין שטעדטעל האבען געגלויבט, אז ער איז אן אלמן אדער אן אלטער גרוש. און ער האט געוואלט אז מען זאל דאס גלויבען. עס איז איהם גאר ניט געווען צום הארצען, ווען בינע דער בעל עגלה האט איהם גערופען ארקע און איהם געדוטצט, אדער ווען נאטע דער קצב האט איהם געזאגט דו· ווען ער וואלט געווען א בעל הבית'ל וואלט קיינער ניט געוואגט איהם צו זאגען דו..

נור ווייניגע מענשען אין שטעדטעל האבען געוואוסט, ווי אלחנן ארטשיק איז זיך מפרנס· א פּראפעסיע האט ער ניט געהאט, א מלמד אדער א לעהרער איז ער אויך ניט געווען. ווייל ער האט עס צוליעב זיין שטאמלען ניט געקענט זיין. א ירושה פון טאטען האט ער אויך ניט געקראגען און קרובים אין אמעריקא האט ער ניט געהאט, אבער אויף אזעלכע אידען ווי אלחנן ארטשיק פרעגט מען קיין קשיות ניט. ער איז ניט געשטארבען פאר הונגער און ניט געגאנגען אפּגעריסען. פארקעהרט, ער איז שטענדיג געווען זויבער געקליידעט. נור פון זיינע געלאטעטע שיך האט מען געקענט זעהן, אז ער איז ניט קיין קליינער קבצן . . . אבער וואו האט ער גענומען פאר דירה־געלד, און פאר קליינע הוצאות ? די מוהמע זלאטע האט איהם געגעבען· די מוהמע זלאטע איז געווען אן אלמנה און האט געהאט א טאכטער אן אלמנה. ביי דער מוהמע זלאטע האט ער געוואוינט, ביי איהר האט ער געגעסען און זי האט איהם פארזארגט מיט דעם וויינינגען וואס ער האט געדארפט, און ער האט ניט געדארפט זעהר פיעל. אלחנן ארטשיק האט געקענט טראגען א קאפּאטע דריי יאהר און זי זאל אויסזעהן ווי ניי. ער האט געקענט אפּטראגען א פּאאר שטיוועל פינף יאהר, און א היטעל צעהן יאהר. ער האט זיינע בגדים געשוינט, און זיינע שטיוועל זיינען שטענדיג געווען געפּוצט. די מוהמע זלאטע האט געהאפט, אז ווען איהר טאכטער די אלמנה, וועט ווערען א ביסעלע עלטער, און וועט מעהר ניט טראכטען פון נארישקייטען, וועט זי אפשר זיין וויליג צו ווערן אלחנן ארטשיק'ס. זי האט דערפון קיין מאהל ניט גערעדט, אבער זי האט דערפון אפט געטראכט. און דערפאר האט זי איהר פלימעניק שטארק מקרב געווען. זי איז אליין אויך

ניט געווען רייך, אבער זי האט געהאט געגוג צום לעבען. קינדער אין אמעריקא האבען איהר געשיקט גענוג געלד. זי האט נאך געהאט עטליכע קאפיקעס אין זאק, און ווען אלחנן ארטשיק האט געדארפט האבען עטליכע קאפיקעס, האט זי איהם ניט געזשאלעוועט.

אלחנן ארטשיק אליין האט זיך געהאלטען פאר א מיליאנער. אמת ער האט די מיליאנען ניט געהאט, אבער ער האט געוואוסט, אז זיי זיינען דא און אז זייווארטען אויף איהם. ביי א געלעגענהייט וועלען זיי צו איהם קומען. ער איז געווען זיכער אז זיי וועלען צו איהם קומען. ווייל ער איז געווען באשעפטיגט מיט ערפינדונגען, פון וועלכע ער האט געגלויבט, אז סוף כל סוף וועלען זיי ניט נור איהם אליין רייך מאכען, נאר זיי וועלען אויך די שטעדטעל רייך מאכען. ער האט שוין געמאכט עטליכע קלענערע ערפינדונגען, וואס האבען זיך איהם איינגעגעבען, נאר פארווענדען האט ער זיי ניט געקענט. אין שטעדטעל האט קיינער זיינע ערפינדונגען ניט געדארפט. ער האט אבער געטראכט, אז ווען ער וועט פארענדיגען א גרעסערע ערפינדונג, וועט ער אריינפאהרען אין פרייסען אדער ער וועט אוועקפאהרען אין ווילנא, ווארשא אדער אדעס און דארט וועט ער שוין קומען אין פארבינדונג מיט די ריכטיגע פערזאנען. וועלכע וועלען איהם בעסער פארשטעהן און וועלען זיינע ערפינדונגען פארווערטען און איהם גוט באצאהלען. ער האט זיך ניט געאיילט דאס צו טאן. ווייל ער האט ניט געליטען קיין נויט, דאן איז ער אבער איבערהויפט געווען א לאנגזאמער מענש. ער האט נאר געקענט שנעל דענקען. אין זיינע פיזישע באוועגונגען איז ער געווען זעהר לאנגזאם און האט זיך שטענדיג גענומען צייט. וואס מען טהוט אין האסט און אימפעט טויג ניט, האט ער געזאגט. פון זיינע ערפינדונגען האבען נור א פאאר מענשען אין שטעדטעל געוואוסט. דער פעלדשער, דער אפטייקער, דער זוהן פון רב, וועלכער איז געווען אין שטעדטעל פערהאסט, ווייל ער האט אפילו שבת גערעדט רוסיש, און נאך עטליכע קאפמענשען. זיי אלע האבען געגלויבט, אז אלחנן ארטשיק וועט נאך אמאל מאכען גרויסע ערפינדונגען וואס וועלען איהם ברענגען פיעל עשירות, זיי זיינען אלע געווען איבערציינגט, אז פון זיינע ארבייט וועט עפעס אמאל ארויסקומען א זאך מיט וואס עס וועט קלינגען די וועלט.

פאר פיעלע יאהרען האט זיך אלחנן ארטשיק אפגעגעבען מיט קלייניגקייטען. ער האט ערפונדען א שטיקעל מאכערייקע צו לייצעס פון שיך, וואס ציהען זיך אליין צו און מען דארף זיך ניט איינבויגען די לייצעס צו פארציהען. ער האט אויך ערפונדען א מין געטראנק, וואס האט געהאט א טעם פון וויין און עס איז ניט געווען קיין וויין. פאר די לעצטע פינף זעקס יאהר איז ער געווען באשעפטיגט מיט א גרויסער ערפינדונג, וואס האט געדארפט זיין פאר דעם גרעסטען נוטצען פאר די פויערים. ער האט געגלויבט אין זיין ערפינדונג. א מין נייעם אקער־אייזען, וואס וועט שפארען די פויערים א סך ארבייט און וועט מאכען די ערד פרוכטבארער. ער האט זעהר פיעל געארבייט אויף דיזער ערפינדונג, און די ארבייט איז לרוב געווען קאפ־ארבייט. ער האט אין שטעדטעל ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו מעסטען, צו פרובירען, צו עקספערעמענטירען. דער איינציגער ווער עם האט איהם געקענט באהילפיג זיין אין אויסארבייטען, איז געווען קלמן דער שמיעד. ער האט איהם געמאכט קליינע, קונ־

צינג טשוועקעלאך, און אלערליי שרייפעלאך און אזוי ווייטער, און אלחנן ארט־שיק האט פארבראכט פיעל צייט אין קוזשניע. נאר קלמן דער שמיעד איז גע־ווען א מלך אביון און האט איהם ניט געקענט אפגעבען פיעל צייט. באצאהלען פאר זיין ארבייט האט איהם אלחנן ארטשיק ניט געקענט, און ווען א בעל עגלה איז אנגעקומען מיט א פערד און האט פארלאנגט אז קלמן דער שמיעד זאל דעם פערד ארויפקלאפען א פאאר נייע פאדקאוועס, האט ער געמוזט אוועק־לעגען די ארבייט פאר אלחנן ארטשיק און נעהמען שמיעדען א פאטקאווע. עס איז אפט פארגעקומען, אז אלחנן ארטשיק האט פארבראכט א גאנצען טאג, ארום קוזשניע און קלמן האט פאר איהם גאר ניט געקענט טאן. אבער ער האט געהאט גערולד און געווארט. ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. דערפאר איז אלחנן ארטשיק'ס ארבייט צוגעגאנגען אזוי לאנגזאם. אין די פרייע שטונדען ווען ער האט ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו מעסטען און אויסצופרובירען, פלעגט ער זיטצען און רעכענען. די רעכענונג האט קיינער ניט געקענט פארשטעהן אויסער איהם. אויף א קליינע שטיקעל פאפיער זיינען געווען אנגעווארפען אונצעהליגע צאהלען און געאמעטרישע פיגורען און אלער־ליי צייכנונגען. יעדע שטיקעלע פאפיער וואס איז געווען אזוי פארשריבען מיט צאהלען און פיגורען און צייכנונגען האט ער געהאלטען איינגעוויקעלט, אזוי ווי א קארגער ישוב'ניק האלט איינגעוויקעלט זיינע בומאזשקעס. זיי זיינען פאר איהם געווען אוצרות. פאר איהם איז געווען קלאהר, אז דיזע פארשריבע־נע פאפיערלאך וועלען אמאל — ווען גאט וועט העלפען, האבען דעם ווערט פון בומאזשקעס...

אלחנן ארטשיק האט יאהרען לאנג געארבייט אויף זיין ערפינדונג. יע־דע פרייע שטונדע האט ער אפגעגעבען צו רעכענען און צו שטעהן אין קוזשנע, און ער האט געהאט א סך פרייע שטונדען. אין בית המדרש איז ער נאר געזע־סען ביז אזייגער עלף און געלערנט· פון עלף אזייגער ביז מעריב צייט איז ער געווען א פרייער מאן.

אלחנן ארטשיק איז אלט געווארען פופציג יאהר. פון וויטען האט ער אויסגעזעהן ווי א מענשעלע פון דרייסיג, ווייל ער איז געווען א קליינינקער און א דארינקער און האט געהאט א יונגען, רונדען פנים. אלס א איד פון פופ־ציג יאהר האט ער שוין געוואוסט, אז ער וועט מעהר ניט חתונה האבען, און ער האט שוין גאר ניט געטראכט פון חתונה האבען. ער האט נור געטראכט פון איין זאך . . . פון זיין גרויסער ערפינדונג. עס האט זיך איהם קיין מאל ניט גע'חלומט, אז ער וועט נאך ווען עס איז זוכען א ווייב אדער ער וועט נאך אמאל שטעהן אין שידוכים. ניט ער האט געוואלט חתונה האבען, ניט ער האט גע־טראכט פון חתונה האבען. ער האט געוואוסט, אז א לייטישע פרוי וועט ער ניט קריגען און סתם א פארזעהעניש האט ער ניט געוואלט. און אפילו ווען ער וואלט געקענט קריגען א לייטישע פרוי, וואלט ער אפשר אויך ניט געטראכט פון חתונה האבען. ער האט געוואוסט, אז דער טאג וועט נאך קומען, ווען ער וועט האבען מיליאנען, אבער די ווייב קען ניט זאט ווערען פון האפנונגען. זי מוז יעדען טאג האבען אויף דער הוצאה, און דאס האט ער א פרוי ניט געקענט געבען. ער האט אויך געוואוסט, אז עס זיינען פאראן געוויסע מענשען, וועלכע טארען גאר ניט חתונה האבען, ווייל זיי האבען גרעסערע אויפגאבען אין לעבען.

ווי ערציהען א פאמיליע און ער האט זיך געהאלטען פאר איינעם פון יענע מענ־שען.

אבער א מענש דענקט און גאט לענקט. דעם אלטען, קליינינקען און דארינקער אלחנן ארטשיק אי״ז נאך געווען באשערט צו שטעהן אין שידוכים און זוכען א ווייב, ווייל עס איז אזוי אויסגעקומען, אז אהן א ווייב האט ער זיינע ערפינדונגען ניט געקענט פארענדיגען, און נאך זיין פופציג יעהריגען געבורטס־טאג, וואס ער האט געפייערט מיט זאגען א הדרן פאר די חברה ש״ס, האט ער געמוזט אנהויבען ראמאנסירען און טראכטען פון וואס ער האט אין זיין לעבען ווייניג וואס געטראכט, פון פרויען און ניט אזוי פון פרויען, ווי פון א נדן . . .

אלחנן ארטשיק האט זיך ארומגעזעהן, אז קלמן דער שמיעד וועט איהם ניט העלפען און אז די רעכעננונג וואס ער מאכט אויף שטיקלאך פאפיער וועלען איהם אויך ניט העלפען דורכפיהרען זיינע פלענער בנוגע זיינע ער־פינדונג, און אז ער מוז אריינפאהרען אין א גרויסע שטאדט אין רוסלאנד אדער אין דיישלאנד, און מוז זיך דארטען זעטצען אין פארבינדונג מיט אינשיניערען. מוז געהן אין א לאבאראטאריע מאכען עקספערימענטען און מוז ווערען טהע־טיג אויף א ריכטיגען שטייגער כדי צו דערגרייכען זיין ציעל. איצט האבען זיך ערשט אנגעהויבען זיינע זארגען. פאהרען קאסט געלד, זיך אויפצוהאלטען אין א גרויסער שטאדט קאסט אויך געלד, און ווען מען וויל פאהרען אין א גרויסען שטאדט און קומען אין באריהרונג מיט אינזשיניערען און פאבריקאנ־טען, מוז מען האבען בגדים. בגדים מאכען לייט. ער האט אבער ניט געהאט קיין געלד און ניט געהאט קיין בגדים און ער האט ניט געהאט קיין רייכע קרובים, אדער סתם רייכע פריינד וועלכע זאלען זיין וויליג איהם ארויסצו־העלפען אין זיין נויט. זלאטע די פישערקע האט ניט געהאט קיין געלד, וויפיעל ער האט נעדארפט. זי וואלט איהם געקענט ארויסהעלפען מיט עטליכע רובעל, און דאס איז געווען ווי א טראפען אין ים. אלחנן ארטשיק האט געדארפט הא־בען הונדערטע רובעלס, און וואו זיי צו נעהמען האט ער ניט געוואוסט. ער האט אפט נאכגעטראכט איבער זיין לאגע און איבער זיין פינסטערן שיקזאל. ער האט אפט געפרעגט פארוואס די השגחה איז אזוי שלעכט און גרויזאם צו אים. דאכט זיך ער איז דאך אן עהרליכער איד, א איד וואס לערנט, א מוקיר רבנן, און טהוט אלסדינג וואס גאט הייסט, און דאך דארף ער אזוי פיעל ליידען. ער האט זיך א ביסעל פארטראכט איבער די אלטע פראגע ״צדיק ורע לו ורשע וטוב לו״ און איז געקומען צום באשלוס אז מען דארף די השגחה ניט באשולדיגען אין עולות, ווייל זי גיט אלע מענשען גלייכע מעגליכקייט צו געניסען אל־דאס־גוטעס אין לעבען, דען אלע מענשען האבען הענט צו ארבייטען, פיס זיך צו באוועגען, צינגער צו ריידען און אויערן צו הערען, און עס איז ניט איהר שולד פארוואס מענשען באנוטצען זיך ניט מיט זייערע פעהיגקייטען און וואס איז נוגע איהם אליין האט ער געמוזט מודה זיין אז ער, אנשטאט צו פארברענגען זיין יוגענד און די בעסטע יאהרען פון זיין לעבען אין שטעדטעל, האט ער שוין לאנג געדארפט זיין אין א גרויסער שטאדט. דארטען וואלט ער געווים געקומען צו א תכלית, און עס איז דערפאר ניט קיינעמס שולד ווען ער איז איצט אין אזא

טרויעריגער לאגע. ווען ער וואלט אין זיין יוגענד ניט געווען פויל, וואלט ער איצט געווען א גאנץ אנדערער מענש.

אבער דיזע צופריעדענהייט מיט דער השגחה האט ניט פארענט־פערט זיין פראגע, וואו נעהמט מען א פּאַאר קערבּלאך זיך צו קויפען נייע בגדים און זיין ביכולת ארייגצופאהרען אין א גרויסער שטאדט אין דייטשלאנד אדער אין רוסלאנד און דארטען עפּעס טאן פאר זיין ערפינדונג. ער האט פיעל געטראכט און שפּעקולירט, און נאך א מאל געטראכט און זיך נאך א מאל גע־פרעגט און האט זיך קיין ענטפער ניט געקענט געבען. ענדליך איז ער — אין א מאמענט פון פארצווייפלונג — געקומען אויף א טייערען איינפאל. איך וועל חתונה האבען און חתונה האבען מיינט נדן און נדן מיינט געלד, און ווען איך וועל האבען געלד וועט מיר זיין גוט ווי די וועלט, און אויף דיזען אופן איז אלחנן ארטשיק ווידער געקומען אין שידוכים. דער אמת איז, אז ער איז ניט געקומען אין שידוכים, נאר אז ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער שטעהט אין שידוכים· ער אליין האט גערעדט צו שדכנים און זיי האבען איהם געגעבען קליי־נע האפנונגען. קיין שדכן האט איהם ניט געוואלט באליידיגען, ווייל ער איז געווען א גרויסער בן תורה, אבער אלע האבען איהם געגעבען אויסווייכענדע ענטפערס אויף זיין פראגע: „וואו נעהמט מען עפּעס א מיידעל, א גרושה אדער אן אלמנה וואס איז רייך, שעהן געבילדעט, קלוג און געזונד און א גרויסע יחסנ׳טע? מעהר ווי דאס האט אלחנן ארטשיק ניט פארלאנגט, און דיזער פאר־לאנג איז געווען זעהר שווער צו ערפילען.

אין שטאדט זיינען געווען א סך מיידלאך וועלכע האבען געווארט אויף א חתן, ווי א אידווארט אויף משיח׳ן. עס זיינען געווען יונגע און שעה־נע מיידלאך, וועלכע האבען ניט געהאט קיין נדן. עס זיינען געווען עלטערע און מיאוסע מיידלאך, וועלכע האבען געהאט א סך נדן, זעקס און אכט הונדערט רובעל, און עס זיינען געווען עטליכע אלמנות אין הייראטס־פעהיגען עלטער און עטליכע גרושות, וועלכע האבען געווארט אויף א באשערטען, אבער קיינע פן זיי וואלט ניט גענומען אלחנן ארטשיק פאר א מאן. ווען איינע פון זיי וואלט איהם געוואלט נעהמען פאר א מאן, וואלט זי איהם גענומען ווען ער איז געווען צוואנציג יאהר אלט· איצט איז ער שוין געווען א בן חמשים, און עס איז גע־ווים ניט צו ערווארטען, אז ער זאל איצט קריגען א כלה מיט נדן, און א כלה אהן נדן האט ער ניט געוואלט, ווייל ער איז גאר ניט אזוי אויסען געווען די כלה ווי ער איז אויסען געווען דעם נדן. עס איז נור געווען איין מיידעל אין שטאדט וועלכע איז אויך איצט געווען באדייט צו ווערען זיין כלה און דאס איז געווען שפרינצע די שטומע, א מיידעל פון א יאהר פערציג, וועלכע איז געווען א שטו־מע און א גרויסע מיאוסקייט. זי האט אבער ניט געהאט קיין נדן. אלסדינג וואס איהר טאטע, אן ארימער בעל עגלה האט געוואלט און געקענט פאר איהר טאן, איז געבען א וועקסעל אויף הונדערט רובעל און א יאהר ארימע קעסט. דאס איז אויך געווען זעהר צווייפעלהאפט, ווייל ער האט אפט אליין ניט גע־האט וואס צו עסען און שפּרינצע האט געמוזט געהן וואשען וועש כדי ארויס־צוהעלפען דעם טאטען מיט דרייסיג קאפּיקעס א טאג. אלחנן ארטשיק האט זיך אבער פארט געהאלטען פאר א מאן, וועלכער שטעהט אין שידוכים און צייט עס איז איהם אריין דער געדאנק אין קאפּ, אז ער שטעהט אין שידוכים,

האט ער זיך גענומען פיהלען פיעל אינגער און האט אנגעהויבען א ביסעל פראנטעווען. ער איז געגאנגען אין דער וואכען אין זיינע שבת'דיגע בגדים. מען האט איהם אפט געזעהן ביים צירולניק, זיינע שיך זיינען שטענדיג גע־ ווען געפוטצט און זיין קראגען איז ניט געווען געל נאר ווייס. א קליינינקייט א חתן בחור. אבער א כלה האט ער אלץ ניט געהאט. זיין מוהמע זלאטע האט איהם געגעבען די עצה טובה אריינצופאהרען אין דערבייאיגע שטעדטלאך און דארטען זוכען א כלה. עס קען זיין, אז אין אן אנדער שטעדטעל וועט ער הא־ בען מעהר מזל. זי האט איהם געגעבען עטליכע רובעל אריינצופאהרען אויף א שבת אין פילווישאק, און כאטש זי האט אין הארצען ניט געוואלט, אז ער זאל קריגען א כלה, ווייל זי האט געהאפט, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער ווערען איהר איידים, האט זי איהם געמוזט העלפען זוכען א כלה· ער פלעגט קומען צו איהר מיט אלערליי פראגען, ער איז געקומען בעטען אן עצה און זי האט זיך ניט געקענט העלפען. זי האט געמוזט מאכען דעם אנשטעל, ווי זי העלפט איהם דערגרייכען זיין ציעל. ער איז ארומגעפאהרען אין דערבייאיגע שטעדטלאך, האט זיך דארטען גוט ארומגעקוקט און האט גאר ניט געזעהן, ענטוועדער די מיידלאך מיט נדן האבען שוין געהאט חתנים, אדער זיי האבען נאך ניט געהאט קיין חתנים און האבען איהם אויך ניט געוואלט האבען פאר א חתן, אדער זיי האבען ניט געהאט קיין נדן און ער האט זיי ניט געוואלט פאר א כלה, און עס קען זיין, אז זיי וואלטען איהם אויך ניט געוואלט אפילו אהן נדן. אזוי האט אלחנן ארטשיק פארבראכט שעהנע עטליכע חדשים אין זוכען א כלה און האט זי ניט געפונען און איז געווען זעהר טרויעריג.

ווען ער האט געזעהן, אז זיין זוכען און פרעגען ווען איהם גאר ניט העלפען איז ער ווידער צוגעגאנגען צו דער מוהמע און איהר געפרעגט אן עצה. די מוהמע זלאטע איז געווען א קלוגע אידענע און צו דעם האט זי סתם ליעב געהאט צו געבען עצות, אזוי ווי אלע אידענעס. זי האט איהם געגעבען אן עצה אז ער זאל ניט זוכען קיין כלה נאר אז ער זאל זוכען געלד, כדי צו קענען קומען צו זיין ציעל. ווען ער וועט קומען צו זיין ציעל וועט ער דאך זיין א רייכער מאן און א רייכער מאן קען אלע מאל קריגען א כלה. אבער ווי צו קריגען געלד האט זי איהם ניט געזאגט. אזוי איז אלחנן ארטשיק געווארען אוים חתן און ווידער אן אלטער בחור, האט אויסגעטאן זיין שבת'דיגע בגדים, האט אויפגעהערט צו פוטצען אלע טאג זיינע שיך, האט ווידער אנגעטאן דעם אלטען געלען גומענעם קראגען און איז ווידער געווארען, וואס ער איז געווען פריהער. אבער ער איז אויך א ביסעל פארעלטערט געווארען. זיינע האאר זיינען געווארען גרויער ווי זיי זיינען נאך געווען מיט א פאאר חדשים צוריק, די הויט פון זיין פנים איז געווארען א ביסעל מעהר צוקארטשעט און ער האט אין גאנצען אויסגעזעהן ווי א פראגעצייכען. ער איז אין א פאאר חדשים שטארק פארעלטערט געווארען· ער האט אבער ניט אויפגעגעבען די האפנונג, אז פריהער אדער שפעטער וועט ער קריגען געלד, נייע בגדים און אלסדינג, וואס עס איז נויטיג פאר זיין נסיעה. ער האט זיך אבער דערמאהנט, אז אפילו ווען ער זאל האבען געלד און בגדים, וועט ער נאך אלץ ניט קענען ארויספאהרען פון שטעדטעל, ווייל ער איז ניט געווען קיין נכתב און פאר דעם קייזער און זיינע טשינאווניקעס איז ער נאך גאר ניט געבארען געווארען. וויסענדיג אז נאך פופציג יאהר וועט מען איהם

שוין ניט טשעפּען, ווייל דער קייזער דאַרף ניט קיין זקנים אין זיין אַרמעע. האָט ער זיך גענומען די העזה אַריינצוטעהן אין סקאַזקי און זיך לאָזען פאַר־שרייבען אַלס טרייער אונטערטאַן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען. אַזוי לייכט איז איהם דאָס ניט אָנגעקומען. ער האָט געמוזט אַריינשיקען אַ פּראָשעניע צום בירגערמייסטער, ער האָט געמוזט ברענגען עדות, אַז דאָס איז ער און ניט קיין אַנדערער און אַז ער איז ווירקליך געבאָרען געוואָרען און דוקא אין שטעדטעל, און אַז ער איז ניט יינגער ווי פופציג יאָהר. דאָס איז איהם אָבער אַלעס גע־לונגען, און ער האָט געהאַט די זיכערהייט, אַז ווען ער וועט האָבען געלד און נייע בגדים, וועט ער אויך קריגען אַ פּאַס און וועט קענען פאָהרען ניט ווי אַ נעלם, וועלכער דאַרף צי־טערען פאַר זיין שאָטען נאָר ווי אַ נכתב מיט אַלע פּראַוועס. דאָס איז אויך פאַר איהם געווען אַ גרויסער טרייסט און דיזער טרייסט האָט איהם געגעבען מוט ווייטער צו אַרבייטען פאַר זיינע אַנדערע אויפגאַבען. איצט איז זיין בטחון געוואָרען אַ ביסעלע שטאַרקער, און ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט — פון טראַכטען און חלומ׳ען פון געלד און נייע בגדים.

די גאַנצע פראַגע האָט זיך פאַר אַלחנן אַרטשיק איצט צוגעשפּיצט: ווי און וואו נעהמט מען אַ נייעם אַנצוג, אַ פּאָאַר נייע שיך און אַ נייעם מאַנ־טעל? אַלחנן אַרטשיק האָט געקענט אַלע שניט־קרעמער אין שטעדטעל און איז אויך געווען באַקאַנט מיט די שניידערס, פון וועלכע איינינגע זיינען געווען גרויסע לומדים. אַלחנן אַרטשיק האָט זיך געטראַכט, אַז אַזוי ווי קליידער מאַ־כען לייט, וועט איהם אויך זיין לייכטער צו קריגען געלד, ווען ער וועט האָבען פיינע בגדים, און ער האָט פון איצט אָן אַוועקגעלעגט אַלע כחות אויף די איין איינציגע פראַגע: נייע און פיינע בגדים. עס איז איהם פאָרגעקומען, אַז דיזע פראַגע דאַרף ניט זיין גאָר שווער צו פאַרענטפערען. וועלכער פון די באַקאַנטע שניט־קרעמער וועט איהם דאָס ניט פאַרקויפען אַ שטיקעל סחורה אויף באָרג? און ווען ער וועט נאָר האָבען די צייג, וועט איהם שוין ניט זיין שווער צו קרי־גען אַ שניידער, וועלכער זאָל איהם אויפנעהען דעם אַנצוג און דעם מאַנטעל אויף באָרג. ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז ער וועט באַלד האָבען גענוג געלד צו באַצאָהלען דעם שניט־קרעמער און דעם שניידער. ער האָט ביי זיך איבער־היפּט געהאַט פיעל קרעדיט· ער האָט פון זיך געהאַלטען, ווייל ער האָט ביי זיך אַליין געהאַט קרעדיט, און ער האָט פון קיינעם ניט געהאַלטען, וועלכער האָט ביי זיך אַליין ניט קיין קרעדיט. ער האָט צוזאַמענגעבונדען קרעדיט מיט בטחון, און אויב גאָט וועט העלפען, פאַרוואָס זאָל אַ מענש ביי זיך אַליין קיין קרעדיט ניט האָבען, ספּעציעל ווען מען האָט נאָך גרויסע פּלענער, וועלכע מו־זען פאַרווירקליכט ווערען, און מוזען אַריינברענגען פיעל געלד. און ווען מען האָט ביי זיך אַליין קרעדיט מוז מען אויך ביי דעם אַנדערען האָבען קרעדיט, און די בעסטע גרונדלאַגע פאַר קרעדיט וואָס מען גיט אַ מענשען, איז דער פאַקט, וואָס דער מענש האָט קרעדיט ביי זיך אַליין. אַ מענש וועלכער גלויבט ניט אין זיך אַליין, פאַרדיענט ניט אַז אַנדערע זאָלען אין איהם גלויבען און זאָלען איהם געבען קרעדיט, האָט אַלחנן אַרטשיק פילאָזאָפירט.

מיט דיזער פילאָזאָפיע איז ער אַריין צו יחזקאל אוריזאָן אין שניט־געשעפט און האָט זיך אָנגעהויבען אויסזוכען צייג פאַר אַ מאַנטעל און פאַר אַן

אַנצוג . . . ער האט ניט לאַנג געזוכט און האט באַלד געפונען, וואס ער האט געוואלט. ער האט ר' יחזקאל'ן געפרעגט וויפיעל איילען סחורה ער דאַרף האָ־בען פאר אן אַנצוג, און וויפיעל פאר א מאנטעל און האט באלד געקראגען א גענויע תשובה. ווען מען איז איינינג געווארען איבער דעם פרייז, וואס האט באַטראָפען פאר ביידע שטיקלאך סחורה ארום דרייסיג רובעל, האט דער קרע־מער אנגעהויבען אפשניידען די סחורה און בעת ער איז נאך געווען באַשעפ־טיגט מיט דעם שניידען פון דער סחורה, האט איהם אלחנן ארטשיק געזאגט. אַז אזוי באלד ווי ער וועט אין קעניגסבערג אדער אין ווארשע געפינען א בעלן אויף זיין ערפינדונג, וועט ער איהם אפצאהלען מיט דעם גרעסטען דאנק. ער וועט ניט חס וחלילה פארליערען קיין קאפיקע. ר' יחזקאל האט זיך צוגעהערט און האט אויפגעהערט שניידען די סחורה. ער האט אלחנן ארטשיק'ן ער־קלערט אז ער קען קיינעם ניט בארגען, ווייל אלסדינג וואס מען קויפט ביי איהם, מוז מען גלייך באצאהלען אין באר. אלחנן ארטשיק האט אנגעהויבען טנעה'ן, איהם אנגעהויבען צו ערקלערען די גליקען וועלכע וועלען באלד צו איהם קומען, און וועלכע גרויסע סומען געלד ער ערווארטעט פון זיין ערפינדונג. אבער עס האט ניט געהאלפען. דער שניט־קרעמער האט פון קיין זאך ניט גע־וואלט וויסען און האט פארלאנגט בארגעלד, און אזוי ווי ער האט איהם קיין בארגעלד ניט געקענט געבען, איז פון דעם געשעפט גאר ניט געווארען. אלחנן ארטשיק האט פארזוכט צו פועל'ן ביי די אנדערע שניט־קרעמער, אז זיי זא־לען איהם געבען סחורה אויף בארג, און ער האט ביי זיי אויך קיין זאך ניט אויסגעפיהרט. זיי האבען איהם געוואלט בארגען סחורה נור צוויי־דריי רובעל אבער ניט גוטע סחורה אין די צעהנדליגע רובעל.

ווען אלחנן ארטשיק האט געזעהן, אז אפילו נייע בגדים קען ער זיך אויך ניט פארשאפען, איז ער געווארען א ביסעל טרויעריג און פארצווייפעלט. "וואס איז דאס פאר א וועלט, האט ער גע'טענה'ט, אז איין מענש זאל ניט האבען קיין בטחון אין א צווייטען מענשען. אלע שניט־קרעמער אין שטאדט קענען מיר, אלע וויסען אז איך בין קיינעם קיין קאפיקע ניט שולדיג, אלע פון זיי וויסען אויך, אז איך בין ניט קיין שווינדלער, און דאך ווילען זיי מיר ניט בארגען א שטיקעל סחורה אין ווערט פון דרייסיג רובעל. "א שלעכטע וועלט א בייזע וועלט", האט אלחנן ארטשיק געזיפצט. פון דעם טאג אן וואס ער האט אויסגעפונען, אז ער קען זיך אפילו קיין נייע בגדים ניט פארשאפען, איז ער געווארען א גאנץ אנדערער מענש. ער איז ארומגעגאנגען ווי א צוטראגענער. ער איז שטענדיג געווען פארטראכט און טרויעריג. די מוהמע זלאטע איז געווארען זעהר באזארגט, ווען זי האט דערזעהן, אז איהר געראטענער פלימעניק געהט ארום פארזארגט און פארצווייפעלט, עסט ניט ביי טאג און שלאפט ניט ביי־נאכט. קיין שטארקער מענש איז אלחנן ארטשיק קיין מאל ניט געווען און יונג איז ער אויך ניט מעהר געווען, און ווען ער זאל זיך די זאך נעהמען שטארק צום הארצען, קען ער נאך קראנק ווערען. זי האט איהם אנגעהויבען טרייסטען און איהם געהייסען ווייטער האבען בטחון און ניט פארצווייפלען. זי האט אנגעהוי־בען אויף איהם בעסער אויפצופאסען און זעהן אז ער זאל עסען אין צייט און אז ער זאל בעסער שלאפען, און אז ער זאל זיך פיהלען אזוי באקוועהם ווי מעג־ליך. געהאלפען האט דאס וועניג וואס. דער קליינער אלחנן ארטשיק איז געווא־

רען נאך קלענער פון צער און עגמת נפש, און די מוהמע זלאַטע איז געווען פול מיט צער איבער דעם שיקזאל פון איהר געראטענעם פּלימעניק, אויף וועמען אלע אידענעס אין שטאדט זיינען געווען אזוי שטאלץ. אלחנן ארטשיק האט אויפגעהערט צו עסען, ער האָט ניט געקענט שלאָפען, ער איז ניט מעהר גע־גאנגען צו קלמן דעם שמיעד אין קוזשניע מאכען שרייפלאך און טשוועקלאך, און איז אפילו אין בית המדרש אויך ניט מעהר געגאנגען. ער האט זיך גע־מאכט די געוואוינהייט צו זיטצען אין זיין קעמערל, אין זלאטע'ס הויז און חלומ'ען. פון וואָס ער האט געטראכט, האט ער קיינעם ניט געזאגט. די מוהמע זלאַטע האט איהם געדארפט דערמאהנען, אז עס איז צייט צו עסען אדער אז עס איז צייט צו געהן שלאפען.

אזוי זיינען אוועק טעג און וואכען. עס האט אויסגעזעהן אז אלחנן ארטשיק וועט שוין אזוי פארברענגען זיין לעבען אין טרויער, פארצווייפלונג און פארשוויגענהייט. אבער אז עס איז באשערט, אז א איד האט מזל, איז דאך ניט שייך. עס שיינט, אז אלחנן ארטשיק'ס בטחון איז געווען ניט אומזיסט. כאטש ער איז געווען טרויעריג און פארצווייפעלט, האט ער נאך די לעצטע האפנונג ניט געהאט פארלארען און אין א שעהנעם העלען טאג איז איהם גע־קומען די ישועה, און געקומען איז זי גאנץ אומערווארטעט.

אין א שעהנעם נאכמיטאג איז אלחנן ארטשיק אריינגעפאלען צו דער מוהמע'ן אין שטוב מיט א פנים פול פרייד און האט אויסגערופען מיט באגייסטערונג : "מוהמע זלאטע, גאט פארלאזט ניט די וועלכע גלויבען אין איהם. איך האב עס. יא איך האב עס, גאט האט מיר געהאלפען, און איך האב שטענדיג געוואוסט, אז ער וועט מיר העלפען. איך וועל שוין באלד האבען פיי־נע בגדים, זייבערע קליידער, כמעט שפאגעל־נייע קליידער און דאן — אזוי ווי בגדים מאכען לייט, וועל איך שוין קריגען געלד אויך. מוהמע זלאטע, אוואו איז א שער און א נאדעל און א באוועל, געשווינד, מוהמע, געשווינד!"

די מוהמע זלאטע האט באלד ערפאהרען, אז אלחנן ארטשיק געהט אויפטרענען זיינע אלטע בגדים און זיי איבערניטצעווען אוי דער אנדער זייט. הערצו האט ער גאר קיין שניידער ניט געדארפט. און אזוי האט אלחנן ארטשיק געהאפט צו קריגען נייע בגדים כדי צו זיין א לייט און כדי צו קריגען געלד, כדי ער זאל קענען אריינפאהרען אין קעניגסבערג אדער צו פארענדיגען און פארקויפען זיין ערפינדונג און ווערען א מיליאנער.